248

# אָקספאָרדער יידיש

## III

רעדאַקטאָר

**הירשע־דוד קאַץ**

געהילף רעדאַקטאָרן

**גענאַדי עסטרייַך, דוב־בער קערלער**

BIBLIOTHÈQUE
MEDEM
52, rue
René-Boulanger
75010 PARIS

1995 תשנ״ה

פאַרלאַג „אָקספאָרדער יידיש״

# די השפעה פון ליטוויש אויפן יידישן דיאַלעקט אין ליטע

פון
כאַצקל לעמכען
(ווילנע)

## הקדמה

די פאָרשונג אויף וועלכער אָט די אַרבעט בויט זיך איז דורכגעפירט געוואָרן פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה, ווען אין ליטע זיינען נאָך געווען עטלעכע הונדערט טויזנט יידן צעזייט און צעשפּרייט איבער שטעט און שטעטלעך. שכנותדיקע קאָנטאַקטן מיט ליטווינער אין משך פון יאָרהונדערטער האָבן געלאָזן קענטיקע שפּורן אין דער שפּראַך פון די ליטווישע יידן. די אַרבעט, וואָס ווערט דאָ פאָרגעלייגט, איז אַן איינציקע פאָרשונג וועגן דער השפּעה פון דער ליטווישער שפּראַך אויפן יידישן דיאַלעקט אין ליטע. נאָך דער היטלערישער אָקופּאַציע, בעת וועלכער מען האָט אומגעבראַכט די גרעסטע מערהייט ליטווישע יידן, און אין די שטעטלעך זיינען שוין קיין יידן ניטאָ, קען מען שוין די פאָרש־אַרבעט ווייטער ניט פירן.

דער ערשטער נוסח פון דער אַרבעט איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אין 1970 אויף ליטוויש (לעמכען 1970). דער יידישער נוסח קען ניט זיין און איז ניט קיין פּשוטע איבערזעצונג. ערשטנס, איז דער אַדרעסאַט אַן אַנדערער — דאָס צווינגט אַריינצוברענגען שינויים אין טעקסט און אַריינצופירן יידישע דערקלערונגען און אויסטייטשונגען, וואָס זיינען אין ליטווישן טעקסט ניט נייטיק. צווייטנס, זיינען צוגעקומען נאָך מאַטעריאַלן, פון וועלכע מען דאַרף באַזונדערס דערמאָנען יודל מאַרקס אַרבעט „אונדזער ליטווישער יידיש" (מאַרק 1951) און פּראָפ. פּ. אַריסטעס רעצענזיע (אַריסטע 1970) אויף דעם ליטווישן נוסח פון מיין אַרבעט, וואו עס ווערן אָנגעגעבן ליטואַניזמען, וועלכע עס נוצן יידן אין עסטלאַנד, אָפּשטאַמיקע פון ליטע און לעטלאַנד (קורלאַנד). דריטנס, איז געווען מעגלעך אַריינצונעמען נאָך ליטואַניזמען פון יידישע דרוקזאַכן, למשל פון גרויסן ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך (באַנד III, 1971) און פון נחום סטוטשקאָווס אוצר פון דער יידישער שפּראַך (סטוטשקאָוו 1950). עס איז געווען אויך מעגלעך צו געבן עטלעכע פּאַראַלעלן פון דער נייער ליטווישער לינגוויסטישער ליטעראַטור. דער יסוד פון דעם יידישן נוסח פון דער אַרבעט בלייבט נאַטירלעך די ליטווישע פּובליקאַציע (לעמכען 1970).

## קיצורים:

| | |
|---|---|
| אַדוו | אַדווערב |
| אַדי | אַדיעקטיוו |
| אומטראַנז | אומטראַנזיטיוו |
| אצ | איינצאָל |
| איצט | איצטיקע צייט |
| אַק | אַקוזאַטיוו |
| גענ | געניטיוו |
| דיאַל | דיאַלעקטיש |
| ד.ז. | דאָס זעלביקע |
| טראַנז | טראַנזיטיוו |
| ליט | ליטוויש(ע שפּראַך) |
| לעט | לעטיש |
| מ | מאַסקולין |
| מצ | מערצאָל |
| פּאַס | פּאַסיוו |
| פּרט | פּאַרטיציפּ |

| | |
|---|---|
| פ | פעמינין |
| פגל. | פאַרגלייך |
| פיג | פיגוראַטיוו |
| פרג.צ. | פאַרגאַנגענע צייט |
| רעפל | רעפלעקטיווע פאָרעם |

## געאָגראַפישע קיצורים:

| | |
|---|---|
| אוט | אוטיאַן (Utenà), מזרח ליטע |
| אַנ | אַניקשט (Anykščiaĩ), מזרח ליטע |
| בגסל | באָגאָסלאַווישק (Bagaslavìškis), מזרח ליטע |
| בט | באַטיק (Batakiaĩ), זאַמעט |
| בלנ | באַלניק (Bálninkai), מזרח ליטע |
| ברז | בירזש (Bìržai), מזרח ליטע |
| וולק | ווילקאָמיר (Ukmergẽ), מזרח ליטע |
| וולקוו | ווילקאָווישק (Vilkavìškis), דרום־מערב ליטע |
| ווקש | וועקשנע (Viekšniaĩ), זאַמעט |
| וורב | ווירבאַלים (Virbãlis), דרום־מערב ליטע |
| זשג | ז(ש)אַגאַרע (Žagãrė), זאַמעט |
| טרש | טרישיק (Trýškiai), זאַמעט |
| יורב | יורבעריק, יורבורג (Jùrbarkas), דרום־מערב ליטע |
| ינוו | יאַנעווע (Jonavà), דרום־מערב ליטע |
| ינש | יאַנישאָק, יאַנעשיק (Jõniškis), זאַמעט |
| מזשק | מאַזשייק (Mažeĩkiai), זאַמעט |
| מלט | מאַליאַט (Molétai), מזרח ליטע |
| מרמפ | מאַריאַמפּאָל (Marijámpolė), דרום־מערב ליטע |
| סרד | סערעדזש (Serēdžius), דרום־מערב ליטע |
| עסט | עסטלאַנד (שטאָט טאַרטו) |
| פיוו | פּיוואָניע (לעבן וולק) (Pivónija), מזרח ליטע (איצט וולק) |
| פילוו | פּילווישאָק (Pìlviškiai), דרום־מערב ליטע |
| פלנג | פּאַלאַנגען, פּאַלאָנגע (Palangà), זאַמעט |
| פמפ | פּומפּיאַן (Pùmpėnai), מזרח ליטע |
| פנוו | פּאָנעוועזש (Panevėžỹs), מזרח ליטע |
| פפ | פּאָפּעלאַן (Papìlė), זאַמעט |
| פש | פּאָשוועטין (Pašvitinỹs), מזרח ליטע |
| קדן | קיידאַן (Kėdáiniai), צווישן מזרח און מערב ליטע |
| קורל | קורלאַנד (Lãtvija), לעטלאַנד |
| קוור | קאָוואַרסק (Kavárskas), מזרח ליטע |
| קלמ | קעלעם (Kelmė̃), זאַמעט |
| קנ | קאָוונע (Kaũnas), דרום־מערב ליטע |
| רגוו | ראָגעווע (Raguvà), מזרח ליטע |
| רס | ראַסיין (Raséiniai), זאַמעט |
| שוו | שוועקשנע (Švė́kšna), זאַמעט |
| שט | שאַט (Šéta), זאַמעט |
| של | שאַוול (Šiauliaĩ), זאַמעט |
| שלוו | שידלעווע (Šìluva), זאַמעט |
| שק | שאַקי (Šakiaĩ), דרום־מערב ליטע |
| שקד | שקוד (Skuõdas), זאַמעט |
| שר | שירווינט (Šìrvintos), מזרח ליטע |

## געאָגראַפישע נעמען

אין דער דאָזיקער אַרבעט ווערט דער טערמין ליטוויש באַנוצט נאָר אין זין „די יידישע אָדער ליטווישע שפּראַך אין דער היינטיקער עטנאָגראַפישער ליטע“, ניט אין זין „צפון־מזרח יידיש“, וואָס איז אַ סך אַ ברייטערער באַגריף, נעמט אַריין אויך ווייסרוסלאַנד. אין דער רשימה פון געאָגראַפישע נעמען ווערן אָנגעוויזן בלויז ערטער פון דער אַזוי גערופענער „קאָוונער ליטע“, דאָס הייסט פון דער ליטווישער רעפּובליק אָן ווילנער געביט, ווייל דער מאַטעריאַל איז געזאַמלט געוואָרן אין דער צייט, ווען דאָס ווילנער געביט איז ניט געווען קיין טייל פון דער רעפּובליק. די מאַטעריאַלן פון אויסער דער ליטווישער רעפּובליק ווערן אין דער אַרבעט פאַרצייכנט אָן קירצונגען.

די ליטווישע שפּראַך טיילט מען אויף צוויי גרויסע דיאַלעקטישע גרופּן: זשעמײַטיש (יידיש זאַמעט, נאָר זאַמעט איז גרעסער פאַרן זשעמײַטן־געביט, גייט אַריבער זיינע גרענעצן) און אַוקשטײַטיש, וואָס טיילט זיך אויף צוויי גרויסע אונטערדיאַלעקטן: מזרח אַוקשטײַטיש און מערב אַוקשטײַטיש — דער צווייטער אונטערדיאַלעקט איז דער יסוד פון דער ליטווישער כלל־שפּראַך. יעדער דיאַלעקט האָט נאָך אונטערדיאַלעקטן און ריידעכישן, וואָס צייטנווייז האָט זיך דאָס אָפּגעשפּיגלט אין די יידישע ליי־ווערטער פון ליטוויש. די ליטואַניזמען אין ליטווישן יידיש זיינען באַזונדערס פאַרשפּרייט אין זאַמעט און ביי־זאַמעט, אַ ביסל ווייניקער אין מזרח־אַוקשטײַטישן געביט (מזרח ליטע), נאָך ווייניקער אין מערב־אַוקשטײַטישן געביט (דרום־מערב ליטע).

atitinkamų žydiškųjų garsų, kurių artikuliacija ta pati, artima arba kartais skirtinga. Be to, lietuvių kalboje yra garsų, kurių Lietuvos žydų tarmė, kartais ir žydų kalba apskritai neturi. Tokiais atvejais lietuviškieji garsai pakinta, žydas juos saviškai artikuliuoja, stengdamasis pagal gautąjį klausos įspūdį nenutolti nuo pirmykščio garso. Plg. lietuviškojo liežuvinio *r* pavirtimą Lietuvos žydų tarmės liežuvėliniu *r*, žr. toliau VIII, 2, dvibalsio *uo* monoftongizaciją, žr. VII, 6, lietuviškųjų *s* ir *š* likimą Žemaičių žydų tarmėje, žr. VIII, 3.

Kaip paprastai, labiausiai pakito skolinių balsiai, ypač nekirčiuotuosiuose skiemenyse, ir galūnės su priesagomis (žodžio galas). Įsidėmėtina, kad toliau vartojamais kirčiuotojo ir nekirčiuotojo skiemens terminais turimas galvoje žydiškojo žodžio (skolinio) kirtis, ne pirmykštis kirtis lietuvių kalboje. – Plačiau apie žodžius, kurie eina šiame ir tolimesniuose skyriuose pavyzdžiais, žr. skolinių žodynėlį darbo gale.

## V. Kirčiuotųjų skiemenų balsių atliepimai

1. Lietuvos žydų tarmė (*litvišer jidiš* apskritai) neturi ilgųjų balsių, visi balsiai tariami maždaug vienodai trumpai. Kai kurios Žemaičių žydų šnektos gal, be trumpųjų, turi ir pusilgių, bet tas dalykas nepakankamai ištirtas. Lietuviškųjų ilgųjų ir trumpųjų balsių atliepimas Lietuvos žydų tarmėje yra vienodas. Kuržemės žydų tarmėje buvo ir ilgųjų. Iš vienintelio žodžio žyd. *ēgle* Kalmanovič KurD 179, kur ilgumas pažymėtas, sunku daryti kokias nors išvadas apie skolinių balsių ilgumą toje tarmėje.

2. Lie. *a* liko žyd. *a*, pvz., žyd. *álksne* < lie. *alksnis*, žyd. *bárškenen* < lie. *barškėti*, žyd. *šákale* < lie. *šakalys*. – Dėl tautosilabinių *an*, *am*, *en*, *em* žr. toliau XI, 6.

3. Lie. *e* > žyd. *e*. Žyd. *e* (Lietuvos žydų tarmėje) yra palatalinis, tariamas vidutiniu liežuvio pakilimu, neapvalus, atviras, nepalatalizuoja prieš jį esančio priebalsio; akustinis jo įspūdis gerokai skiriasi nuo lie. *e*, kuris, būdamas žemutinis, artimas balsiui *a* ir, be to, palatalizuoja prieš jį esantį priebalsį. Pvz., žyd. *bérze* < lie. *beržas*, žyd. *sélenes* < lie. *sėlenos*, žyd. *égle* < lie. *eglė* (žydiškai čia abu *e* vienodi).

Du rinkinio žodžiai turi žyd. *a* < lie. *e*, abu skoliniai užrašyti ne Žemaičiuose: žyd. *plant* (Šk, Vlkv, buv. Marijampolė [Kapsukas]) < lie. *plentas*, žyd. *kalále* (pravardė Pmp) < lie. *kalelė*. Dėl antrojo pavyzdžio reikia pažymėti, kad Rytų Aukštaičiuose (Pmp), kur garsų junginiai *le* ir *lė* tariami kietai (žr. Būga LKŽ LVIII), lietuviškasis junginio *le* tarimas nedaug tesiskiria nuo *la*, plg. Zinkevičius Dial § 180.

Žydų kalboje prieš nazaliuotąjį garsų junginį *ng* arba *nk* balsis *e* > *ej* (diftongizacija), plg. Reizen JGr 62. Dėl to lie. *e* > žyd. *ej* prieš *nk*: žžyd. *méjnke* < lie. *menkė*, žžyd. *tréjnkenen zech* < lie. *trenktis*.

Žyd. *míndres* (Mlt) < lie. *mindres* (tarm.) = *mendrės*. Tarmiškai (r. a.: Mlt) tautosilabinis *en* > *in*, plg. Salys TIst 27 ir 29 ir Zinkevičius Dial žmlp. Nr. 68.

4. Lie. *ė* > žyd. *e* (kaip ir iš lie. *e*; žyd. *e* artikuliacija aukščiau išaiškinta), pvz., žžyd. *sétene* < lie. *sėtinys*, žyd. *nadégale* < lie. *nuodėgulis*, tarm. *nadėgulis* ir *nedegulys*, žyd. *kalbékenen* < lie. *kalbėti*, žyd. *valéne* < lie. *velėna*.

Kadangi lie. *ė* yra siauras, tad nebūtų nuostabu, jei jis būtų kada sukeistas su *i*. Mano rastas tik vienas toks skolinys: žyd. *padegíses* (Šlv) < lie. *padegėsiais*.

Dar daugiau šansų turi lie. *ė* būti sukeistas su *ej* dėl savo akustinio įspūdžio. Tačiau abu tos rūšies pavyzdžiai: žyd. *kaléjd* „kalėdos" ir *klejt* „klėtis" yra neaiškios kilmės; jie gali būti slaviški skoliniai (plg. r. *клеть*, *коляда*), tada jie turi normalųjį atitikmenį žyd. *ej* < sl. *e* arba *ja*, plg. Reizen JGr 62, § 110. Žr. *kalejd* ir *klejt* skolinių žodynėlyje.

5. Lietuviškuosius *i* ir *y* atitinka žyd. *i*, kuris tariamas kaip lie. *y*, bet trumpai (lie. *i* yra platesnis, lie. *y* yra siauresnis;





צווי ייִטלעך פונעם ליטווישן נוסח פון דער שטודיע (= לעמכען 1970)



כאַצקל לעמכען אין זיין ווילנער דירה בעתן אָנשרייבן אָט די אַרבעט (מאַי 1992)
(פֿאָטאָ: פּאַולוס לילעיקיס)

# אַריינפיר

## I

## מקורות

וועגן דער השפּעה פון דער ליטווישער שפּראַך אויף דעם יידישן דיאַלעקט אין ליטע איז ניטאָ קיין איין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, אָבער עטלעכע פילאָלאָגן האָבן שוין באַמערקט, אַז די השפּעה איז געווען אַ גאַנץ באַדייטיקע.

מ. ווײַנרײַך, באַשרײַבנדיק דעם קורלענדער יידישן דיאַלעקט, פאַרצייכנט: „די ווירקונג פון לעטיש אויף יידיש איז געווען אַ סך קלענער, איידער פון ל י ט װ י ש אין דער שכנהשער קאָוונער גובערניע" (ווײַנרײַך 1923: 224). אויף צו דערקלערן דעם אָפּשטאַם פון עטלעכע ווערטער האָט ער דער ערשטער זיך באַנוצט מיט קורשאַטס ליטוויש־דײַטשן ווערטערבוך (קורשאַט 1883). זיבן ליטווישע ווערטער, וואָס זײַנען אַרײַן אין ליטווישן יידיש (פאַרשריבן אין שאַוולער אומגעגנט) האָט אָפּגעדרוקט ז. ר(ייזען) אין 1924 אין יידישע פילאָלאָגיע (ז. 329).

י. ליוושין האָט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין דער ליטווישער צײַטונג Lietuvos Aidas („עכאָ פון ליטע") „די השפּעה פון ליטווינער אויפן יידישן לעבן" (ליוושין 1929), וואו דער מחבר האָט זיך זייער ברייט פאַרמאָסטן: ער האָט געפּרואווט דערזען אַ ליטווישע השפּעה אויף יידישע מנהגים, אײַנגלייבענישן, שפּריכווערטער, פאַמיליע נעמען און שפּראַך. אין דעם דאָזיקן אַרטיקל זײַנען פאַראַן אַ היפּש ביסל ניט־ריכטיקע אַרויסזאָגן (ווײַטער וועט אויסקומען אויף עטלעכע פון זיי זיך אָפּצושטעלן). ענטפערנדיק אויף ליוושינס אַרטיקל האָב איך אָנגעוויזן (לעמכען 1929), אַז די השפּעה פון ליטווינער אויף יידן איז ניט געווען אַזאַ ברייטע, ווי דאָס שטעלט זיך פאָר י. ליוושין, זי האָט ניט אַרומגענומען אַזויפיל געביטן, נאָר אין איין געביט — אין שפּראַך — איז זי געווען אַ סך אַ טיפערע איידער מען וואָלט געקענט מיינען לויט דעם דערמאָנטן אַרטיקל. נאָר קיין גרויסע טענות צו י. ליוושינען קען מען ניט האָבן: זײַן צײַטונגס־אַרטיקל האָט, קען זײַן, ניט געהאַט קיין וויסנשאַפטלעכע צילן, אָבער דער ברייטער מאַסע לייענער האָט ער געגעבן עטלעכע ריכטיקע געדאַנקען. אין די ייוואָ בלעטער האָב איך פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל (לעמכען 1931) וועגן דעם גורל פון די ליטווישע ווערטער stačias און status אין ליטווישן יידיש. דאָ איז אויך אַרויסגעהויבן געוואָרן די פראַגע וועגן דער געאָגראַפיע פון ליטווישע ליי־ווערטער אין יידיש.

באַזונדערע באַמערקונגען קען מען געפינען אין יידישע פילאָלאָגישע זשורנאַלן, אָבער דאָס זײַנען בלויז אָנווייזונגען וועגן דעם אָפּשטאַם פון עטלעכע ווערטער.

דער וויכטיקסטער מקור פון דער אַרבעט איז געווען די לעבעדיקע שפּראַך. מײַן אייגענע ריידעניש (פּאָפּעלאַן [Papìlė] אין זאַמעטער) האָט געגעבן דעם יסוד פאַר דער אַרבעט. מאַטעריאַלן פון די שטעט ז(ש)אַגער [Žagãrė] (ביי־זאַמעטער), שאַוול [Šiauliaĩ] (ביי־זאַמעטער) און ווילקאָמיר [Ukmergẽ] (מזרח ליטע), וואָס אין זיי האָב איך געלעבט אַ לענגערע צײַט, האָבן דערגאַנצט די ערשטע זאַמלונג. די שילער פון ווילקאָמירער יידישער גימנאַזיע און פון שאַוולער העברעאישער גימנאַזיע, וואָס זײַנען געווען געקומען פון פאַרשידענע ליטווישע שטעט און שטעטלעך, און מײַנע קאָלעגן לערער האָבן געגעבן אַ גוטן צושטייער פאַר דער טעמע. דאָ זײַנען דאָ אויך צופעליק געקראָגענע ידיעות: געהערט פאָרנדיק אין באַן, זיך געטראָפן מיט אַ מענטש פון אַן אַנדער געגנט א.א.וו.

די גרעסטע צאָל ליטווישע ליי־ווערטער געפינען מיר אין זאַמעט (ליטוויש Žemaitija, זשעמײַטיש געביט) און לעבן זאַמעט. דעריבער איז דער גרעסטער מאַטעריאַל אין דער אַרבעט פון זאַמעטער און ביי־זאַמעטער וואוין־ערטער, וואָס זײַנען מער געפאָרשט געוואָרן: פּאָפּעלאַן (Papìlė), טרישיק (Trýškiai), באָטיק (Batakiaĩ), שוועקשנע (Švėkšna) ז(ש)אַגער (Žagãrė), שאַוול (Šiauliaĩ). אַ היפּש ביסל ידיעות זײַנען צונויפגעקליבן פון „ניט־זאַמעט" (ליטוויש aukštaĩčiai, אַוקשטײַטיש געביט), באַזונדערס פון מזרחדיקן טייל: ווילקאָמיר (Ukmergẽ), פּומפּיאַן (Pùmpėnai), ראָגעווע (Raguvà), שירווינט (Šìrvintos); דער מערבדיקער טייל איז ווייניקער געפאָרשט, כאָטש פון אים איז דאָ אַ פאָרשטייער — שאַקי (Šakiaĩ). ס'וואָלט געווען נוציק צו קריגן מער ידיעות פון דרום: אַליטע (Alytùs), מאַריאַמפּאָל (Marijámpolė). עס איז געבליבן ניט געפאָרשט ווילנער געביט (אין דער פאָרש־צײַט איז ווילנע געווען ניט־צוטריטלעך פאַר מענטשן פון „קאָוונער ליטע"); פון אים זײַנען אין דער דאָזיקער אַרבעט אַרײַן בלויז ברעקלעך, צונויפגעקליבן פון פילאָלאָגישע שריפטן, יידישע פילאָלאָגיע און פון באַסטאַמסקים ביים קוואַל I (באַסטאָמסקי 1920 און 1923). די געפונענע ברעקלעך ווייזן, אַז אַ פלייסיקער זאַמלער וואָלט דאָרט אויך געקענט מער געפינען.

אַ ביסל מאַטעריאַל איז גענומען געוואָרן פון מ. ווײַנרײַכס און ז. קלמנאָוויטשעס באַשרײַבונגען פון

קורלענדער יידיש (ווײַנרײַך 1923; קלמנאָוויטש 1926), וואו עס זײַנען דאָ ריין ליטווישע און אפשר ליטוויש⸗לעטישע ליי⸗ווערטער. ערטערוויַיז איז דער אָפּשטאַם פון די ווערטער אָנגעוויזן פון די אויטאָרן, אָבער אָפט איז זייער אָפּשטאַם געבליבן ניט אויפגעקלערט אָדער — אין זעלטענע פאַלן — אויפגעקלערט ניט ריכטיק. מען דאַרף ניט פאַרגלייכן הורקענען 'שטויסן', 'שטופן' (קורלאַנד, ליטע, עסטלאַנד) מיטן סלאַווישן טאָרקענען (פגל. קלמנאָוויטש 1926: 175), ווייל דאָס איז בפירוש אַ ליטוויש⸗לעטיש וואָרט durti (ליטוויש) און durt (לעטיש) 'שטויסן', 'שטעכן'. ביים וואָרט שטיפענען 'פרירן', 'פאַרקאַלייען' שטעלט מ. ווײַנרײַך פשוט אַ פראַגע⸗צייכן, קען ניט געפינען זיין אָפּשטאַם (ווײַנרײַך 1923: 327); אַ. לאַנדוי פרואווט דאָס וואָרט פאַרגלייכן מיטן פוילישן וואָרט szczypać, רוסישן щипать (ייד. פיל. 1924: 60), אָבער דאָס איז ווידער אַ ליטוויש ליי⸗וואָרט, פגל. ליטוויש stipti (ווערטערבוך פון ליטווישער ליטעראַטור שפּראַך) “frieren; sich in der Kälte aufhalten; steif, starr werden” (אין ליטוויש האָט דאָס וואָרט נאָך דעם באַדייט 'פגרן' “verrecken, krepieren (von Tieren)”.

איינמאָל האָט פּאַסירט אויך פאַרקערט — אַ וואָרט פון ניט⸗ליטווישן אָפּשטאַם האָט מען געפּרואווט צושרייבן ליטווישע וואָרצלען: ז. קלמנאָוויטש (1926) האַלט, אַז פּאָזע שטאַמט פון ליטוויש pas 'ביי', 'צו'. אָבער עס איז דאָך דאָ אַ ביי⸗פאָרמע פּאָזע, וואָס איז געבליבן, למשל, אין דעם יידישן נאָמען פון אַ גאַס אין זשאַגער לענגאויס דעם טייך, פּאָזע טייך און אין דעם אויסדרוק פּאָזע שאָטן „בשתיקה, שטילינקערהייט, בגניבה"; אין פּאָשוועטין (Pašvitinỹs) האָט מען פּאָזע געברויכט ברייטער. די עטימאָלאָגיע פון דעם וואָרט גיט ד. לייבל (1928: 490) (פגל. פּויליש po zabrzegu). נאָר אַזוינע טעותים זיינען זייער זעלטן צוליב דער דערמאָנטער סיבה: אָפט איז דעם מחבר פשוט ניט באַקאַנט דער אָפּשטאַם פון וואָרט, פגל. למשל קויפּ, אויסגעדילעט, שקראַנדלע: שקראָנדע אין ז. קלמנאָוויטשעס ווערטער⸗רשימה (קלמנאָוויטש 1926). מען מוז האָבן אין זינען, אַז די מערהייט ליטווישע ליי⸗ווערטער, אַפילו די וואָס ווערן גענוצט אין גאַנץ ליטע, זיינען אין ערגעץ ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, און אַ יידישן פילאָלאָג, וואָס האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט ליטוויש, קען שווערלעך איינפאַלן צו זוכן ליטווישע וואָרצלען פון אַ דיאַלעקטישן יידישן וואָרט.

די אַרבעט קען ניט זיין קיין אויסשעפּיקע — די לעבעדיקע שפּראַך איז אַן אומאויסשעפּיקער קוואַל. אין אַן ערשט ווערק אויף דער טעמע זיינען ניט אויסגעשלאָסן אויך וואָסערע טעותן. אָבער דאָס זאַמלען מאַטעריאַל



איבער צען יאָר און דאָס מערמאָליקע דורכקאָנטראָלירן דעם גרעסטן טייל פון דער זאַמלונג „אין פעלד" האָבן דעם מחבר פאַרהיט פון גראָבע פעלערן און גרויסע בלויזן.

## II

## פראַגעס פון כראָנאָלאָגיע

דער פּשוטסטער און זיכערסטער אופן אויף פעסטצושטעלן די כראָנאָלאָגיע פון אַ ליי⸗וואָרט איז די אָנווייזונג, אין וועלכער שריפט ווערט דאָס וואָרט צום ערשטן מאָל באַנוצט (דער אופן טויג, פאַרשטייט זיך, נאָר פאַר אַזאַ פעריאָד, ווען דאָס פאָלק האָט שוין שריפטן). אָבער דער דאָזיקער מעטאָד טויג אין אונדזער פאַל לחלוטין ניט, ווייל אין די יידישע שריפטן מיידט מען אויס צו באַנוצן נייע סלאַווישע אָדער ליטווישע ליי⸗ווערטער. דער איינציקער מיר באַקאַנטער אויסנאַם איז דאָס וואָרט שווירטים (פון אַ ברונעם), וואָס איז דאָ אין מעשה משנת 1290, אַ כתב⸗יד, געקויפט אין וואַרשע אין תרמ"ג (1882\1883) — פון ווינערס זאַמלונג, אין דער מאַנוסקריפּטן⸗אָפּטיילונג פון אינסטיטוט פאַר מזרח⸗קענטענישן פון דער וויסנשאַפט אַקאַדעמיע פון פססר („מעשה משנת 1290" 1881: 78). אגב איז דאָס וואָרט שווירטים דעם פּובליקאַטאָר און דער רעדאַקציע פון סאָוועטיש היימלאַנד ניט געווען באַקאַנט; שפּעטער האָט אַ לייענער פון ליטע געגעבן אַ דערקלערונג מיט אַ צייכענונג (דושאַנסקים 1982). בלויז אין יידישע דרוקזאַכן, וואָס זיינען דערשינען צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט מלחמות, קען מען — אויך זייער זעלטן — געפינען אַ ליטואַניזם.

דעריבער מוזן מיר זיך ווענדן בקיצור צו דער געשיכטע פון יידן אין ליטע כדי צו קענען פעסטשטעלן, ווען איז געוואָרן מעגלעך, אַז ליטווישע אַנטלייאונגען זאָלן אָנהייבן אַריינדרינגען אין דעם יידישן דיאַלעקט פון ליטע.

יידן האָבן אַ מגע⸗ומשא מיט ליטווינער שוין מערערע יאָרהונדערטער. שוין אין 14טן יאָרהונדערט זיינען געווען יידן אין ליטווישן גרויספירשטנטום, אויך ספּעציעל אין דער עטנאָגראַפישער ליטע. דער ליטווישער גרויספירשט וויטאָווט (וויטאַוטאַס) האָט אין 1388 יאָר געגעבן די יידן פון טראָק (Trakai), בריסק (ברעסט) און גראָדנע אַ פּריווילעגיע, וואָס האָט רעגולירט די עקאָנאָמישע, סאָציאַל⸗געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען צווישן דעם הערשער און יידן, יידן און קריסטן און צווישן די יידן גופא. אָבער יידן אין דער עטנאָגראַפישער ליטע זיינען נאָך געווען ניט קיין סך: אין גאַנצן גרויספירשטנטום

אַרום 6,000, דער עיקר אין די ווייסרוסישע געביטן. אין 16טן יאָרהונדערט זיינען אין דעם גרויספֿירשטנטום שוין געווען פֿופֿצן קהילות, אָבער אַלץ נאָך מערסטנטייל אין ווייסרוסלאַנד; אין אַוקשטײַטישן געביט (ניט=זאַמעט) זיינען דעמאָלט געווען נאָר צוויי קהילות: אין מערעטש (Merkinė) און טראָק (Trakai); אין קאָוונע און ווילנע זיינען נאָך געווען ווייניק יידן, זיי האָבן נאָך ניט געהאַט קיין באַזונדערע קהילות, און אין זאַמעט (Žemaitija) האָט מען וועגן יידן נאָך ניט געהערט. סך=הכל זיינען אין 1566 געווען אַרום אַכט ביז צען טויזנט יידן. זיי האָבן זיך באַשעפֿטיקט מיט האַנדל, וואָכעריי; די צאָל האַנט=ווערקער איז געווען קליין.

אין דאָרף קומען מער יידן ערשט נאָך דער לובלינער אוניע (1569), ווען ליטע האָט זיך פֿאַראייניקט מיט פּוילן. „די באַיאַרן האָבן אויסגעבויט אין די דערפֿער קרעטשמעס, באַזעצט אין זיי אָרעמע יידן. מאָנאַכן, גייסטלעכע, אָפּשטאַמיקע פֿון די זעלביקע באָיאַרן, האָבן זיך אויך אַזוי געפֿירט" (יאַנולײַטיס 1923: 26). אַחוץ קרעטשמער זיינען אין די דערפֿער געווען אויך יידן שטייערן=אַרענדאַטאָרס, משרתים אין די קרעטשמעס, ערד=אַרענדאַטאָרס. אַ געוויסע צאָל יידן האָבן געאַרבעט אין די וועלדער, וואָס מען האָט אָנגעהויבן ברייט צו עקספּלואַטירן. די צאָל יידן האָט זיך פֿאַרגרעסערט. אין 17טן יאָרהונדערט זיינען שוין געווען 32,000 יידן. וועגן 18טן יאָרהונדערט זיינען שוין דאָ פּינקטלעכערע ידיעות: אין 1766 זיינען געווען 157,000 יידן, פֿון זיי אַרום 75,000 אין עטנאָגראַפֿישער ליטע, אין ווילנער, טראָקער און זשעמײַטישער (זאַמעטער) וואָיעוואָדשאַפֿטן. אין 18טן יאָרהונדערט האָבן אין די וואַלן פֿון ועד פֿון די ליטווישע יידן שוין אָנטיילגענומען אויך דריי קהילות פֿון זשעמײַטישער וואָיעוואָדשאַפֿט: קיידאַן (Kėdáiniai), בירזש (Bìržai) און וויזשון (Výžuonos) (יאַנולײַטיס 1923: 51). אין 18טן יאָרהונדערט וואוינט שוין אַ העלפֿט פֿון די ליטווישע יידן אין דאָרף, די שטעטלשע איינ=וואוינער זיינען שוין אויך פֿאַרשידענע, עס זיינען שוין דאָ יידישע בעל=מלאכות: שניידער, שוסטער און אַנדערע.

די ווייטערדיקע געשיכטע פֿון ליטווישן יידנטום קען אונדז דאָ, אין דער דאָזיקער אַרבעט, ניט קימערן. דאָס, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אין 19טן יאָרהונדערט אַרויסגעטריבן די יידן פֿון דאָרף אין שטעטלעך און שטעט, האָט פֿון שפּראַכלעכן שטאַנדפּונקט קיין גרעסערע באַדייטונג ניט געקענט האָבן, דאָס לשון אין די קליינע ליטווישע שטעטלעך איז געווען דאָס זעלביקע ווי אין די דערפֿער, און אין די גרעסערע שטעט — וויפֿל זיינען זיי געווען?

פֿון די אויסגעלייגטע פֿאַקטן קען מען קומען צום אויספֿיר, אַז וועגן אַ וואָסער=ניט=איז גרעסערער השפּעה פֿון דער ליטווישער שפּראַך אויפֿן ליטווישן יידיש קען זיך ריידן בלויז אָנהייבנדיק פֿון 18טן יאָרהונדערט. קומענדיק צו אַזאַ השערה דאַרף מען האָבן אין זינען דעם היסטאָרישן פֿאַקט, אַז יידן האָבן זיך אין יענע צייטן געהאַלטן באַזונדער און מיט מענטשן פֿון אַנדערע פֿעלקער געהאַט ווייניק בשותּפֿותדיקס. אַחוץ דעם דאַרף אַריבער אַ געוויסע צייט, ביז פֿרעמדע ווערטער ווערן „פֿאַרדייט", ביז למשל kaupas איז געוואָרן יידיש kojp (kaupas > kojpes > kojpe > kojp > kejp).

די געשיכטע פֿון ליטווישע יידן גיט אונדז דעם ערשטן אָפּשפּאַר=פּונקט פֿאַר דער כראָנאָלאָגיע פֿון די ליטואַניזמען, אָבער זי גיט אונדז נאָר דעם ווייטסטן גבול: עס ליגט זיך ניט אויפֿן שכל, אַז עס זאָלן זיין אַנטלייאונגען, וואָס זיינען אַריין פֿון ליטוויש אין יידיש פֿריער ווי אין 18טן יאָרהונדערט, אָבער וואו קען מען געפֿינען דעם נאָענטסטן גבול? פֿון ווען אָן זיינען אין ליטווישן יידיש אויף געוויס פֿאַראַן ליטווישע ליי=ווערטער? אַז זיי זיינען ניט קיין פֿולשטענדיק נייע דערשיינונג, האָט מען געקענט פֿעסטשטעלן אויספֿרעגנדיק זקנים, וואָס האָבן באַשטעטיקט, אַז אין דער צווייטער און אַפֿילו ערשטער העלפֿט פֿון 19טן יאָרהונדערט זיינען געווען אין זאַמעטער יידיש אַ סך ליטווישע ליי=ווערטער, ניט ווייניקער ווי פֿאַר דער צווייטער וועלט מלחמה (כאָטש פֿאַר דער מלחמה האָט די צאָל ליטווישע ליי=ווערטער אונטער דער ווירקונג פֿון צייטונגען און ביכער געוויזן אַ טענדענץ זיך צו פֿאַרקלענערן). מעגלעך, אַז דעם צווייטן אָנשפּאַר=פּונקט קען געבן קורלענדער יידיש.

קורלענדער יידיש איז דער דיאַלעקט, אויף וועלכן עס האָבן פֿאַר דער ערשטער וועלט מלחמה גערעדט די יידן פֿון קורלענדער גובערניע און דער שטאָט ריגע. נאָך דער מלחמה האָט זייער יידיש זיך שטאַרק געענדערט. וועגן לעטלענדישן יידיש קען מען שוין ניט ריידן: אַזאַ דיאַלעקט — פּינקטלעכער: אונטערדיאַלעקט — איז ניט בנמצא.

קורלענדער יידיש (פֿון פֿאַר דער ערשטער וועלט מלחמה) איז אינטערעסאַנט אויך מיט דעם, וואָס אין קורלאַנד האָט יידיש, וואָס שטאַמט אין אַ גרויסער מאָס פֿון דייטש, זיך ווידער געטראָפֿן מיט איר קולטורעל מעכטיקער קרובֿה. אין קורלאַנד זיינען די אמתע באַלעבאַטים אין קולטור ענינים געווען דייטשן. די שולן און צייטונגען זיינען געווען דייטשישע. ביז די רעפֿאָרמעס פֿון אַלעקסאַנדער III איז אַפֿילו די אָפֿיציעלע שפּראַך אין

די געריכטן און אַדמיניסטראַציע געווען דייטש. די יידן האָבן דאָ געלעבט דאָס רוב אין שטעט און שטעטלעך לעבן דייטשן.

אין 1829 האָט מען יידן פאַרבאָטן צו ווערן נייע תושבים אין קורלאַנד, אַזוי ווי אין די צענטראַלע גובערניעס פון רוסלאַנד (געסען 1913). פון דעמאָלט האָט זיך אָפּגעשטעלט די יידישע אימיגראַציע אין קורלאַנד, וואָס איז אין 18טן יאָרהונדערט געווען אַ גאַנץ גרויסע. בלויז אַ פּאָר מאָל האָבן זיך דורכגעריסן דורך די ענגע שפּאַרונקעס פון געזעץ קליינע גרופּעס יידן. דעריבער קען מען וועגן קורלענדער יידיש ריידן ווי וועגן אַ מער אָדער ווייניקער איזאָלירטן יידישן דיאַלעקט (אויף וויפל אַ דיאַלעקט פון אַזאַ באַוועגלעך פאָלק, ווי דאָס יידישע, קען בכלל זיין איזאָלירט). קלמנאָוויטשעס אַרגומענט (1926: 165) קעגן איזאָלירטקייט איז ניט אינגאַנצן איבערצייגעוודיק: אַ געוויסע צאָל נייע סלאַוויזמען זיינען ניט קיין ראיה, אַז עס איז געווען אַ שטענדיקער פאַרקער מיט אַנדערע יידישע דיאַלעקטן, ווייל זיי מוזן ניט זיין דווקא געבראַכטע: קורלענדער גובערניע איז דאָך פונדעסטוועגן געווען אַ טייל פון רוסלאַנד, און עס האָבן געקענט ספּאָנטאַן זיך שאַפן רוסיציזמען. אַחוץ דעם האָבן אַ צאָל סלאַוויזמען געקענט אַריינדרינגען אין קורלענדער יידיש דורך דער פאַרמיטלונג פון אַן אַנדער שפּראַך, למשל מאַגריטש (זאַמעט מאַגעריטש) קען שטאַמען פון רוסיש магарыч, אָבער פגל. ליטוויש magarỹčios, לעטיש magaričas (סיי אין לעטיש, סיי אין ליטוויש — פון ווייסרוסיש) (פרענקעל 1962-1965: 395). היות ווי קלמנאָוויטש ווייזט ניט אָן, וועלכע סלאַוויזמען ער האַלט פאַר יונגע, איז שווער צו באַשטימען, צי אין מערערע פאַלן האָבן געקענט פאַרמיטלען ליטוויש און לעטיש. ווי דאָס זאָל ניט זיין, אַ ניט גרויסע צאָל ניי=געקומענע האָבן ניט געהאַט קיין גרעסערע באַדייטונג, דעריבער פון 1829, ווען די רוסלענדישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן אַריינלאָזן יידן אויף זיך צו באַזעצן אין קורלאַנד, איז קורלענדער יידיש געוואָרן מער אָדער ווייניקער איזאָלירט. מען דאַרף נאָך האָבן אין זינען, ווי עס שרייבט מ. ווייַנרייך (1923), אַז קורלענדער יידן, לכל הפחות אין דער אַנדער העלפט פון 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט, אָנגעזאַפּטע מיט דייטשישער קולטור, האָבן אויף יעדן אַנדערן יידן געקוקט פון אויבן אַראָפּ, מיט גאווה, יעדן ניט קורלענדער יידן גערופן זאַמעטער, אויב אַפילו יענער איז געקומען פון אוקראַינע אָדער רומעניע, און פלעגן נאָך צולייגן אַ צונעמעניש זאַמעטער חזיר. די זאַמעטער יידן, פון זייער זייט, פלעגן זיי רופן קורלענדער אינדריקעס, וועלנדיק באַצייכענען זייער בלאָזן זיך, זייער גרויסהאַלטעריי. אַזאַ איינגשאַפט פון די קורלענדער יידן האָט זיי נאָך מער דערווייטערט פון אַנדערע יידן, אַריינגערעכנט די יידן, ניי=געקומענע אין קורלאַנד, מיט וועלכע זיי האָבן ניט געוואָלט האָבן קיין פאַרקער, קיין מגע=ומשא.

אָבער עס ווייזט זיך אַרויס אַז קורלענדער יידיש האָט זייער אַ סך בשותפותדיקס מיט זאַמעטער יידיש — אַזויפיל, אַז קלמנאָוויטש אין זיין אַרבעט וועגן קורלענדער יידיש האַלט פשוט, אַז דאָס איז דער זעלבער דיאַלעקט. געבנדיק דעם אידיאָטיקאָן פון קורלענדער יידיש, מערקט ער אָפּ, אַז די מערהייט ווערטער און אויסדרוקן האָט ער געהערט אויך אין זאַמעט, דאָס זעלבע זאָגט ער וועגן ווײַנרייכס אידיאָטיקאָן. איך קען באַשטעטיקן, אַז אַ סך איינגנטימלעכקייטן פון קורלענדער יידיש געפינען מיר אין דעם יידיש פון קרעטינגער, טעלדזער, טאַווריגער (ד.ה. זאַמעטער), שאַוולער (ביי=זאַמעט) און אַנדערע זאַמעטער און ביי=זאַמעטער ראַיאָנען. עס איז קיין ספק ניט, אַז קורלענדער יידיש און זאַמעטער יידיש זיינען גאָר ניט לאַנג צוריק געווען אַ שפּראַכלעכער איינס, וואָס האָט שפּעטער, אפשר טאַקע נאָך 1829, זיך אָנגעהויבן שפּאַלטן און בײדע טיילן האָבן אָנגעהויבן פּאַמעלעך זיך דערווייטערן איינער פון דעם אַנדערן. ווייַנרייך (1923: 246) ציטירט אַן ענגלישע יידישע ענציקלאָפּעדיע, וואו אין אַרטיקל „קורלאַנד" (Courland) ווערן אויסגעלייגט צוויי פאַרשידענע מיינונגען וועגן דעם אָפּשטאַם פון קורלענדער יידן: אַ טייל פאָרשער מיינען, אַז די מערהייט איז געקומען אויפן ים=וועג פון פרייסן און צפון דייטשלאַנד; די ביאָגראַפיעס פון רבנים און אַנדערע וויכטיקע מענטשן ווייזן, אַז די מערהייט פון זיי זיינען געבאָרן אין אויסלאַנד. פונדעסטוועגן איז מסתמא גערעכט יו. ברוצקוס (1896), וואָס זאָגט, אַז די מערהייט קורלענדער יידן זיינען געקומען פון די שכנותדיקע ליטע און פוילן. פילאָלאָגן וועלן אָן אַ ספק האַלטן, אַז די קורלענדער יידן זיינען געקומען פון סלאַווישע לענדער (אַזוי אויך די זאַמעטער יידן), אָבער דורכגייענדיק זאַמעט, וואו זיי האָבן זיך אויף אַ לענגערער צייט געהאַט באַזעצט.

דער אָפּשטאַם פון קורלענדער יידן איז אַ היסטאָרישע פראַגע, וואָס אינטערעסירט אונדז צוליב דעם, וואָס ער גיט אונדז נאָך אַן אָנשפּאַר=פּונקט אויף פעסטצושטעלן די כראָנאָלאָגיע פון די ליטווישע ליי=ווערטער. אויב אין קורלענדער יידיש זיינען פאַראַן אַ היפּש ביסל ליטואַניזמען, איז דאָ אַ גרונט צו מיינען, אַז זיי זיינען פון 18טן יאָרהונדערט, היות ווי נאָך 1829 האָבן געקענט צופעליק דורכדרינגען עטלעכע אַזוינע ווערטער, אָבער ניט אַ פּאָר צענדליק. אין די באַשרייבונגען פון

קורלענדער יידיש (ווײַנרײַך 1923: 193-240; קלמנאָוויטש 1926: 161-188) געפֿינען מיר אַ רײ ווערטער, וואָס ווערן באַנוצט אויך אין זאַמעט און וואָס שטאַמען פֿון ליטוויש אָדער לעטיש. היות ווי אין זאַמעטער יידיש קענען די ווערטער זײַן אָפּשטאַמיק נאָר פֿון ליטוויש, ניט פֿון לעטיש, און אַז די זעלביקע ווערטער זאָלן שטאַמען אין זאַמעט פֿון ליטוויש און אין קורלאַנד פֿון לעטיש ליגט זיך קוים אויפֿן שכל, בלײַבט נאָר איין אויספֿיר: די מערהייט ליטווישע לײַ־ווערטער האָבן קורלענדער יידן מסתמא געבראַכט פֿון זאַמעט פֿאַר 1829, דאָס הייסט: ס'איז באַשײַמפּערלעך קלאָר אַז די ווערטער זײַנען געווען אין זאַמעטער יידיש שוין אין 18טן יאָרהונדערט.

אַזוינע קורלענדער און זאַמעטער יידישע ווערטער, וואָס קענען שטאַמען סײַ פֿון ליטוויש, סײַ פֿון לעטיש (צוליב דער דערמאָנטער סיבה גיכער פֿון ליטוויש), זײַנען די ווײַטערדיקע (אויספֿירלעכער וועגן די ווערטער זע דאָס ווערטערביכל צום סוף פֿון דער אַרבעט): 1) אָיסגעדילעט < ליט. išdìlęs (פֿגל. לעט. izdilt); 2) באָמע < ליט. búomas (פֿגל. לעט. buõmis; סײַ ליט., סײַ לעט. פֿון דײַטש); 3) דורקענען < ליט. dùrti (פֿגל. לעט. durt); 4) עגלע < ליט. ẽglė (פֿגל. לעט. egle); 5) עזערע < ליט. ẽžeras (פֿגל. לעט. ezers); 6) לופּעטע < ליט. lùpeta (פֿגל. לעט. lupata); 7) נוקע < ליט. niùkas (פֿגל. לעט. ņuka, nuka); 8) פּאַגאַלע < ליט. pagalỹs (אַק. pãgalį) (פֿגל. לעט. pagale); 9) רופּענען < ליט. rūpéti (פֿגל. לעט. rupēt); 10) סיאַק (זאַמעטער יידיש סעק) < ליט. síekas (פֿגל. לעט. sieks); 11) שקיץ < ליט. škič, škic (פֿגל. לעט. skic, skič); 12) שקראַנדלע < ליט. skránda (פֿגל. לעט. skranda); 13) שקויעס < ליט. skùjos (פֿגל. לעט. skuja); 14) שנוקע < ליט. snùkis (פֿגל. לעט. snukis); 15) שטיפּענען < ליט. stìpti (פֿגל. לעט. stipt); 16) טופּענען < ליט. tupéti (פֿגל. לעט. tupēt).

נאָך מער וואַרפֿן זיך אין די אויגן אַזוינע ווערטער אין קורלענדער יידיש, וואָס קענען שטאַמען נאָר פֿון ליטוויש אָדער אַפֿילו ספּעציעל פֿון ליטווישן זשעמײַטישן (זאַמעטער) דיאַלעקט: 1) גלעבע < ליט. glėbỹs (פֿגל. לעט. klēpis); 2) קלעבע < ליט. (זשעמײַטיש דיאַלעקטיש) klėbỹs (פֿגל. לעט. klēpis); 3) קײַפּ (קאָופּ, קאַופּ) < ליט. kaũpas (לעט. ניטאָ); 4) שאַלטענאָסעם < ליט. šaltanõsiai (לעט. ניטאָ); 5) שפּאָנגאַלעס < ליט. spañguolės (פֿגל. לעט. spangales) — אַ טייל פֿון זשעמײַטישן (זאַמעטער) דיאַלעקט: on < an; דאָס ווײַזט, אַז דאָס יידיש וואָרט איז פֿון זשעמײַטישן אָפּשטאַם; 6) שקראָנדע < ליט. skránda (פֿגל. לעט. skranda) — דער וואָקאַליזם ווײַזט ווידער אויף אַ זשעמײַטישן אָפּשטאַם.

קלמנאָוויטש און ווײַנרײַך, ווי זיי זאָגן אַליין, האָבן דעם דיאַלעקט ניט אויסגעשעפּט, בלי ספק זײַנען אין קורלענדער יידיש געווען נאָך ווערטער פֿון ליטווישן אָפּשטאַם. אָבער אויך די אָנגעגעבענע בײַשפּילן זײַנען גענוג אויף זיך צו איבערצײַגן, אַז אין דעם דיאַלעקט זײַנען פֿאַראַן אַ שײנע צאָל אָנספּקדיקע ליטווישע לײַ־ווערטער און אַז עס קען ניט זײַן קיין רייד וועגן צופֿעליקע צונויפֿפֿאַלן מיטן זאַמעטער יידיש. באמת לעטישע לײַ־ווערטער אין קורלענדער יידיש, וואָס האָבן ניט קיין ליטווישע עקוויוואַלענטן, האָב איך אין די דערמאָנטע באַשרײַבונגען געפֿונען בלויז דרײַ: 1) פּריאַדע, 'אַ סאָסנע' < לעט. priede; 2) ברוקלינעס 'ברוקנעס, ברוסלענעס' < לעט. brūrklenes; 3) קוידזע 'אַ קופּע', 'אַ קאָפּנע' < לעט. kaudze (זאַמעטער יידיש קאָיגע). דאָס וואָרט גראַפּ(ן) איז פֿון דײַטש, כאָטש אין לעטיש איז דאָ grapis; דעם דײַטשן אָפּשטאַם האָט שוין אָנגעוויזן אַ. לאַנדוי (ייד. פֿיל. 1924: 58); פֿגל. נאָך ענדזעלינס קאָמענטאַרן (אין מילענבאַך 1923, I: 644).

אונדז איז אויסגעקומען לענגער אָפּצושטעלן זיך אויפֿן קורלענדער יידיש, אָבער דאָס האָט אונדז געבראַכט צו צוויי וויכטיקע מסקנות: 1) דעם דיאַלעקט דאַרף מען אַרײַנציען אין פֿאָרשונגען פֿון ליטווישע לײַ־ווערטער; 2) אין 1829, ווען מען האָט פֿאַרמאַכט דעם וועג קיין קורלאַנד, זײַנען שוין אין קורלענדער יידיש געווען ליטווישע לײַ־ווערטער; די יידן, וואָס זײַנען געקומען אַהין פֿון זאַמעט, האָבן געבראַכט מיט זיך אַ געוויסע צאָל ליטואַניזמען, וואָס זײַנען אין אָנהייב פֿון 19טן יאָרהונדערט געווען זייער שפּראַכלעך אייגנס, דאָס הייסט, אַז זיי זײַנען אַרײַן אין זייער דיאַלעקט אין 18טן יאָרהונדערט. נאַטירלעך זײַנען אַ סך אַנטלייאונגען שפּעטערדיקע, אַ טייל זײַנען אַרײַן אין דער שפּראַך ערשט אין 19טן יאָרהונדערט. ווען װעלכע פֿון זיי זײַנען אַרײַן אין דער שפּראַך, איז שווער פֿעסטצושטעלן. פֿאָנעטיש קען מען דערקענען נאָר די גאָר נײַע לײַ־ווערטער צוליבן געזעץ וועגן בײַט פֿון די ניט־באַטאָנטע וואָקאַלן (זע ווײַטער VI).

דער אַנטלייאונג־פּראָצעס אין ליטווישן יידיש האָט פֿאַר דער צווייטער וועלט מלחמה זיך נאָך ניט געהאַט געענדיקט. עס זײַנען צוגעקומען נײַע לײַ־ווערטער אין צוזאַמענהאַנג מיט די נײַע סטרוקטורן פֿון דער ווידער אויפֿגעקומענער ליטווישער מדינה, למשל ווירשעניק, שאַוליסט. אָבער אַ סך לײַ־ווערטער האָבן אונטער דער ווירקונג פֿון צײַטונגען און ביכער געהאַט אַ טענדענץ צו

פאַרשווינדן. אַ ריי ווערטער האָבן געגעבן פאַר אונדזער זאַמלונג אַלטע מענטשן, די יוגנט האָט זיי שוין ניט געקענט אָדער געזאָגט „אַזוי ריידן אַלטע".

ליטווישע ליי־ווערטער זיינען פאַראַן ניט נאָר אין ליטווישן יידיש (דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך) און אין קורלענדער יידיש (אין קורלאַנד האָבן זיך באַזעצט מיט דורות צוריק געקומענע פון זאַמעט), נאָר אויך אין עסטישן יידיש, וואָס איז, לויט פּ. אַריסטע (1970: 252-250), אַן אונטערדיאַלעקט, מאָדיפיקאַציע פון קורלענדער יידיש. די יידישע באַפעלקערונג פון עסטלאַנד זיינען דאָס רוב אָפּשטאַמיקע פון לעטלאַנד און ליטע (ווייניקער פון פּוילן), וואָס האָבן מיטגעבראַכט ליטואַניזמען דירעקט פון זאַמעט אָדער דורך דער פאַרמיטלונג פון קורלענדער יידיש. אין זיין רעצענזיע אויף דעם ליטווישן נוסח פון דער דאָ פאָרגעלייגטער אַרבעט האָט אַריסטע געגעבן אַ רשימה פון צוואַנציק ליטואַניזמען, פאַרשריבענע אין טאַרטו, עסטלאַנד. עס איז אינטערעסאַנט, אַז אויך איצט ווערן נאָך די ליטואַניזמען גענוצט פון עלטערן דור עסטישע יידן. מען קען נאָר מסכים זיין מיט אַריסטעס באַמערקונג, אַז עס איז אַ שאָד, וואָס קיין פילאָלאָג האָט זיך ניט פאַרנומען מיט פאָרשן די שפּראַך פון עסטישע יידן, וואָס האַלט אין פאַרשווינדן.

## III

## די ליטווישע השפּעה אויף יידישע מנהגים

וועגן דער ליטווישער השפּעה אויף יידישע מנהגים איז שווער צו ריידן, ווייל עס איז ניטאָ קיין שייכותדיקער מאַטעריאַל. אָבער היות ווי ליוושין (1929) האָט אויפגעשטעלט אַ טעאָריע, אַז „די ליטווישע שפּראַך און דער ליטווישער לעבנס־שטייגער האָט שטאַרק באַווירקט די יידישע שפּראַך, מנהגים, איינגלייבענישן, די יידישע שפּריכווערטער, לידער און אַפילו מאכלים", קומט אויס כאָטש גאָר בקיצור, אויף עטלעכע ביישפּילן, אָפּשאַצן ליוושינס מאַטעריאַל.

צו זיין מאַטעריאַל דאַרף מען זיך באַציען זייער קריטיש. למשל, דאָס יידיש ווערטל: „איך הער דיך ווי אין טראָק", דאָס הייסט — דו ביסט פאַר מיר ניט קיין באַלעבאָס, איך הער דיך ניט, — דערקלערט ער אַזוי: דאָס ווערטל שטאַמט כלומרשט פון 14טן יאָרהונדערט, ווען אין ליטע האָבן געהערשט צוויי פירשטן, קעסטוטיס און אַלגירדאַס, וואָס האָבן די מדינה צעטיילט אויף צוויי אויטאָנאָמע טיילן, קעסטוטיס האָט געוואוינט אין טראָק און אַלגירדאַס — אין ווילנע (דאַרף מען דאָס אַזוי פאַרשטיין, אַז ווער עס האָט געוואוינט אין טראָק, האָט ניט געדאַרפט זיך אונטערוואַרפן אַ ווילנער?). אַזאַ דערקלערונג זעט אויס לחלוטין ניט באַגרינדעט. איך האָב געהערט אַן אַנדערע דערקלערונג: אין טראָק איז געבליבן (אגב: עד היום) נאָר אַ קאַראַאימער־קהילה, דעריבער זאָגט מען „איך הער דיך ווי אין טראָק" (קאַראַאימער דאַרפן ניט אויספילן אַלע יידישע דינים). עס איז מעגלעך אויך אַן אַנדערע דערקלערונג: די טראָקער יידן האָבן פון די צייטן פון גרויספירשט וויטאָווט (וויטאַוטאַס) געהאַט אַ „פּריווילעגיע" — אַ געזעץ, וואָס האָט זיי געשיצט פון אַלע באַוואַלער, דעריבער האָט אַ ייד אין טראָק זיך געפילט זיכער. צי די דאָזיקע דערקלערונגען זיינען גוטע אָדער ניט, איז שווער צו באַשטימען, אָבער, ווי דאָס זאָל ניט זיין, קען מען ביים דערקלערן דאָס ווערטל לאָזן די פירשטן צורו.

ליוושינס גרעסטער חסרון איז זיין ניט קענען דעם פאַרגלייך־מעטאָד. אויף וואָס פאַר אַ סמך ער האַלט, אַז אַ וואָסער־ניט־איז מנהג האָבן יידן איבערגענומען פון ליטווינער, ניט פון רוסן, פּאָליאַקן, דייטשן אָדער פון אַנדערע פעלקער, זאָגט ער ניט. „מען דאַרף ניט נייען אָדער צורעכטמאַכן אַ בגד אָדער וועש אויפן גוף פון אַ לעבעדיקן מענטשן — מען קען פאַרנייען זיין שכל, אָבער מען דאַרף געבן דעם מענטש אַ פאָדעם אין מויל און טאָן די אַרבעט" (פגל. ווײַנרייך 1924: 331). אַן אַרויס־געפאַלענעם צאָן איז אַ שאָד אַוועקצוואַרפן אויפן דיל — בעסער איז אים אַרויפצוואַרפן אויפן אויוון און זאָגן דער מויז: „מייזעלע, מייזעלע! אָט האָסטו אַ ביינערנעם (צאָן), גיב מיר אַן אייזערנעם".

פון וואַנען קען מען וויסן, אַז ליטווישע (און פּוילישע!) יידן האָבן דעם מנהג איבערגענומען פון ליטווינער? פּונקט אַזאַ זאָג האָבן די רוסן (דאַל 1955: 695), אוקראַינער, דייטשן און אַנדערע. וו. האָוואָרקאַ און אַ. קראָנפעלד (830-827) מיינען אַפילו אַז פעלקער פון אַלע צייטן און אַלע געאָגראַפישע ברייטן פאַרבינדן אַ געזונטן צאָן מיט אַ מויז, צוליב דער געדאַנקען־אַסאָציאַציע, וואָס קומט אויף, ווען מען פאַרגלייכט די שוואַכע, איינגעפוילטע ציינער פון אַ מענטש מיט די געזונטע ציינער פון אַ מויז. ווײַנרייך האָט צוגעגעבן אַז „די זעלביקע פאָרשטעלונג וועגן דעם פאַרבונד צווישן צאָן און מויז געפינען מיר אויך אין יאַפּאַן, אין מעקסיקע און אין ניי זעלאַנד" (ווײַנרייך 1924: 176).

די איינציקע איינגלייבעניש ביי אַ צאָל ליטווישע יידן, וואָס שטאַמט פון ליטווינער, איז דאָס גלייבן אין די שלעכטע אייגנשאַפטן פון אַן „אַפּזשינדאַלעס", וואָס איך האָב געהערט אין קאָוונע אין אַ משפּחה, וואָס איז

געקומען פון קיידאַן, און פון מענטשן, געקומענע פון פּאַנעוועזשער ראַיאָן. אַן אַפּושינדראַלעס (ליט. atžindėlis) איז אַ קינד, וואָס די מאַמע האָט געהאַט אַנטווינט און נאָכדעם אָנגעהויבן ווידער געבן צו זייגן. פון אַזאַ קינד וואַקסט אויס אַ שלעכטער מענטש, אַ גנב, אַ גזלן. ווען ער ווערט אַ דערוואַקסענער האָט ער „בייזע אויגן": אויף וואָס ער גיט אַ קוק, מאַכט ער קאַליע. אין די ליטווישע מקורות רעדט זיך נאָר אַז ער גיט אַן עין־הרע. אויך אין לעטיש איז פאַראַן אַזאַ וואָרט און באַגריף: atžidelis (מילענבאַך 1923, I: 213).

פון דעם דערווייל איינציקן ביישפּיל איז שווער צו מאַכן וואָסערע־ניט־איז אויספירן, וואָס זאָלן באַשטעטיקן די ליטווישע השפעה אויף יידישע מנהגים, איינגלייבענישן. עס איז אַ גרויסער ספק, צי עס זיינען דאָ נאָר פּאַר ליטווישע יידן און ליטווינער בשותפותדיקע חתונה און לוויה מנהגים.

# פּאָנעטיק פון די ליי־ווערטער

## IV

## אַלגעמיינע באַמערקונגען

באַשרייבן די פאָנעטיק פון די ליי־ווערטער און די אָפּרופן פון די ליטווישע קלאַנגען אין זיי איז שווער. ראשית כל, איז דער יידישער דיאַלעקט פון ליטע, אַחוץ ווילנער געביט, ווייניק אויסגעפאָרשט. די יידישע פילאָלאָגן, וואָס האָבן געפאָרשט דעם גרויסן בלאָק ליטווישער יידיש, האָבן כמעט די גאַנצע אויפ־מערקזאַמקייט געווענדט אויף דעם ווייסרוסישן און ווילנער דיאַלעקט, וואָס שיידט זיך אונטער פון אַנדערע ליטווישע, באַזונדערס זאַמעטער, ריידענישן. כל־זמן עס בלייבט ניט אויסגעפאָרשט די פאָנעטיק פון די דאָזיקע ריידענישן, איז שווער צו באַשרייבן דעם גורל פון די וואָקאַלן און קאָנסאָנאַנטן אין די ליטווישע ווערטער, וואָס זיינען אַריין אין יידישן באַנוץ. צווייטנס, שטאַמען די ליטואַניזמען פון פאַרשידענע ליטווישע דיאַלעקטן, צייטנווייז איז ניט קלאָר פון וועלכע. נאָר זעלטן קען מען פעסטשטעלן, פון וועלכן ליטווישן דיאַלעקט אָדער אַפילו אונטער־דיאַלעקט דאָס וואָרט איז אַריין אין יידיש. זאַמעטער קלעבע < זשעמײַטישער (ליטוויש־זאַמעטער) klėbỹs, ניט־זאַמעטער (אוקשטײַטישער) glėbỹs; מינדרעס (מאַליאַט < מזרח־אוקשטײַטישער mìndrės: (כלל־ליט. méndrės (טאַוטאָסילאַבישער in < en); דער נאָמען פון בוים גלוסנע (כלל־ליטוויש glúosnis) איז אַריין פון אַ זשעמײַטישן אונטער־דיאַלעקט, וואו uo > ū. אָבער דאָס זיינען זעלטענע אויסנאַמען. ווען מען ווייס ניט, פון וועלכן ליטווישן דיאַלעקט אָדער אונטער־דיאַלעקט דאָס וואָרט איז איבערגענומען געוואָרן, איז שווער צו ריידן וועגן דעם אָפּרוף פון זיינע קלאַנגען אין דער ליטווישער שפּראַך. דאָס איז אַזאַ פּרינציפּיעלע שוועריקייט, וואָס ביי אַ סך ליי־ווערטער וועלן קיין ווייטערדיקע פאָרשונגען זי ניט קענען באַזייטיקן. אין דעם דאָזיקן פאָנעטישן קאַפּיטל וועט נאָר קורץ באַשריבן ווערן דער אָפּרוף אין די יידישע ליטואַניזמען פון די קלאַנגען אין דער איצטיקער ליטווישער כלל־שפּראַך.

פון די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט דערצו, אַז די קלאַנגען אין די ליי־ווערטער זאָלן זיך ענדערן, ניט בלייבן די זעלביקע ווי אין די ליטווישע פּראָטאָטיפּן, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן די וויכטיקסטע, אַלגעמיינסטע (אַנדערע סיבות וועלן ווערן דערקלערט אין שייכותדיקע קאַפּיטלען). די ליטווישע קלאַנגען, ווען זיי זיינען אַריין אין מויל פון אַ יידן, האָבן געמוזט זיך צופּאַסן צו די קאָרעספּאָנדירנדיקע יידישע קלאַנגען, וואָס זייער אַרטיקולאַציע איז אָדער די זעלביקע, אָדער נאָענט, אָדער אַנדערש. אַחוץ דעם זיינען אין דער ליטווישער שפּראַך פאַראַן קלאַנגען, וואָס דער ליטווישער יידיש (און צומאָל יידיש בכלל) האָט ניט. אין אַזוינע פאַלן ענדערן זיך די ליטווישע קלאַנגען, דער ייד אַרטיקולירט זיי אויף זיין שטייגער, זיך סטאַרענדיק לויטן באַקומענעם געהער־איינדרוק ניט צו דערווייטערן זיך פון דעם מקור־קלאַנג; פגל. דעם איבערבייט פון ליטווישן צונג r אויף דעם צינגל (אואוואולאַרן) r.

ווי געוויינלעך האָבן זיך אין די ליי־ווערטער מער געענדערט די וואָקאַלן, באַזונדערס אין די ניט־באַטאָנטע טראַפן, און די ענדונגען מיט סופיקסן (וואָרט־אויס). מען דאַרף פאַרגעדענקען, אַז די ווייטער באַנוצטע טערמינען: באַטאָנטער און ניט־באַטאָנטער טראַף, האָבן אין זינען דעם אַקצענט פון דעם יידישן ליי־וואָרט, ניט דעם לכתחילהדיקן אַקצענט אין ליטוויש. (מער וועגן די ווערטער, וואָס ווערן באַנוצט בתורת דוגמאות, זע אין דער רשימה פון ליטואַניזמען אין סוף פון דער אַרבעט.)

V

# די אָפּרופן פון וואָקאַלן אין באַטאָנטע טראַפּן

1. דער ליטווישער יידיש האָט ניט קיין לאַנגע וואָקאַלן, אַלע וואָקאַלן ווערן אויסגערעדט גלייך קורץ. עס קען זיין, אַז וואָסערע־ניט־איז ריידענישן האָבן אויך האַלב־לאַנגע וואָקאַלן. דער אָפּרוף פון ליטווישע לאַנגע און קורצע וואָקאַלן אין ליטווישן יידישן דיאַלעקט איז דער זעלביקער. אין קורלענדער יידיש זאָלן זיין געווען אויך לאַנגע וואָקאַלן. פון דעם איינציקן יידישן וואָרט ע̄גלע, וואָס עס האָט פאַרצייכנט קלמנאָוויטש (1926: 179), איז שווער צו מאַכן וואָסערע־ניט־איז אויספירן וועגן דער לענג פון וואָקאַלן אין קורלענדער יידיש.

היות ווי אין יידיש זיינען די ליטווישע לאַנגע וואָקאַלן אין די ליטואַניזמען געוואָרן קורץ, איז במילא פאַרשוואונדן געוואָרן אין זיי די ספּעציפישע אייגנשאַפט פון דער ליטווישער שפּראַך אונטערצושיידן אין די לאַנגע באַטאָנטע וואָקאַלן (און דיפטאָנגען) צוויי אינטאָנאַציעס: שאַרפע (שטאַרק־אָנהייבנדיקע) אינטאָנאַציע, באַצייכנט מיט אַקוט ( ˊ ), און גלאַטיקע (שטאַרק־סופיקע), באַצייכנט מיט צירקומפלעקס ( ˜ ). די ליטווישע ווערטער אין דער דאָזיקער אַרבעט ווערן געדרוקט, ווי אין אַלע לינגוויסטישע פּובליקאַציעס, מיט דריי מינים אַקצענטן: אַקוט, צירקומפלעקס און (פאַר קורצע וואָקאַלן, אָן אינטאָנאַציע) לינקער אַקצענט ( ˋ ).

2. ליט. a איז אין יידיש געבליבן a, למשל ייד. אַלקסנע < ליט. aĩksnis, ייד. שאַקאַלע < ליט. šakalỹs, אַקוזאַטיוו — šãkalį. וועגן טאַוטאָסילאַבישע an,am (און en, em) זע ווייטער XI.6.

3. ליט. e < ייד. e, אָבער אַקוסטיש אונטערשיידן זיי זיך שטאַרק. דער יידישער e (אין יידישן דיאַלעקט פון ליטע) איז אַ פּאַלאַטאַלער, ווערט אַרויסגערעדט ביי אַ מיטלדיקן אויסהייבן די צונג, ניט קיין קיילעכדיקער, אָפענער, און ער פּאַלאַטאַליזירט ניט דעם קאָנסאָנאַנט, וואָס שטייט פאַר אים; דער ליטווישער e, אין וואָרט־איניקער פּאָזיציע, זייענדיק אַ נידעריקער, איז נאָענט צום וואָקאַל a און, חוץ דעם, פּאַלאַטאַליזירט ער דעם פריערדיקן קאָנסאָנאַנט, קלינגט נאָענט צו ia — אין דער אָפיציעלער רוסישער טראַנסקריפּציע ווערט ער געשריבן מיטן רוסישן я, למשל Pẽtras — Пятрас (דער נאָמען פּיאָטר). אַזוי איז ליט. béržas < ייד. בערזע (אין זאַמעט). אָנהייב וואָרט איז דער e אין ליטוויש מיט נאָענטקייט צו a, אין יידיש בלייבט ער e, למשל ẽglė < ייד. עגלע.





צוויי ווערטער פון אונדזער זאַמלונג האָבן אין יידיש a < ליט. e, ביידע פאַרשריבן ניט אין זאַמעט: ייד. פליאַנט (שאַקי, ווילקאָווישק, מאַריאַמפּאָל) פון ליט. plentas 'שאָסיי' און ייד. קאַלאַלע (אַ צונעמעניש, פּומפּיאַן) פון ליט. kalẽlė. וועגן דעם צווייטן וואָרט דאַרף מען באַמערקן, אַז אין מזרח־אוקשטייטישן געביט (פּומפּיאַן), וואו די קלאַנגען־פאַרבינדונגען ווערן אויסגערעדט האַרט, קען דער ליטווישער le אין אויסשפּראַך זיך ווייניק אונטערשיידן פון la (זע זינקיאַוויטשיוס 1966: 180).

פאַר דער נאַזאַלירטער קלאַנגען־פאַרבינדונג נג אָדער נק ווערט אין יידיש דער וואָקאַל e דיפטאָנגיזירט צו ei (רייזען 1920: 62). דעריבער ליט. e < ייד. ei פאַר נק: זאַמעטער ייד. מיינקע פון ליט. ménkė, טריינקענען זיך פון treñktis.

ייד. מינדרעס (מאַליאַט) < ליט. דיאַל. mìndrės (כלל־ליט. méndrės, néndrės). דיאַלעקטיש טאַווטאָ־סילאַבישער en < in (זינקיאַוויטשיוס 1966: מאַפּע 68; סאַלים 1933: 27 און 29).

4. ליט. ė < ייד. e (ווי פון ליט. e), למשל זאַמעטער יידיש סע̄טענע < ליט. sėtinỹs, דיאַל. sétinis, באַרע̄גאַלע < nuodégulis, קאַלבעקענען < kalbéti, וואַלענע < veléna.

צוליב זיין אַקוסטישן איינדרוק האָט דער ליטווישער ė שאַנסן צו ווערן פאַרביטן מיט ei. אָבער ביידע ביישפּילן פון דעם מין: ייד. קאַלייד, ליט. Kalẽdos און ייד. קלייט, ליט. klétis זיינען פון ניט אינגאַנצן קלאָרן אָפּשטאַם: זיי קענען זיין אויך פון אַ סלאַווישן מקור, פגל. רוסיש коляда און клеть, דעמאָלט האָבן זיי די נאָרמאַלע קאָרעספּאָנדענץ ייד. ei̯ < סלאַוו. e אָדער ja (רייזען 1920: 62, §110). אָבער, ווי עס שיינט, איז קאַלייד פונדעסטוועגן אַ ליטואַניזם, ווייל, ווי עס איז צו זען פון סטוטשקאָווס אוצר, ווערט דאָס וואָרט קאַלייד באַנוצט אין ליטווישן יידיש, אַנדערשוואו ווערט דער קריסטלעכער יום־טוב ניטל אָנגערופן אַנדערש (סטוטשקאָוו 1950: 729).

5. די ליטווישע i און y (=ī, לאַנגער i) ענטפערט ייד. i, וואָס ווערט אויסגערעדט ווי ליט. y, אָבער קורץ (ליט. i איז אַ ברייטערער, y — אַ שמעלערער, ייד. i איז אַ שמעלערער), למשל: ייד. דילענען, אויסגעדילעט < ליט. dìlti, išdìlęs; ייד. קניסענען < knìsti; שטיפּענען < stìpti; דיגענען < dýgti; זאַמעטער ייד. פּושנינע < pušnýnas.

6. ליט. o < ייד. o (ליט. o איז שמאָל און לאַנג, ווערט אויסגערעדט מיט קיילעכדיקע ליפּן, ייד. o איז אָפן און קורץ). ווילער (1924: 26) מיינט, אַז דער o־דיאַלעקט

האָט אַ שמאָלן o, אָבער דאָס באַשטעטיקט זיך ניט. דוגמאות: ייד. דאָבאַלעס < ליט. dobilaĩ, קראָסנע < krósnis, ייד. (אין מזרח ליטע) בולבענאָיעס, בולבענאָקעס < bulbienójai, bulbienõkai.

7. ליט. ū און u אַנטשפּרעכט ייד. u. דוגמאות: ייד. שוטענען < ליט. šùtinti, ברוקנעס < brùknės, קרוּאווע < krūvà.

VI

## די אָפּרופן פון וואָקאַלן אין אומבאַטאָנטע טראַפן

1. די וואָקאַלן פון די ליטווישע ליי־ווערטער האָט שטאַרק באַווירקט דער גרונט־געזעץ פון יידישן וואָקאַליזם (פאָרמולירט פון ב. באָראָכאָוון): אין „אַלטגעזעסענע" יידישע ווערטער ווערן אומבאַטאָנטע וואָקאַלן פאַרוואַנדלט אין e אָדער a (עפּטער e), אין רעדוצירטן e אָדער אַפילו ə (פגל. באָראָכאָוו אין ניגער 1913: 76; רייזען 1920: 72 א.וו.). וואָרט־איין ווערט אַ ניט באַטאָנטער וואָקאַל אָפט פאַרוואַנדלט אין a (רייזען 1920: 73), אין נאָכבאַטאָנטן טראַף — e (דאָרטן). דאָס געזעץ גיט אונדז די מעגלעכקייט אויסצוטיילן די נייע אַנטלייאונגען און ווייזט, וועלכע ליי־ווערטער זיינען שוין איינגעאייגנט, „פאַרדייט".

די אומבאַטאָנטע וואָקאַלן אין די ליטווישע ליי־ווערטער זיינען דאָס רוב סיי אין נאָכבאַטאָנטן, סיי אין פאַרבאַטאָנטן טראַף געוואָרן e, אָבער אין פאַרבאַטאָנטן פּאַסירט אויך אַן a. די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג ווייזט, אַז די אַנטלייאונגען זיינען אַלטע. פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה פלעגן יידן אָפט זיך ווענדן, רעדנדיק יידיש, צו אַ ניט באַקאַנטן אָדער ווייניק באַקאַנטן מענטש, באַנוצנדיק דאָס וואָרט ponas „הער" (אין יידיש איז דער o אַ קורצער און אָפענער), אַ שעף פלעגט מען אָפט (צווישן זיך רעדנדיק) רופן ווירשינינק (ליט. viršininkas), אָבער דאָס זיינען געווען קלאָרע נייע ווערטער, אין יידיש ניט קיין איינגעפונדעוועטע; דאָס ווייזט זייער וואָקאַליזם — ביים פּשוטן פאָלק האָט מען אָנגעהויבן זאָגן ווירשעניק, ווירשענינק. ווערטער פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע זיינען אין דער אַרבעט כמעט ניט אַריינגענומען געוואָרן.

2. אין נ אָ כ ב אַ ט אָ נ ט ן  ט ר אַ ף איז ליט. a < ייד. e (אָפט אַ רעדוצירטער אָדער ə), למשל: וואַנעגע(ס) פון ליט. vãnagas, ראַגענע פון ליט. rãgana, זאַמעטער ייד. פּאַשערע פון ליט. pãšaras. אין אונדזער זאַמלונג זיינען פאַראַן בלויז עטלעכע ווערטער, וואָס אין זיי איז געבליבן דער ליטווישער a אויך אין יידיש אין נאָכבאַטאָנטן טראַף: דענדאַרזעס פון ליט. diẽndaržis, פּראָדאַלגע פון ליט. pradalgė̃, טיטנאַגעס פון ליט. tìtnagas. די דאָזיקע ווערטער זיינען פאַרשפּרייט אויף אַ קליינעם שטח, זיי זיינען אפשר טאַקע ייִנגערע ליי־ווערטער. אין וואָרט פּראָדאַלגע האָט געקענט העלפן דעם a בלייבן נאָכן אַקצענט די אַנאַלאָגיע מיט ראַלגע.

אין פאַרבאַטאָנטן טראַף דאַרף מען אונטערשיידן צוויי פאַלן: א) ווען פאַר דעם אַקצענט איז דאָ איין טראַף, דעמאָלט בלייבט דער ליטווישער a פון דעם טראַף אויך אין יידישן וואָרט, למשל: זאַמעטער ייד. גאַבענען זיך פון ליט. gabéntis, גאַניקלע פון ליט. ganyklà (אַקוזאַטיוו ganỹklą); ב) ווען פאַר דעם אַקצענט זיינען דאָ צוויי טראַפן, דעמאָלט בלייבט דער ליט. a פון ערשטן טראַף אויך אין יידיש, אָבער דער ליט. a פון צווייטן טראַף ווערט אין יידיש e (אומאָפּהענגיק פון דעם, וואָס פאַר אַ וואָקאַל עס איז אין דעם ערשטן טראַף), למשל: שאַלטענאָסעס פון šaltanõsiai, באַקעלאָרעס (אַ צונעמעניש) פון ליט. bakalõrius, שימטעקאָיע פון šimtakõjis, קאַקערינע פון kakarìnė. אַז אין ערשטן טראַף איז דער ליטווישער a געבליבן ניט געביטן, איז, ווי עס זעט אויס, שולדיק דער סעקונדערער אַקצענט, למשל אין שאַלטענאָסעס האָט דער דריטער טראַף דעם הויפּטאַקצענט און דער ערשטער — אַ סעקונדערן.

אין וואָרט פּריוועָרצענען פון ליט. pravei̇̃sti (איצט. praveĩčia) „צוניץ קומען" איז אַ ליט. a געוואָרן אַ יידישער i אין פאַרבאַטאָנטן טראַף. עס קען זיין, אַז דאָ איז אַ פאַלשע אַנאַלאָגיע מיטן ליטווישן פּרעפיקס pri-. מען מוז אָבער פאַרצייכענען, אַז אין יידיש זיינען ניטאָ קיין ליטווישע ליי־ווערטער מיט pri-.

3. די ליטווישע e און ė ענטפערן ייד. e אין נאָכבאַטאָנטן טראַף, למשל עָקעטע פון ליט. eketė̃, סעָלענעס פון sélenos, און ייד. e אָדער a אין פאַרבאַטאָנטן טראַף, למשל בעלעזשוּאווים פון beliežùvis, קאַלעדאָיענען פון kalėdóti, פּאַלעָדע פון peléda, וואַלעָנע פון veléna, קאַפּוּרע פון kepùrė. דאָס וואָרט מאַלאַגים קען שטאַמען פון זשעמײַטישן malãgis אָדער פון ניט־זשעמײַטישן (אוקשטײַטישן) melãgis, וואו דער e איז געוואָרן אַן a אין פאַרבאַטאָנטן טראַף (מאַלאַגים איז געווען באַנוצט אַפילו אין ווילקאָמיר, ווייט פון זאַמעט, דעם זשעמײַטישן געביט).

4. ליט. i, y (לאַנגער i) < ייד. e אין פאַרבאַטאָנטן און נאָכבאַטאָנטן טראַף, למשל דאַרזשענע פון ליט. daržinė̃. עס איז פאַראַן אַ פּאָר ווערטער, וואָס אין זיי איז

געבליבן אויך אין יידיש i: פּוֹרימעס פון pū́dymas, זאַמעטער ייד. סקליֹדינע פון sklìdinas. בכלל זיינען ליי־ווערטער מיט ליטווישן i אין אומבאַטאָנטן טראַף זייער זעלטן.

5. ליי־ווערטער מיט ליט. o אין אומבאַטאָנטן טראַף זיינען אין דער זאַמלונג כמעט ניטאָ.

6. ליט. u > ייד. e פאַר דעם באַטאָנטן טראַף און נאָך אים (מיט ū איז אין דער זאַמלונג קיין ליי־ווערטער ניטאָ), למשל קוֹלטעווע פון ליט. kultuvẽ, ציבעליַישקע פון cibùllaiškiai. אין וואָרט אַפּושע 'אָסינע בוים' (פון ליט. ãpušė) און אַדיעקטיוו אַפּושענער (פון ליט. ãpušinis) איז דער ליטווישער u אין נאָכבאַטאָנטן טראַף געבליבן, כאָטש דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַנטלייאונגען ניט יינגערע ווי בערזע, אַלקסנע און עגלע (נעמען פון אַנדערע ביימער).

ווען פאַר דעם אַקצענטירטן טראַף זיינען דאָ צוויי טראַפן, דעמאָלט בלייבט אין ערשטן דער ליטווישער u אויך אין יידיש, און אין צווייטן ליט. u > ייד. e (פגל. דעם גורל פון ליטווישן אומבאַטאָנטן a אין דער זעלביקער פּאָזיציע, זע אויבן VI, 2), למשל בורבעלאָיענען פון ליט. burbuliúoti.

## VII

## די אָפּרופן פון דיפטאָנגען

1. דער אָפּרוף פון ליטווישע דיפטאָנגען אין די יידישע ליי־ווערטער איז ניט אָפּהענגיק פון דעם, צי זיי זיינען באַטאָנטע אָדער אומבאַטאָנטע.

2. ליט. ai > ייד. ai̯ (באַצייכנט דאָ מיט „ײַ"). די אַרטיקולאַציע פון ייד. ai איז אומגעפער אַזאַ, ווי פון ליטווישן אַקוטישן ái, אויך ווען אין ליטוויש איז אַ צירקומפלעקסישער aĩ, למשל גײַשענען פון ליט. gaĩšti, זאַמעטער ייד. פּאַלײַקע פון palaĩkis, פּאַלײַדינע פון paláidynė. פון מזרח ליטע (מזרח־אוקשטײַטיש געביט) זיינען פאַרשריבן פיר ווערטער מיט ייד. ei (געשריבן „יי"), וואָס זיינען אַן אָפּרוף אויף ליטווישן צירקומפלעקסישן aĩ: קליימעש (לעבן ווילקאָמער) פון דיאַלעקטישן klaĩmas (=klojìmas), בייקשטער (פּומפּיאַן) פון baikštùs, אַקוזאַטיוו baĩkštų, ראַגיישע (פּאָנעוועזש, פּומפּיאַן) פון ragaĩšis, אויסזווייערענען (ווילקאָמיר) — פגל. žvairỹs, אַקוזאַטיוו žvaĩrį, אָבער דאָ איז שווער איינצוזען אַ וואָסערע געזעצמעסיקייט, ווייל אויך אין מזרח ליטע איז פאַראַן אַן אַלגעמיין ליי־וואָרט גײַשענען (פון gaišti) און גאַנץ פאַרשפּרייט וואָרט בײַדענען (פון baidýti, איצט. baido) מיט ייד. ai̯ פון ליט. aĩ.

3. וועגן דעם דיפטאָנג au מוז מען מאַכן אַ פּאָר פאָרבאַמערקונגען. אין קורלענדער יידישן דיאַלעקט, אין אַ טייל זאַמעטער און אַפילו ניט־זאַמעטער (אוקשטײַטישער) ריידענישן איז דער מיטל־הויך־דייטש (מהד.) ū > ייד. au̯, ווי אין איצטיקן הויך־דייטש (למשל מהד. hūs „הויז" > קורל. hau̯z), מהד. ou > ייד. öu̯ (למשל מהד. ouge „אויג" > קורל. öu̯g), מהד. ô > ייד. öu̯ (למשל מהד. brôt „ברויט" > קורל. bröu̯t), מהד. ei > ייד. ei̯ (למשל breit „ניט שמאָל" > קורל. brei̯t); זע ווײַנרײַך 1923: 200 א.וו. און קלמנאָוויטש 1926: 165. די ריידענישן פון ליטווישן יידיש שטימען ערטערווייז מיט קורלענדער יידיש און ערטערווייז שמעלצן זיי זיך צונויף אין איין קלאַנג דריי קלאַנגען פון מיטל־הויך־דייטש. דער אלף־בית פון כלל־יידיש האָט איין שריפטצייכן פאַרן קלאַנג ei̯, וואָס שטאַמט פון מהד. ei, און איין שריפטצייכן פאַר אַלע קלאַנגען, וואָס שטאַמען פון מהד. ū, ou און ô, ד.ה. פאַר די קלאַנגען: o̯i, au, ou̯, öu̯, u̯i, e̯i, ei̯, וואָס וואַריאירן שטאַרק אין די ריידענישן.

די אָפּרופן פון ליטווישן au אין די יידישע ליטואַניזמען זיינען פאַרשידענע. אין גרעסטן טייל ליטע איז ליט. au > ייד. oi̯, למשל קראָיסטענען (קראָיסקענען) < kráustyti, סנאָיד(ז)ענען < snáusti, באָיגע < baugù. אָבער דאָס זעלביקע וואָרט קראָיסטענען האָט אַנדערשוואו (אין באָטיק, שאַקי) אַנשטאָט דעם oi גאָר אַן au: קראַוסטענען. פון ליט. daug(ia)nõris איז דאָ דאָיגנאָרעס און דאַוגנאָרעס. און ליט. pliauskà האָט געגעבן דריי אָפּרופן: פּלאַוסקע, פּלאָיסקע און (מזרח ליטע) פּלייסקע „אַ שייטל האָלץ". פון ליטווישן kaũpas זיינען דאָ די אָפּרופן קויפּ, קייפּ און אין קורלאַנד (אויך אין אַ טייל ליטע) קאַופּ; דאָס איז אַ זייער פאַרשפּרייט וואָרט (זע אין דער רשימה פון ליטואַניזמען).

4. ליט. ei > ייד. ei̯, למשל פּאַסווייקענען זיך פון pasisvéikinti, זאַמעטער ייד. קרייקענען פון (pa)kreĩkti. נאָר אין זעלטענעם פּלײַסקעס, פּלײַסקענעס „קאָפּשופּן" איז פון pléiskanos דער ליט. ei געוואָרן אין יידיש ai.

5. ליט. ie > ייד. e. די מאָנאָפטאָנגיזירונג איז פאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס אין יידיש איז ניטאָ קיין דיפטאָנג ie, וואָס האָט זיך געמוזט צופּאַסן צום אַקוסטיש נאָענטסטן יידישן קלאַנג e, למשל: bulbienójai > בולבענאָיעס, riekẽ > רעקע.

6. ליט. uo > ייד. o. מאָנאָפטאָנגיזירונג ווי אויבן

5. למשל: grõmul(i)uoti > גראָמעלאָיען, júodalksnis > יאָראַלקסנע, juõksmas > יאָקסמעס (אַ צונעמעניש אין פּומפּיאַן).

אין איין פאַל איז ליט. uo > ייד. a אין פאַר־באַטאָנטן טראַף: ייד. נאַדעגאַלע < ליט. nuodégulis, אָבער דאָ האָבן מיר אַ ליי־וואָרט פון דיאַל. ליטוויש nadégalis אין מזרח ליטע (פגל. זינקיאַוויטשיוס 1966: 85 §, וואו ס'איז אָנגעוויזן, וועלכע מזרח אַוקשטײַטן ענדערן דעם פאַרבאַטאָנטן uo אין אַ a).

7. אין ליטוויש זײַנען אַחוץ דיפטאָנגען, וואָס באַשטייען פון צוויי וואָקאַלן, נאָך פאַראַן אַזוי גערופענע געמישטע „צווייקלאַנגען", וואָס באַשטייען פון אַ וואָקאַל (u, i, e, a) און טאַווטאָסילאַבישן קאָנסאָנאַנט (n, m, r, l). דער אָפּרוף פון די דאָזיקע „צווייקלאַנגען" אין די יידישע ליטואַניזמען שאַפן ניט קיין באַזונדערע פראַגע: אין יידיש, וואָס האָט ניט קיין געמישטע „צווייקלאַנגען", ווערט אַזאַ צווייקלאַנג טראַקטירט ווי וואָקאַל + קאָנסאָנאַנט. בלויז טאַווטאָסילאַבישע am, an, און en, em, וואָס ווערן אין ליטווישע דיאַלעקטן פאַרשידן אויסגערעדט, האָבן אַ פאַרשידענעם אָפּרוף אויך אין די יידישע ריידענישן אין ליטע (זע ווייטער דעם קאַפּיטל XI).

## VIII

## קאָנסאָנאַנטיזם

די ליטווישע קאָנסאָנאַנטן האָבן זיך אין די יידישע ליי־ווערטער ווייניק געביטן. דאָ וועלן פאַרצייכנט ווערן בלויז עטלעכע אונטערשיידן פון קאָנסאָנאַנטיזם, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן.

דער ליקוויד l איז אין די יידישע ריידענישן אין ליטע ניט אומעטום דער זעלביקער. אַ טייל פון די זאַמעטער יידישע ריידענישן האָבן, ווי קורלענדער יידיש, נאָר דעם אַלוועאָלאַרן (דייטשישן) ווייכן l, זיי האָבן ניט קיין וועלאַרן, ניט קיין פּאַלאַטאַלן l (קלמנאָוויטש 1926: 168 א.וו.). אין די דאָזיקע ריידענישן ווערט אויך דער וועלאַרער ליטווישער l פאַרוואַנדלט אין אַ ווייכן אַלוועאָלאַרן l, למשל זאַמעטער ייד. (צו)גלאָידענען glaũsti, סמולקע < smulkùs. דער גרעסטער טייל ליטווישע יידן האָבן צוויי l: וועלאַרן l און פּאַלאַטאַלן l. אין מזרח ליטע, למשל אין שירווינט, איז דער וועלאַרער l אַ האַרטער (און אין סואוואַלק ווערט ער שוין אויסגערעדט ווי אַן u̯; קאָוונער יידן פלעגן יעדן יידן, וואָס האָט אויסגערעדט (אָנשטאָט l) u̯, רופן súvau̯ker. אין יידיש,



ווי אין ליטוויש, ווערט דער l אין די ריידענישן אַלץ האַרטער, גייענדיק פון מערב צו מזרח (פגל. סאַלים 1933: 27), אָבער אין יידיש ווערט אַלץ האַרטער נאָר דער וועלאַרער l, בעת דער פּאַלאַטאַלער l בלייבט ווי געווען, אין געוויסע פאַלן ווערט ער נאָך ווייכער. רייזען (1920: 146) מיינט, אַז צוליב דער השפּעה פון דער רוסישער, אפשר אויך ליטווישער, שפּראַך איז דער ווייכער l פון דייטשע ווערטער געוואָרן אין ליטווישן יידיש אַ האַרטער l. אַז דער l פון די אָרטיקע ליטווישע ריידענישן האָט געקענט האָבן אַ השפּעה אויף דעם l פון אָרטיקן יידיש. קען זײַן, אָבער אַז ניט זיי האָבן געגעבן דעם שטויס, אַז דער ווייכער l פון די דייטשע ווערטער זאָל ווערן האַרט, איז אויך קלאָר (ווײַנגער 1923: 206). ז. רייזענס כלל (אין דעם דערמאָנטן אָרט), אַז אין ליטווישן יידיש איז דער l ווייך נאָר פאַר i, איז פאַר אַ גרויסן טייל ליטע ניט ריכטיק אָדער האָט אַ סך אויסנאַמען, פגל. בולקע, מילך, בולווע.

אין די יידישע ריידענישן (אין ליטע), וואָס האָבן צוויי l, אַ וועלאַרן און פּאַלאַטאַלן, האָבן אין די יידישע ליי־ווערטער די ליטווישע l און l̂ זיך צונויפגעמישט: אין אַ צאָל ליטואַניזמען איז דער יידישער אָפּרוף אויפן ליטווישן האַרטן l געווען אויך אַן l און אין אַנדערע — אַ l̂; דאָס זעלביקע איז געשען מיטן ליטווישן l̂. למשל לאָבענען איז פון liuõbti און אַלקסנע פון al̃ksnis. אין מזרח ליטע איז דאָ אַ טענדענץ דעם l פון די ליי־ווערטער צו מאַכן האַרט.

2. ליט. r (צונג־r) > ייד. r (צינגעלע־r, אואוואולאַרער r). אין קורלענדער יידיש איז פאַראַן נאָר צונג־r, דאָרט האָט דער r אין די ליטווישע ליי־ווערטער די לכתחילהדיקע אַרטיקולאַציע.

3. דער גרעסטער פּלאָנטער אין ליטווישן יידיש, אַחוץ דעם הינטערנעמאַן־געביט (מאַריאַמפּאָל, ווילקאָמיר, ווירבאַלים, שאַקי א.א.), איז מיט די סיבילאַנטן s און š, z און ž. וועגן c און č קומט ניט אויס צו ריידן באַזונדער, ווייל דאָס זײַנען אַפריקאַטן, וואָס באַשטייען פון s+t און š+t; וואָס דאָ וועט זיך ריידן וועגן s און š, האָט אַ שייכות אויך צו c און č.

דער גרעסטער טייל יידישע ריידענישן אין ליטע האָט בכלל ניט די דאָזיקע קלאַנגען, זיי האָבן נאָר אַ מין צווישנקלאַנג, אַפּנים איז דאָס אַ פּאַלאַטאַליזירטער s (אָדער z) אָדער אַ פּאַלאַטאַליזירטער š (אָדער ž), ווי עס האָט ריכטיק אָנגעוויזן קלמנאָוויטש (1926: 176 א.וו.; פגל. נאָך רייזען 1920: §96, §246). ניט ווייניק ליטווישע יידן ריידן אויס נאָר s און z און האָבן בכלל ניט קיין š און ž (דאָס איז דער אַזוי גערופענער „סאַבעסדיקער לאָשן"). אַ קלאָרן s און š הערט מען אין ליטע פון יידן אין הינטערנעמאַן־געביט; אָבער אין זאַמעט, ביי־זאַמעט און

צפֿון=מזרח ליטע (קיינער האָט ניט געפֿאָרשט גענוי די דאָזיקע וויכטיקע איזאָפֿאָנע) הערט מען ניט קיין š (ž, č), דאָ איז פֿאַראַן נאָר דער דערמאָנטער ניט=דייטלעכער סיבילאַנט אָדער — זעלטענער — s (z, c). בלויז דער יונגער דור, וואָס האָט געקראָגן בילדונג אין אַ שול, וואו מען קעמפֿט מיט דעם, וואו מען לערנט פֿרעמדשפּראַכן, וואָס פֿאַרטראָגן ניט אַזאַ מטושטשדיקייט, פּלעגט צוביסלעך ווערן אָפּגעוואוינט פֿון ניט קלאָרן אויסריידן דעם קלאַנג. אין זאַמעט זיינען געווען יידישע קינדער, וואָס האָבן אין גאָר די לערן=יאָרן ניט געקענט זיך אויסלערנען זאָגן שאַרף š, כאָטש אין שרייבן פּלעגן זיי גוט אונטערשיידן s פֿון š. דאָס דאָזיקע פּלאָנטערן זיך אין די סיבילאַנטן איז אַ זייער אַלטע דערשיינונג אין יידיש (פֿגל. „יידישע פּריוואַט=בריוו 1619", 1911; ווינרייך 1923: 202 א.וו.; רייזען 1920: 94 א.וו.; ווינגער 1926: 203 א.וו.; ווינגער 1928: 615 א.וו., 620 א.וו.; קלמנאָוויטש 1926: 176 א.וו.). אויב איך האָב ריכטיק פֿאַרשטאַנען קלמנאָוויטשן, זאָגט ער, אַז זאַמעטער יידן אונטערשיידן s פֿון š, נאָר ביידע קלאַנגען ריידן זיי אויס פּאַלאַטאַליזירטע, דעריבער אַנדערע יידן, וואָס האָבן ניט די פּאַלאַטאַליזירטע קלאַנגען, דוכט זיך, אַז די ליטוואַקעס פּלאָנטערן זיי. דאָס איז ניט ריכטיק, איך האָב הונדערטער מאָל געהערט און אַליין פֿון קינדווייז אָן גענוצט די ליטואַניזמען $\frac{s}{\check{s}}$פּייגע (פֿון ליט. speigas) „אַ גרויסער פֿראָסט", פּו$\frac{s}{\check{s}}$נע (פֿון ליט. pusnis) „אָנגעווייעטע שניי=מאַסע" און אַ סך אַנדערע ווערטער, אָבער איך קען בשום אופֿן ניט זאָגן, צי אין זיי איז אין יידיש אַ ש אָדער ס. די פֿראַגע האָט געדאַרפֿט פֿאָרשן אַ פֿאָנעטיקער.

אַן אַנאַלאָגישע דערשיינונג — דאָס פֿאַרוואַנדלען š, ž אין s, z און פֿאַרקערט — קאָנסטאַטירן ליטווישע דיאַלעקטאָלאָגן אויך אין ריידענישן פֿון דער ליטווישער שפּראַך (זע זינקיאַוויטשיוס 1966: §161). אין וויטקאַוסקאַסעס ווערטערבוך פֿון די צפֿון=מזרחדיקע „דונינינקישע" ריידענישן אין זאַמעט (זשעמײַטן=געביט), ניט ווייט פֿון מיין היימשטעטל, זיינען דאָ אַ סך ליטווישע ווערטער, וואו וואָרט=אײַן איז דער נאָרמאַלער -sk פֿאַרביטן אויף -šk, אַפֿילו אין די אינטערנאַציאָנאַליזמען škandãlas, škarlatinà, škrãbalas, צווישן זיי אויך škuřlis, skrãbis, -bė, וואָס מען קען געפֿינען אויך אין דער רשימה פֿון די יידישע ליטואַניזמען: שקורלע, שקראַבע, שקראַבאַלע.

אין דער אַרבעט זיינען די ליטווישע ליי=ווערטער אין אַ צאָל פֿאַלן פֿאַרשריבן צוליב ניט קלאָרער אויסשפּראַך מיט צוויי וואַריאַנטן פֿון אַ וואָרט — מיט אַ š און מיט אַן s, מיט אַ z און מיט אַ ž, מיט אַ c און מיט אַ č. נאָר פֿון אַ טייל אינפֿאָרמאַנטן איז געווען מעגלעך צו פֿאַרשרייבן אַ דייטלעכן סיבילאַנט.

4. די ווייכע סיבילאַנטן פֿון די ליטווישע ווערטער זיינען אין יידיש געוואָרן האַרט, למשל פּיקטשורנע < pikčiùrna, טשולפּענען < čiulpti.

5. אַחוץ די ליקווידן (l און r) און סיבילאַנטן האָבן זיך די ליטווישע קאָנסאָנאַנטן אין די יידישע ליי=ווערטער בכלל ניט איבערגעביטן. עס זיינען נאָר פֿאַראַן ספּעציעלע פֿאַלן, ווען עס איז פֿאָרגעקומען אַסימילאַציע, דיסימילאַציע, אַרויסשטופּונג פֿון אַ קאָנסאָנאַנט א.א.וו. למשל פּאַסטוּמדאַלעס (<ליט. pastùmdėlis), פֿאַרשריבן אין מזרח ליטע, האָט אין יידיש אויך אַ צווייטע פֿאָרם פּאַסטוּנדאַלע (אין זאַמעט) מיט אַסימילאַציע פֿון לאַביאַלן m פֿאַר דעם דענטאַלן d (m > n). ליט. šermùkšnis האָט געגעבן עטלעכע יידישע דיאַלעקטאַלע פֿאָרמעס: שאַלעמוּקשנעס מיט אַנאַפּטיקטישן (אַריינגעשפּאַרטן) וואָקאַל e און פֿאַרבייט פֿון r אויף l (פֿגל. רייזען 1920: 89, §217); שאַלעמוּקשטענעס, ווי עס שיינט, אַנאַלאָגיש צו רוקשטענעס (<ליט. rūgštỹnės) „שטשאַוו"; שאַלעמוּקצעס: שאַרעמוּקצעס זיינען מסתמא פֿאָלקס=עטימאָלאָגישע פֿאָרמען. — די יידן, וואָס אונטערשיידן š און s, זאָגן אָפֿט שעסקע (<ליט. šẽškas) און אַלעמאָל שעסקענער; דאָ איז פֿאָרגעקומען אַ פּראָגרעסיווע דיסימילאַציע. ליט. pìktvotė > זאַמעטער ייד. פּיקוואָט; דער קאָנסאָנאַנט t איז אַרויסגעשטופּט פֿון דער קלאַנגען=פֿאַרבינדונג -ktv-. ליט. rãžas > ראַזשעס: ראַזעס, אָבער אין זאַמעט אויך ראַדוים: ראַדועס, וואו דער ליט. ž איז צוליב אומבאַקאַנטע סיבות געוואָרן אַן אַפֿריקאַטע dz : dž אָבער דאָס איז נאָרמאַל נאָר נאָך l און n, למשל האַלדז, גאַנדז (זע רייזען 1920: §96, §248); אַזוינע באַזונדערע פֿאַלן זיינען פֿאַרצייכנט אין דער רשימה פֿון ליטואַניזמען.

IX

## די טראַפֿן וואָרט=אויס

מער פֿון אַלע טראַפֿן האָט זיך געביטן אין די יידישע ליי=ווערטער דער לעצטער טראַף פֿון דעם ליטווישן וואָרט. אָפֿט, זיך סטאַרענדיק צוצופּאַסן דעם סוף פֿון ליטווישן וואָרט צו די יידישע סופֿיקסן, ווערט געביטן אויך דער פֿאַרלעצטער טראַף.

### א. סובסטאַנטיוון.

1. אַלע ליי=ווערטער סובסטאַנטיוון האָבן אָדער 1)

אָפגעוואָרפן די ליטווישע ענדונג, אָדער פאַרביטן זי אויף 2) -e, 3) -es (-as), אָדער 4) אויף -is. בלויז אין אַ קליינער צאָל ליי=ווערטער איז די ענדונג אינגאַנצן אָפגעוואָרפן, למשל קויפ: קייפ < ליט. kaũpas, פליאַנט < ליט. plėntas, קראַנט < krañtas, סקערדז < skeřdžius, פיקוואָט < pìktvotė. די סיבה פון אָפוואַרפן די ענדונג איז טיילמאָל דער סופיקס (פאַרבליבענער נאָכן אָפוואַרפן די ענדונג), וואָס איז פאַראַן אין יידיש, למשל מאָטעיוק, קאַופטוק... (סופיקס -uk), ביטניק, דעגוטניק... (סופיקס -ik). דאָס פולשטענדיק אָפוואַרפן די ליטווישע ענדונג איז אַ פאַרהעלטענישמעסיק זעלטענער פאַל. צום אָפטסטן קריגט די ענדונג איינע פון די דערמאָנטע דריי פאָרמען: -e, -es, -is, די סאַמע אָפטסטע איז -e. ביים באַנוצן די דאָזיקע ענדונגען מערקט זיך ניט קיין שום געזעצמעסיקייט: פון סובסטאַנטיוון מיט דער זעלביקער ליטווישער ענדונג האָט אין יידיש איינער די ענדונג -e, דער צווייטער -es, דער דריטער -is. אַ זעלטענער פאַל איז נאָר די אָנווענדונג פון -es און -is פאַר ליי=ווערטער פון ליטווישע ווערטער מיט די ענדונגען -a, -ė, אָבער דאָס טרעפט זיך אויך, למשל ביאָורי׳בים פון ליטווישן bjaurýbė. די ענדונגען -es און -is בייטן זיך מיטאַנאַנד ווען=ניט=ווען אַפילו אין באַנוץ פון איין מענטש, צייטנווייז איז זייער אונטערשייד אַ דיאַלעקטאַלער (וועגן דעם -e וואָרט=אויס זע רייזען 1920: 57 א.וו.). אינטערעסאַנט, אַז דער סופיקער -is (-es) האָט וואו=ניט=וואו אין זאַמעט זיך אַזוי איינגעבירגערט ביי יידן, אַז עס איז שוין אויסגעקומען צו הערן נייע יידישע ווערטער מיט דער ענדונג, למשל אַ קרעכצים (פאָפעלאַן, פון קרעכצענען) „אַ מענטש, וואָס קרעכצעט אַ סך“, אַ קנורים (באָטיק) אָנשטאָט קנור, קאַמאַצים „קאַרגער, קמצן“ אָנשטאָט קאַמאַטש.

2. וואו עס איז נאָר מעגלעך, זיינען די לעצטע צוויי טראַפן פונעם ליטווישן וואָרט פאַרביטן אויף אַ יידישן סופיקס. די ליטווישע ווערטער, וואָס ענדיקן זיך אויף -alas, -alys, -ėlis, -ėlys, -ilas, -ula, -ulas, -ulė, -ulis, -uolė, האָבן אין דעם אַנטשפרעכיקן יידישן ליי=וואָרט די ענדונג -אַלע, -עלע, -עלי אָפהענגיק פון דער דיאַלעקטאַלער ריידעניש; אין כלל=יידיש איז דער סופיקס -עלע, אָבער די מערהייט ליטווישע יידן זאָגן -אַלע. דוגמאות: בימבאַלע, פאַגאַלע, פאַדאַלע, (מצ.) דאָבאַלעס, גראָמאַלע, (מצ.) פאַקאַלעס, נאַדעגאַלע, שפאָנגאַלע (זע די רשימה פון ליטואַניזמען). נאָר דעווערבאַטיווע סובסטאַנטיוון פון טיפ pastùmdėlis און נאָך עטלעכע ווערטער האָבן אין מזרח ליטע אין יידיש -אַלעס, אָבער אין זאַמעט, וואו די ליטווישע ליי=ווערטער האָבן זיך מער איינגעבירגערט, האָבן אויך די דאָזיקע ווערטער אָפט =אַלע, למשל פאַסטונדאַלע פון pastùmdėlis. — ליי=ווערטער פון ליט. -inas, -inys, -inė, -ynė האָבן אין יידיש -ענע, למשל קראַטענע, סטיפענע, נאַגענע, דילגענע(ס) (זע רשימה פון ליטואַניזמען). בלויז -ynas האָט זיך אויסגעטיילט, זיך צוגעפאַסט צו דעם יידישן סופיקס (פון סלאַווישן אָפשטאַם) -ינע, למשל פורווינע, פושינע.

אַ צאָל סובסטאַנטיוון האָבן די יידישע דימינוטיוו=ענדונג -קע און ווערן באַנוצט אָן אונטערשייד אין באַדייט ווי די ניט=דימינוטיווע אָדער האָבן נאָר די דימינוטיווע פאָרעם: שאַקאַלע — שאַקלקע (< šakalỹs), שלאַיע — שלייקע (< šlãjos), שלורע — שלורקע (< šliùrė), ראַמונקע: ראַמולקע (< ramùnė, ramulė), סקאַלקע (< skalà), סלאַסקע (< slãstai). דער פאַרמלחמהדיקער ליטואַניזם שאַוליסט (< šaulỹs) האָט פאָלקס=עטימאָלאָגיש דעם סופיקס -יסט.

## ב. אַדיעקטיוון.

1. די מערסטע אַדיעקטיוון האָבן אַראָפגעוואָרפן די ליטווישע ענדונגען (-as, -us, -is) און אָנשטאָט זיי צוגעגעבן דעם יידישן אַדיעקטיווישן סופיקס -ער (מאַסקולין), -ע (פעמינין), למשל שטאַצער (< stãčias), סטאַטער (< statùs), פליקער (< plìkas), באָיגער (< baugùs). אויב פאַר דער ענדונג האָט דאָס ליטווישע וואָרט געהאַט דעם סופיקס -in-, דעמאָלט ענדיקט זיך דאָס יידישע ליי=וואָרט אויף -ענער, למשל שעסקענער (< šeškìnis), אַפושענער (< ãpušinis).

2. עס זיינען פאַראַן אויך אַנדערש געפורעמטע אַדיעקטיוון (וועגן אַדיעקטיווישע סופיקסן זע רייזען 1929: 522 א.וו.). עס זיינען דאָ ליי=ווערטער מיט סופיקסן -יק און -עדיק, למשל שטאַציק (< stãčias), דומבליק (< dum̃blinas), שורפעדיק (< šiurpùs).

3. ניט ווייניק זיינען פאַראַן אַדיעקטיווירטע פאַסיווע פאַרטיציפן פון פאַרגאַנגענער צייט מיט דער נאָרמאַלער יידישער ענדונג -עט, למשל אויסגעדילעט (< išdìlęs), אויסגעדיקעט (< išdỹkęs), צודרומסקעט (< sùdrum-stas), אָפגעשושקעט (< apšiùšęs), פאַרפושנעט (< užpustýtas), אָפגעטאַשקעט (< aptaškýtas).

## ג. ווערבן.

1. אָפטמאָל ווערט דער אינפיניטיוו געמאַכט פון ליטווישן אינפיניטיוו, אָפוואַרפנדיק די ענדונג -ti און צולייגנדיק די יידישע אינפיניטיוו=ענדונג -ענען (וועגן -ענען, וואָס ווערט גענוצט אָנשטאָט דעם ליטעראַרישן

-ען, זע זאַרעצקי 1926: 94, 204; פגל. נאָך פּרילוצקי 1917: 132 א.וו.; דאָס איז אַ רעדופּליצירטער באַהעפט: סופיקס ע- און ענדונג -ג). אויב דער ליטווישער אינפיניטיוו האָט פאַרן ti- אַ וואָקאַל, ווערט ער, דער וואָקאַל, פאַרשוואונדן. דוגמאות: וואַרגענען < var̃gti, דילענען < dìlti, גײַשענען < gaĩšti, שטיפּענען < stìpti, דולקענען < dulkéti, טײַסענען < taisýti, דראַסקענען < draskýti.

2. ליי־ווערטער פון ווערבן מיט -uoti, -oti ווערן געבילדעט פון דעם פּרעזענס־שטאַם (איצט. -uoja, -oja), למשל גראָמעליאָיענען < grõmuliuoja, קאַלעדאָיענען < kalėdója (איצטיקע צייט). נאָר ווײַרענען < vairúoti (אינפיניטיוו) איז געבילדעט ניט פון איצטיקער צייט, וואָס וואָלט געגעבן *ווייראָיענען, און בורקענען < פון burkúoti (ניט *בורקאָיענען).

ענלעך, פון איצטיקער צייט איז געבילדעט אויך דער ווערב פּריווערצענען < פון priver̃čia (איצט.), ניט פון אינפיניטיוו priver̃sti. וואַרשײַנלעך איז אויך דאָס וואָרט פון מזרח ליטע סנאָידזענען פון ליט. snáudžia (איצט.).

3. אַ טייל פון די ליי־ווערטער ווערבן זײַנען געבילדעט פונעם וואָרטשטאַם פון פאַרגאַנגענער צייט, למשל זאַמעטער גלאָידענען < ליט. פרג. צ. glaũdė (אינפיניטיוו glaũsti); סנאָידענען < פרג. צ. snáudė (אינפ. snáusti); קראָווענען < פרג. צ. króvė (אינפ. kráuti; כאָטש מערמאָליק krovinéti).

4. אַ צאָל ווערבן זײַנען געבילדעט מיטן סופיקס -k- (פגל. זאַרעצקי 1926: 78, §153; קלמנאָוויטש 1922: 48). למשל דורקענען < dùrti, קאַלבעקענען < kalbéti. דער זעלביקער סופיקס -k- איז אויך אין די ווערבן בעלסקענען < bélsti, קראָיסקענען (:קראָיסטענען) < kráustyti, (ס)קראַפּשקענען < krapštýti (אין יידיש איז אַרויסגעשטופּט דער -t- אין קלאַנגען־באַהעפט -štk-), צודרומסקעט < sùdrumstas.

## ד. אַנדערע וואָרט־קלאַסן

1. פון אַנדערע וואָרט־קלאַסן קען מען אין די ליטווישע ליי־ווערטער געפינען בלויז עטלעכע אַדווערבן און אינטעריעקציעס. קיין צאָלווערטער, פּראָנאָמען, פּרעפּאָזיציעס און בינדווערטער (קאָניונקציעס) זײַנען ניט בנמצא. נעמענדיק אין באַטראַכט די פונקציעס פון די דאָזיקע וואָרט־קלאַסן אין דער שפּראַך, איז פולשטענדיק פאַרשטענדלעך, אַז צווישן די פאַרהעלטענישמעסיק ניט אַלטע ליי־ווערטער געפינען מיר זיי ניט.

2. אין דער דאָזיקער זאַמלונג זײַנען פאַראַן פינף אַדווערבן, פון זיי צוויי: בעפּיגע (< bepìgu) און באָיגע (< baugù) זײַנען אין זאַמעטער יידיש געווען גאַנץ פאַרשפּרייט; מאַלאָנע (< malónù) איז באַקאַנט אין אַ קלענערן אַרעאַל. אַחוץ די דריי ווערטער, איז אין צפון ליטע ניט קיין זעלטענער אַדווערב געווען פּאָוויסאָם „נאָכן קריסטלעכן גאָטס־דינסט; נאָכן מאַרק; נאָך אַלעמען" < po visám. פון ווילקאָווישק איז פאַרשריבן דער אַדווערב טיטשע „בכיוון, אומישנע" < týčia. אין דער זייער ניט גרויסער גרופּע אַדווערבן איז פּאָוויסאַם ניט קיין אַלטער ליטואַניזם, דאָס ווײַזט זײַן וואָקאַליזם.

3. פון אינטעריעקציעס האָב איך אויפגעטראָפן נאָר דריי אויסרופן: שקיץ (:שקאַץ) — צו טרייבן אַ קאַץ, שטיש (:שטייש) — צו טרייבן הינער און יוקש — צו טרייבן אַ חזיר (škìc :škàc; štìš; jùkš).

X

# דער אַקצענט פון די ליי־ווערטער

1. די צוויי אינטאָנאַציעס פון די לאַנגע וואָקאַלן אין דער ליטווישער שפּראַך זײַנען אין די יידישע ליטואַניזמען פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט דער לענג פון די וואָקאַלן (זע אויבן V, 1). ווילערס אַרויסגעזאָגטער אײַנדרוק (ווילער 1924: 148), אַז דער ליטווישער יידיש האָט אַ צוויי־שפּיציקן אַקצענט, איז ניט באַגרינדעט. מען מעג צוגעבן, אַז אין די קורצע וואָקאַלן פון ליטווישן יידיש זוכן מיטן אויער אַן אינטאָנאַציע איז בכלל אַן אומנוציקע אַרבעט. ווילער (דאָרט 150 א.וו.) מיינט, אַז דעם בולטסטן טאָנישן אַקצענט פון אַלע יידישע דיאַלעקטן האָט דער ליטווישער יידישער דיאַלעקט. קלמנאָוויטש (1926: 167, הערה) וואַרפט אָפּ זייער ריכטיק אויך די דאָזיקע באַהויפּטונג: דווקא ליטווישע יידן, ווען זיי הערן, ווי עס רעדט אַ פּוילישער ייד, דוכט זיך זיי, אַז ער „זינגט".

2. אין יידיש האָבן סובסטאַנטיוון, אַדיעקטיוון און אַדווערבן דעם אַקצענט אויפן וואָרצל פון וואָרט, בלויז געוויסע אַפיקסן קענען דעם אַקצענט אַריבערציען אויף סוף אָדער אָנהייב וואָרט (זע זאַרעצקי 1926: 216 און 498; רייזען 1922: 69 א.וו.). צום אָפטסטן האָבן יידישע ווערטער דעם אַקצענט אויפן ערשטן טראַף פון וואָרט, זעלטענער — אויפן צווייטן. אָבער פון דער אַנדער זייט איז פאַר יידיש פרעמד צו אַקצענטירן אַ טראַף, וואָס איז ווייטער ווי דער דריטער טראַף פון סוף. די ליטואַניזמען האָבן זיך צוגעפּאַסט צו די דאָזיקע געזעצן פון יידישער אַקצענטאָלאָגיע, אָבער אויך זיך ניט דערווייטערט פון דעם אָרט, וואו עס איז דער ליטווישער אַקצענט. עס איז

פֿאָרגעקומען, אַזוי צו זאָגן, אַ קאָמפּראָמיס.

3. די ליטווישע ווערטער, וואָס האָבן אין נאָמינאַטיוו פֿון אייַנצאָל דעם אַקצענט ניט אויפֿן סוף וואָרט, האָבן אויפֿגעהיט דעם אַקצענט אויך ווען זיי זייַנען אַרייַן אין יידיש, למשל klùmpė < קלומפּע, atžindėlis < אַפּושינדאַלעס.

4. די ליטווישע סובסטאַנטיוון, וואָס האָבן אין נאָמינאַטיוו פֿון אייַנצאָל דעם אַקצענט אויפֿן סוף וואָרט, ציִען אויך אַריבער, לכל הפּחות אין צוויי בייגפֿאַלן (דאַטיוו און אַקוזאַטיוו), דעם אַקצענט פֿון סוף וואָרט אויפֿן ליטווישן וואָרטשטאַם. די ליטוואַניסטישע סובסטאַנטיוון אין יידיש האָבן דעם אַקצענט אויף דעם טראַף, וואו ער איז אין די ליטווישע בייגפֿאַלן, וואָס האָבן ניט דעם אַקצענט סוף וואָרט (דעריבער זייַנען אין דער רשימה פֿון ליטואיזמען אין דער אַרבעט אין אַזוינע פֿאַלן צוגעגעבן אויך אַק. אָדער גען.). דוגמאות: ליט. šakalỹs, אַק. šãkalį < ייד. שאַקאַלע; ליט. daržinė̃, אַק. dařžinę < ראַרזענע; kobinỹs, אַק. kõbinį < קאָבענע; glėbỹs, אַק. glẽbį < גלעבע. אגב אין צפֿון ליטע, וואו עס זייַנען פֿאַרשפּרייט די מערסטע ליטווישע ליי־ווערטער אין יידיש, ציִען אַ סך ליטווינער (ליטווישע ריידענישן) אַריבער דעם אַקצענט פֿון סוף וואָרט אויפֿן וואָרטשטאַם, אַזוי אַרום שטימט אין אַ סך פֿאַלן דער אַקצענט פֿון יידישן ליטוואַניזם מיטן ליטווישן דיאַלעקטישן אַקצענט.

5. דער סופֿיקס ‎-uk‎ ציט אַריבער דעם אַקצענט אויף זיך, למשל קאופּטוק, מאָטעיוק (< kauptùkas, motiejùkas).

6. כמעט אַלע ליי־ווערטער ווערבן זייַנען פֿון דריי טראַפֿן (ניט רעכענענדיק די פּרעפֿיקסן). דער אַקצענט איז, ווי עס פֿאָדערט די יידישע פֿאָנעטיק, אויפֿן וואָרטשטאַם, אָבער ניט ווייטער ווי אויפֿן דריטן טראַף פֿון סוף, למשל: גײַשענען < gaĩšti, קאַלבעקענען < kalbéti, גראָמע־לאָיענען < grõmuliuoti.

דער פּרעפֿיקס פֿון אַ ווערב קען דעם אַקצענט אַריבערציִען אויפֿן ערשטן טראַף פֿון וואָרט לויט די געזעצן פֿון יידישער פֿאָנאָלאָגיע.

## XI

# דיאַלעקטישע אונטערשיידן אין דער פֿאָנעטיק פֿון ליטוואַניזמען

1. ליטווישע ליי־ווערטער האָט מען געקענט געפֿינען אין יידישע ריידענישן אויפֿן גאַנצן שטח פֿון דער עטנאָגראַפֿישער ליטע (אויך אין די שכנותדיקע געביטן). באַזונדערס פֿיל ליטוואַניזמען זייַנען געווען אין צפֿון ליטע: אין זאַמעט (טעלדזער, מאַזשייקער, קרעטינגער — מיט פּאַלאַנגען —, טאַווריקער, ראַסיינער א.א.וו. אומגעגנטן), און שאַוולער, פּאָנעוועזשער, בירזש־פּאָסוועלער אומגעגנטן. ווי מען קען זיך צום טייל איבערצייַגן פֿון דער רשימה פֿון ליטוואַניזמען, זייַנען אַ סך ליטווישע ליי־ווערטער, וואָס יידן האָבן גענוצט אין זאַמעט און ביי־זאַמעט, צום טייל אַפֿילו אין גאַנץ צפֿון ליטע, פֿאַרביטן אין ווילקאָמירער און אין אַנדערע מזרחדיקע ראַיאָנען מיט סלאַוויזמען. דאָס איז פֿאַרשטענדלעך: אין מערב און צפֿון ליטע, ווייטער פֿון דער מזרחדיקער עטנאָגראַפֿישער גרענעץ פֿון ליטווישן פֿאָלק, איז די ליטווישע שפּראַך געווען די איינציקע, וואָס מיט איר פֿלעגן זיך צונויפֿשטויסן די אָרטיקע יידן. אויף אָנצורופֿן פֿאַרשידענע זאַכן און אַרבעטן האָבן יידן דאָ גענומען ווערטער פֿון ליטוויש. די לאַגע איז געווען אַן אַנדערע אין מזרח און דרום ליטע: דאָרט האָט ליטוויש זיך צונויפֿגעשטויסן מיט אַ גרויסער קאָנקורענץ פֿון פּויליש, דאָרט האָבן אַפֿילו אַ סך ליטווינער פֿון די דערפֿער גערעדט פּויליש. און יידן, דאָס פּשוטע פֿאָלק, ווען עס פֿלעגט אויספֿעלן ווערטער, נעמען זיי פֿון פּויליש, דעריבער איז די גרעסטע צאָל ליטוואַניזמען פֿאַראַן אין זאַמעט (אין יידישן זין — אַ סך גרעסער ווי דער ליטווישער זשעמײַטן־געביט).

2. עס זייַנען דאָ ליטוואַניזמען, וואָס אויפֿן גאַנצן שטח, וואו זיי ווערן באַנוצט, האָבן זיי דעם זעלביקן אַרויסרייד. עס זייַנען אָבער פֿאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס אין די ריידענישן פֿון ליטווישע יידן האָבן זיי פֿאָנעטישע וואַריאַנטן. צוליב אַן אומבאַקאַנטער סיבה זייַנען פֿון ליט. kráustyti ׳אַריבערפּעקלען׳ דאָ יידישע וואַריאַנטן קראָיסטענען און קראָיסקענען; דער צווייטער וואַריאַנט איז מיטן סופֿיקס ‎-k-‎ (זע אויבן IX, נ4), וואו אין קאָנסאָנאַנטישן באַהעפֿט ‎-stk-‎ איז דער t אַרויסגעשטופּט און עס איז געבליבן ‎-sk-‎.

3. די מערסטע ליטוואַניזמען, וואָס וואַריאירן אין די יידישע ריידענישן פֿון ליטע, שטאַמען פֿון פֿאַרשידענע דיאַלעקטישע ליטווישע ווערטער, דאָס הייסט, אַז יידישע דיאַלעקטיזמען אין די ליי־ווערטער שפּיגלען אָפּ ליטווישע דיאַלעקטישע אונטערשיידן, זאַמעטער ייד. קלעבע שטאַמט פֿון זשעמײַטישן klėbỹs און די יידישע גלעבע (ניט אין זאַמעט) שטאַמט פֿון אוקשטײַטישן glėbỹs (פֿגל. אין דער רשימה פֿון ליטוואַניזמען יידישע אַפּושע און עפּושע, אַלקסנע און עלקסנע, שפּאָנגאַלעס און ספּאַלגענעס, עגלע און יעגלע).

4. כאָטש ליטווישע דיאַלעקטיזמען בלייַבן אויך אין

יידיש דיאַלעקטיזמען, רייסן זיי זיך אָפּט דורך אין יידיש דורך די גרענעצן פון ליטווישע דיאַלעקטן: דאָס יידישע ליי־וואָרט האָט אין אַ וואַסער־ניט־איז אָרט אַן אַרויסרייד, וואָס שטימט ניט מיט דער ליטווישער פאָנעטיק פון דעם אָרט, נאָר פון אַן אַנדער אָרט. דעריבער קען מען אין יידישע ליטואַניזמען צייטנווייז אין איין אָרט הערן ווערטער אָדער פאָרמען פון צוויי ליטווישע דיאַלעקטן אָדער ריידענישן. אַ וואַלד־סוחר אין פּאָפּעלאַן, אויסרעכענענדיק אויף יידיש די סאָרטןביימער, וואָס ער קען, האָט דערמאָנט גלוסנע (< glúosnis) און אָסע (< úosis); אין ערשטן פאַל איז uo > ū, אין צווייטן ניט, דאָס הייסט אַז דאָס זיינען ווערטער פון צוויי זשעמײַטישע אונטערדיאַלעקטן. ביי אַזאַ באַוועגלעכן פאָלק ווי יידן איז בכלל שווער פעסטצושטעלן די דיאַלעקטאַלע גרענעצן. זייער שיין זאָגט קלמנאָוויטש (1926: 165, הערה), אַז צוויי שטעטלעך, וואָס זיינען ווייט איינס פון אַנדערן בלויז 15-20 קילאָמעטער, האָבן אַמאָל אַ זייער פאַרשידענע יידישע אויסשפּראַך, און די יידן פון די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס אין כערסאָנער גובערניע אָדער פון שטאָט האַדיאַטש (פּאָלטאַווער גובערניע) ריידן, ווי מען רעדט אין מינסק אָדער וויטעבסק. די דיאַלעקטאָלאָגישע מאַפּע פון יידיש מוז זיין אַ בונטע — עס מוזן זיין אין איר אַ סך דיאַלעקטישע אינדזלען.

5. אין איין זשעמײַטישן אונטערדיאַלעקט uo > ū, אין אַ צווייטן uo > ou, אין אַ דריטן uo > o, פּאַראַלעל i > ie, ei > ie, e > ie. אין די יידישע ליטואַניזמען פון זאַמעט זיינען אויך דאָ אָפּקלאַנגען פון די אונטער־דיאַלעקטן, למשל דער דערמאָנטער בוים גלוסנע אָדער די וואַריאַציע פּעמענעס און פּימענעס.

6. די טאַווטאָסילאַבישע an, am פון כלל־ליטוויש ווערן אין די דיאַלעקטן אויסגערעדט אַנדערש: ביי אַ טייל זשעמײַטן ווערן זיי on, om; ביי אַ טייל ניט־זשעמײַטן (אַוקשטײַטן) ווערן זיי un, um; ביי אַ טייל מזרח אַוקשטײַטן ווערן טאַווטאָסילאַבישע im, in>em, en. אויך דאָס האָט זיך אָפּגערופן אין אַ צאָל יידישע ליטואַניזמען. פגל. קאַמפּע — קאָמפּע, גאַנדרעס — גאָנד(ע)רעס, שפּאַנגאַלעס — שפּאָנגאַלעס, בראַנק(ש)טיס — ברונק(ש)טעס אָדער מינדרעס. אויך דאָ פּאַסירט, אַז פאָנעטיש שפּרינגט אַריבער דער יידישער ליטואַניזם די גרענעצן פון ליטווישן אונטערדיאַלעקט און אַ קאַמפּע ברויט ווערט ניט אַ קומפּע (לויטן אָרטיקן אונטער־דיאַלעקט), נאָר אַ קאָמפּע ברויט.

# מאָרפאָלאָגישע פראַגעס

## XII

## דער גראַמאַטישער מין און צאָל פון די ליי־ווערטער

1. דער גראַמאַטישער מין פון יידישע ליטואַניזמען שטימט אָפּט ניט מיטן מין פון ליטווישן וואָרט. אָפּטמאָל איז דאָס פאַרבונדן מיט דעם, וואָס ביי אַ סך ליטווישע סובסטאַנטיוון איז די ענדונג געביטן אויף ־ע און יידישע סובסטאַנטיוון מיט ־ע זיינען פעמינין. למשל ליט. baĩdas מ > באַלדע פ, ליט. glėbỹs מ > גלעבע פ. עס זיינען פאַראַן ליטואַניזמען, וואָס אין אַ צאָל ערטער האָבן זיי די ענדונג ־עס: ־יס און אין אַנדערע ערטער ־ע; דאָרט, וואו עס איז ־עס: ־יס, איז דאָס ליי־וואָרט מאַסקולין, וואו ־ע — פעמינין. אַז אַ ליטווישער פעמינין זאָל ווערן אין יידיש מאַסקולין, איז זייער אַ זעלטענער פאַל, אָבער דאָס האָט אויך פּאַסירט: svìrtis פ > סווירטיס מ צוליב דער ענדונג ־יס.

2. דער ליטווישער יידיש (אין ברייטן זין, o־דיאַלעקט) האָט, ווי באַקאַנט, נאָר צוויי גראַמאַטישע מינים: מאַסקולין און פעמינין, כאָטש אַנדערע יידישע דיאַלעקטן (פּוילישער, אוקראַינישער, רומענישער) האָבן נאָך אַ דריטן — דעם נייטראַלן מין. עס איז אינטערעסאַנט אָפּצומערקן, ווי עס שרייבט ז. זינקיאַוויטשיוס (1974), אַז אין דער פּוילישער שפּראַך פון ווילנער געביט האָט דעם נייטראַלן מין פאַרביטן דער ווייבלעכער מין (פעמינין), בייטנדיק אויך די ענדונג, למשל אָנשטאָט siodło wymię, siemię, siedzenie, serce, wino, ucho, ווערן siedzenia, serca, wina, ucha, siodła, גענוצט wymia, siemia א.א.וו. זיי ווערן דעקלינירט ווי אַנדערע פעמינינע סובסטאַנטיוון; אויך אין פּויליש ווייטער אויף מערב (ליטע), למשל אַרום ווילקאָמיר, קיידאַן, זיינען די נייטראַלע סובסטאַנטיוון פאַרביטן אויף פעמינינען.

אין דער ליטווישער שפּראַך זיינען סובסטאַנטיוון נאָר פון צוויי מינים. אָבער די ליטווישע שפּראַך האָט ניט געקענט זיין די סיבה, צוליב וועלכער אין ליטווישן יידיש אין ברייטן זין (דאָס הייסט אויך אין ווייסרוסלאַנד) איז דער דריטער, נייטראַלער מין פאַרשוואונדן געוואָרן.

3. די צ אָ ל פון די ליי־ווערטער סובסטאַנטיוון איז געוויינלעך די זעלביקע ווי אין ליטוויש. נאָר אין איין פאַל האָט זיך די צאָל געביטן: ווען די ענדונג פון ליטווישע סובסטאַנטיוון, וואָס האָבן נאָר די מערצאָל־פאָרם

(pluralia tantum), האָט זיך אין יידישן ליטואַניזם געביטן אויף -ע, וואָס אין די ליי־ווערטער ווערט געהאַלטן פאַר דער ענדונג פון איינצאָל נאָמינאַטיוו, למשל ליט. nāščiai מצ > נאַשטשע איינצ., ליט. žabángai מצ > זשאַבאַנגע איינצ.

אין איין פאַל קען אויסזען, אַז עס האָט זיך געביטן די צאָל־קאַטעגאָריע, וואו דאָס איז ניט געשען: ליט. šermùkšnis איינצ., ייד. שאַלעמוקסנעס: שאַלעמוקצעס מצ. אָבער דאָ איז אַן אונטערשייד אין באַדייט: šermùkšnis איז אַ בוים, שאַלעמוקסנעס זיינען די רויטע יאַגדעס פון דעם בוים.

XIII

## די פלעקסיעס פון די ליי־ווערטער

1. וועגן די פלעקסיעס פון די ליי־ווערטער איז ניטאָ קיין סך וואָס צו ריידן: זיי האָבן זיך צוגעפּאַסט צו די פּאַראַדיגמעס פון יידיש און ווערן דעקלינירט און קאָניוגירט ווי אַנדערע יידישע ווערטער.

2. סובסטאַנטיוון מיט דער ענדונג -ע האָבן אין מערצאָל -עס. כאָטש אויף ליטוויש איז אויך -ė איינצ., -ės מצ., דאַרף מען דאָ ניט זוכן קיין השפעות, ווייל די מערצאָל־ענדונג אין יידיש איז פון אַן אַנדער אָפּשטאַם (זע רייזען 1926: 396). ביישפּילן: ייד. באַלדע איינצ. — באַלדעס מצ., אַלקסנע איינצ. — אַלקסנעס מצ. סובסטאַנטיוון מיטן סופיקס -אַלע (:-עלע) האָבן אין מערצאָל -אַלעס, אָבער עס טרעפט זיך אויך -אַלעך, ווי ביי דימינוטיוון (רייזען 1926: 406 א.וו.), למשל שפּאַנגאַלע (ליט. spañguolė) האָט מערצאָל -אַלעס: -אַלעך.

3. סובסטאַנטיוון מיט די ענדונגען -יס און -עס האָבן פאַרשידענע מערצאָלן. צום אָפטסטן -עס, כאָטש אין צווייטן פאַל (איינצ. -עס) אונטערשיידט זיך ניט איינצאָל פון מערצאָל. זעלטן טרעפט זיך -ן.

4. סובסטאַנטיווישע ליי־ווערטער, וואָס האָבן אינגאַנצן אָפּגעוואָרפן די ליטווישע ענדונג, זיינען דאָ ווייניק. אַ טייל פון זיי האָבן ניט קיין מערצאָל (למשל פּיגיג, אַזאַ טערמין אין קאָרטן־שפּיל), פון אַנדערע איז ניט אויסגעקומען צו הערן קיין מערצאָל. עס טיילן זיך אויס נאָר ייד. קויפּ: קויפּ (< ליט. kaũpas) — מצ. קויפּן; קויפּן און קליט, מצ. קליטן; אָבער דער אָפּשטאַם פון קליט איז מסופּקדיק (זע די רשימה פון ליטואַניזמען).

5. די ווערבן ווערן קאָניוגירט ווי אַנדערע יידישע ווערבן. אויב די ווערבן זיינען מיט פּרעפיקסן (קאָנווערבן), ווערן זיי באַטראַכט ווי אַלע אַנדערע ווערבן מיט פּרעפיקסן, וואָס זייערע קאָנווערבן קענען אין געוויסע פאַלן (אין איצטיקער צייט) ווערן אָפּגעטיילט. מען מוז פאַרצייכענען, אַז בלויז אין זעלטנסטע פאַלן האָט יידיש איבערגענומען אַ ליטווישן ווערב צוזאַמען מיט זיין ליטווישן קאָנווערב. אין אַזוינע פאַלן איז אויסגעקומען דעם ליטווישן רעפלעקסיוון פּאַרטיקל -si- פאַרבייטן מיטן יידישן זיך, למשל פּאַסווייקענען זיך 'זיך גריסן' פון ליט. pasisvéikinti. אָבער געוויינלעך ווערט דער ליטווישער קאָנווערב איבערגעזעצט אויף יידיש אָדער דער ליטווישער ווערב קריגט אַ יידישן קאָנווערב לויט אַן אַנאַלאָגיע מיטן אַנטשפּרעכיקן יידישן ווערב. ביישפּילן: ליט. įsikráustyti > זיך אַרייַנקרויסטענען 'זיך אַריינפּעקלען'; nutũpti > זיך אַוועקטופּענען 'זיך אַראָפּלאָזן אויף די קאָרטעטשקעס', פגל. זיך אַוועקלייגן; užsnáusti, פרג. צ. užsnáudė > איינסנווידענען, פגל. איינשלאָפן, איינדרעמלען; suriẽkti > צורעקענען 'גראָב צעשניידן' (פגל. לאַנדוי 1928: 199 א.וו.; שקליאַר 1933: 69 א.וו.).

# סעמאַנטיק פון די ליי־ווערטער

XIV

## קלאַסיפיקאַציע פון ליי־ווערטער לויט זייערע באַדייטן

ביז דער צווייטער וועלט מלחמה איז אין ליטע די מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג באַשטאַנען פון מענטשן, וואָס האָבן געוואוינט אין אַ סך צענדליקער ליטווישע שטעטלעך, אין פריערדיקע צייטן, באַזונדערס פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה — אויך אין אַ סך דאָרפישע ישובים. אַ טייל פון די שטעטלשע יידן, דערהויפּט די יוגנט, האָט זיך געסטאַרעט אַרויסצורייסן אין די שטעט, וועלכע זיינען אויך ניט געווען קיין גרויסע (מיט אַ פּאָר אויסנאַמען). אין די שטעטלעך האָבן געוואוינט יידישע קליינהענדלער, קליינקרעמער, בעל־מלאכות און מענטשן פון אַנדערע באַשעפטיקונגען. די פאַרמעגלעכערע האָבן אָפט געהאַלטן אַ קו, הינער. אַ וואַלד־סוחר האָט געהאַט אַ פערד מיט אַ וואָגן. ווען די פרוי איז געווען פאַרנומען אין קראָם, האָט זי געהאַט אַ ליטווישע שטוב־אַרבעטערין, אַ דינסט אויף צו העלפן פירן די

באַלעבאַטישקייט און האָבן אַ השגחה אויף קליינע קינדער. עס זיינען געווען שטענדיקע קאָנטאַקטן מיט ליטווינער, דער עיקר מיט דאָרפסלייט, וואָס פלעגן קומען זיך איינקויפן אין שטעטל אָדער זיך ווענדן צו יידישע בעל=מלאכות — צו אַ שוסטער, שלאָסער, מילנער, רימער א.א.וו. האָבן יידן איבערגענומען אַ סך ליטווישע ווערטער פון פאַרשידענע געביטן (הויזווירטשאַפט, לאַנדווירטשאַפט, פישעריי, נעמען פאַר נאַטור=דערשיינונגען, פון דער בעל=עגלהישער ספערע א.א.). אַ געוויסע צאָל ווערטער זיינען אַריין אין ליטווישן יידיש ווי נייע באַגריפן, אַ טייל האָבן פאַרביטן פריערדיקע ווערטער פון דייטשן אָדער סלאַווישן אָפשטאַם, וואָס זיינען אַרויסגעשטופט אָדער פשוט פאַרגעסן געוואָרן. צייטנווייז איז דאָס ליטווישע וואָרט גענוצט געוואָרן פאַראַלעל מיט אַ וואָרט פון אַן אַנדער אָפשטאַם, אָבער מיט אַ ניואַנס אין באַדייט.

דאָ וועט געגעבן ווערן אַן אומגעפעריקע קלאַסיפיקאַציע פון די ליטואַניזמען לויט זייערע באַדייטן. ווי אין אַ סך קלאַסיפיקאַציעס פון דעם מין וועט דאָ זיין אַ געוויסע קינסטלעכקייט. די דאָזיקע קלאַסיפיקאַציע דאַרף נאָר אויבנאויפיק ווייזן די געביטן, וואָס פון זיי האָבן יידן גענומען ליי=ווערטער פון ליטוויש.

## 1. נאַטור

א. געוויקסן און זייערע פרוכט.

ביימער: אַלקסנע 'אָלכע', יאָראַלקסנע 'שוואַרצע אָלכע', עגלע 'יאָדלע', אַפושע 'אָסינע (בוים)', בערזע 'בעריאָזע'; שאַלעמוקסנעס 'ראַבענעס (יאַגדעס)'...

זייערע טיילן: קעלמע 'קאָרטש, פניאָק', שאַקע 'אָפגעבראָכענער צווייג', זשאַבעס 'אַראָפּ=געפאַלענע צווייגן', זשאַגערעס 'כוואָראָסט, אַראָפגעפאַלענע פאַרדאַרטע צווייגן'... סולע 'פליסנדיקע בוים=זאַפט'...

ווערן באַנוצט צו עסן: בולווע, סעטענע: גרעשטע(ס) 'קרוטשקע', שפּאָנגאַלעס: ספּאַלגענעס 'זשוראַ=ווינעס', רוקשטענעס 'שטשאַוו', ציבעליַשקע 'גרינע ציבעלע', ברוקנעס 'ברוסניצעס'.

אַנדערע געוויקסן (און זייערע פרוכט): ראַמונקע 'ראָמאַשקע', יורגינע 'געאָרגין=בלום', מינדרע 'ראָר', שמילגעס 'אַזאַ הויכע גראָז', וויקסווס 'זומפגראָז', מאָטעיוק 'אַזאַ פוטער=געוויקס', קרומעס 'קוסטעס', לאַזדינעס 'נוסקוסטעס'... דריגנעס, דורנערעפּע 'שגעון=גראָז', דירסע 'אַ ווילדגראָז אין קאָרן'.

ב. בעלי=חיים און זייערע טואונגען.

פייגל: גאָנדר(ע)רעס 'בושל', טעטערווע 'בערקהון', וואַנעגע 'שפּאַרבער'... בורקענען 'וואָרקען (וועגן טויבן)'... אינסעקטן: באַבאַלע 'קריכעדיקער אינסעקט', בימבאַלע 'אַזאַ פליג', שירשע 'וועספּ', שימטעקאָיע 'טויזנטפיסלער'...

פיש: מיינקע 'שטאָקפיש', אונגורעס 'אָלפיש, ווענגער', וועגעליס 'נאַלימפיש', וויאַון 'שמערל(ינג)'... אַנדערע בעלי=חיים: שעשקע: שעסקע 'טכויר', סטירנע 'רע=הירש'... קניסענען 'גראָבן', קנויקענען 'מיאַוקען; קלאָגן', סטאָיגענען 'וואָיען', זיך שערענען 'פאַרלירן פעדערן, האָר'.

ג. די ניט=לעבעדיקע נאַטור.

פאַרבונדן מיט וואַסער: עזערע 'אָזערע', קלאַנע 'לוזשע', פעלקע 'זומפּ', עקעטע 'אייז=לאָך, פּאָלאָנקע', דומבלע 'זומפּיק אָרט, בלאָטע', דרומזלעס 'אָפזאַץ (אין פליסיקייט)', קראַנט 'ברעג פון אַ טייך', פורווינע 'אַ בלאָטיק אָרט', פורווע 'בלאָטע'...

פאַרבונדן מיטן וועטער: שפּייגע 'גרויסער פראָסט', פושנינע 'אָנגעווייעטע, אָנגעטראָגענע שניי=מאַסע', פושנע 'שניי=הורבע', דולקענען 1) 'עס גייט אַ שפּריי=רעגן'; 2) 'זיין שטויביק'; 3) 'אויסקלאַפּן די שטויב', רודענים 'האַרבסט'.

אַנדערע אָביעקטן: דולקעס 'שטויב', ראָיסטו 'זומפּיקער וואַלד', שטאַצער 'משופּעדיקער (באַרג)'...

## 2. לאַנדווירטשאַפט און הויזווירטשאַפט

א. פאַרבונדן מיט בהמות און פייגל:

בײדענען 'שרעקן', באַנדע 'סטאַדע', בייקשטער 'שרעקעדיקער', באָיגער 'שרעקעוודיקער', גאַניקלע 'פּאַשע (פעלד)', גראָמעלאָיענען 'מעלה=גרהן', גושטעס 'וואו אַ הון לייגט אייער', גוזשענען זיך 'זיך איינקאָרטשען, זיך איינשרומפן', קאַרטשע 'גריווע (פון אַ פערד)', קאַרקענען 'קוואָקטשען', (ס)קערדז 'אויבער=פאַסטעך', קראַטענע 'היי מיט שטרוי', קרייקע 'שטרוי=אויסבעט', קרייקענען 'אויסשפּרייטן שטרוי', קרעקענע 'ערשטע מילך (נאָכן קעלבן זיך)', מאַרגע 'פאַרשידנפאַרביק', מיטענען 'קאָרמען', פאַשערע 'פוטער, קאָרמע', לאָבענען 'געבן פוטער (דעם פערד)', שערענען 'פיטערן (אַ בהמה)', לאַקטע 'הינערשטאַנג', פאַראַלע 'געלאָזענע איי אין נעסט', שורפּע 'אויפגע=שויבערטע הון', פאַקלידענען 'פאַרבלאָנדזשען'...

ב. ערדאַרבעט:

אַטאָלעס ׳גראָז פון צווייטן יאָרשניט׳, ביידיקלע ׳סטראַשידלע׳, בערנים ׳געדונגענער אַרבעטער׳, אויסבלאַשקענען ׳דרעשן תבואה׳, דאַלגע ׳קאָסע׳, דובע ׳באַזונדערע אַנגראַרווירטשאַפט׳, עזע ׳גרענעץ־פּאַס צווישן פעלדער׳, יוויאַיע ׳טריקנשײַער׳, קאַופּטוק ׳מאָטיקע׳, קליימעש ׳טויק, דרעשטאָק׳, קופּעטע ׳סטויג׳, פּודימעס ׳ברוכפעלד׳, פּוסיניגק ׳פּאָלאָווניק׳, רעזשים ׳שטרײַף ערד׳, סעלענעס ׳קלײַען׳, שאַקע ׳מיסט־גאָפּל, היי־גאָפּל׳, שפּראַגעלעס ׳דרעש־שטעקן׳, ווענעסעדים ׳באַזונדערע, ניט אין דאָרף, ווירטשאַפט׳.

ג. הויזווירטשאַפט:

גאַרע ׳פּאַרע, אויסדאַמפונג׳, קאַקטע ׳אויבער־שטער פייער־לאָך אין אויוון׳, גלעבע: קלעבע ׳באַרעם, פולע אָרעמס׳, קורענען זיך ׳זיך שלעכט הייצן׳, סמילקענען ׳טליען, פלימערן׳, גאַדעגאַלע ׳האָלאָוועשקע׳, פּאַגאַלע ׳אַרומגעברענט שייטל האָלץ׳, פליסקע: פלאָיסקע ׳אויסגעטריקנט שייטל האָלץ׳, פּראַקורעס ׳אונטערהייצעכץ׳, סקאַלקע ׳שפּאָן׳, שאַקאַלע ׳שפּענדל׳, ניקענען ׳אויסגיין (וועגן פייער)׳... גאַשטשע ׳דוהע צו טראָגן צוויי עמער׳, סווירטיס ׳אַ ברונעם־געשטעל׳, רענטענעס ׳ברונעם־געשטעל׳... ראַדושעס ׳אָפּגעריבענער בעזים׳, סרוטעס ׳פּליסיקע שטאַל־מיסט׳, פּאַמעזגעס ׳פּאַמוניצע׳, שוקשלעס ׳מיסט, אָפּפאַל׳, לופּעטע ׳שמאַטע׳, שקורלע ׳שמאַטע, טראַנטע׳...

ד. אכילות:

שאַלטענאָסעס ׳וואַרעניקעס מיט צוואָרעך׳, שווילפּיקעס ׳מעל־(בולבע־)קניידלעך׳... שוטע־נען ׳קאָכן אין אַ פאַרמאַכטן טאָפּ׳... פּאַגראָנדע(לע) ׳אַזאַ באָנדעלע׳.

## 3. מלאכות, מכשירים און אויסאַרבעטונגען

א. פישערײַ:

בוטשע ׳קאָרב צו כאַפּן פיש׳, מעשקערע ׳ווענטקע׳, גריטע ׳נעץ־בייטל׳... קיבענען ׳אײַנבייסן (פון אַ פיש)׳.

ב. פערד און וואָגן:

גאַרדעס ׳לייטערוואָגן׳, קריפּעס ׳לייטערוואָגן׳, בראַנק(ש)טיס ׳אין פערדגעשפּאַן׳, בריזגאַלע ׳צוימגעבים׳, קילפּע ׳שטײַג־רימען, שטײַג־רינג׳, פּלעשקע ׳שלייע (פון געשפּאַן)׳, סעדענע ׳זיצברעט אין וואָגן׳, אוזגאַלעס ׳הינטערברעט פון וואָגן׳, אוקנאָלעס ׳פּאָדקעווע־טשוועקעס׳, שלאַיע ׳שליטן׳, סטאַבאַלע ׳קלעצל פון ראָד׳, סטיפּינע ׳שפּיצע (פון ראָד)׳, קאַקלעניגק ׳האַלדז־רימען׳... בעריס ׳ברוין פערד׳, יאָדבעריס ׳שוואַרצברוין פערד׳, שירוויס ׳שימל (פערד)׳...

ג. אַנדערע:

קאַרשענען ׳קעמען, גרעמפּליעווען (וואָל)׳, וועלענען ׳וואַלקן, קרעמפּלען׳, שפּאַלעס: ספּאַלעס ׳אָפּפאַל ביים ברעכן פלאַקס׳, פּאַקאַלעס ׳פּאַקלע׳, באָמע ׳דיקער שטאַנג׳, קאָבענע ׳שטאַנג מיט קרוק׳, קעקסע ׳שטאַנג מיט קרוק׳, דאַלבע ׳ברעכשטאַנג׳... קלומפּע ׳הילצערנער שוך׳, קלומבאָקעס ׳שיך מיט הילצערנע זוילן׳, מעדזשאַקעס ׳שיך מיט הילצערנע זוילן׳, נאַגענע ׳דאָרפישער שוך׳.

## 4. באַגריפן פון ניט־יידישן לעבנס־שטייגער

אַ קליינע צאָל ליי־ווערטער זיינען פאַרבונדן מיט אָביעקטן פון ניט־יידישן שטייגער, אויף וויפל אַ יידן איז אויסגעקומען זיי צו געבן אַ נאָמען. עס טרעפט, אַז מיטן ליי־וואָרט ווערט אונטערגעשטראָכן די ניט־יידישקייט פונעם באַצייכנטן אָביעקט, פאַרן פאַראַלעלן יידישן אָביעקט ווערט גענוצט אַ יידיש וואָרט פון העברעאישן אָפּשטאַם. ליטואַניזמען פון דעם מין זיינען נאָר ווינציק וואָס אַריינגענומען געוואָרן אין דער ליי־ווערטער זאַמלונג. למשל נעמען פון ליטווישער חגאס זיינען גענומען פון ליטוויש, נאָר אַ ביסעלע איבערגעפורעמט: ייד. קאַלייד < ליט. kalėdos, ייד. יורגין < ליט. jurginės; אויך קאַלעדאָיענען פון kalėdóti. אָדער דאָס אָרט, וואו מען באַערדיקט יידן, רופט מען מיט אַ וואָרט פון העברעאישן אָפּשטאַם בית־עולם, וואו ניט־יידן — קאַפּעס: קאַפּענעס (אויך קאַפּעל).

## 5. נייע אַדמיניסטראַטיווע ליי־ווערטער

אַ סך באַגריפן, וואָס יידן פלעגן באַצייכענען מיט סלאַווישע, געוויינלעך רוסישע נעמען, האָט מען נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה אָנגעהויבן באַצייכענען מיט ליטואַניזמען. באַזונדערס איז דאָס געווען צו זען אין דער „אַדמיניסטראַטיווער" שפּראַך. וואו פריער איז דער אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלער איינס (טייל פון אַ גובערניע) געווען אואיעזד (רוס. уезд) ׳קרייז׳, איז געוואָרן ליט. apskritìs, דאָס פּשוטע פאָלק האָט דאָס גערופן אַפּסקריצע, און דעם שעף פון אַזאַ איינהייט האָבן יידן גערופן אַפּסקריצע ווירסעני(נ)ק (ליט. apskritiẽs

viršininkas). אין אַ נידעריקערן אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלן איינס, טייל פון apskritis, איז דער שעף געווען viršaitis, אויף יידיש ווירשײַטעס; אין דער אַרמיי ווירשי׳לע פון ליט. viršilà, אין וואַלד ג׳ריניק פון girininkas. וועגן שאַוליסט איז דערמאָנט אויבן (IX, 2א).

## 6. פאַמיליע נעמען

די פאַמיליע נעמען פון ליטווישע יידן זיינען אַ באַזונדער געביט. אַ סך פון זיי שטאַמען פון נעמען פון ליטווישע שטעטלעך און דערפער, למשל אַני׳קשט, ווילקאָמירסקי, קיידאַנסקי. אָבער די אַלע פאַמיליע נעמען זיינען ניט קיין רעזולטאַט פון דירעקטער השפעה פון דער ליטווישער שפּראַך. דאָ קען מען גיכער ריידן וועגן דער השפעה פון די פריערדיקע רוסישע אָרטשאַפטן־נעמען אין ליטע איידער פון די ליטווישע נעמען. דער פאַמיליע נאָמען זשאַגאָרסקי איז בפירוש פון דעם רוסישן נאָמען פונעם שטעטל „זשאַגאָרי" (Жагоры), וואָס הייסט אין ליטוויש Žagarė; ווילקאָמירסקי איז פונעם רוסישן ווילקאָמיר (Вилькомир) און ניט פונעם ליטווישן Ukmergė (זע לעמכען 1929).

אויף יידישע פאַמיליעס איז די ליטווישע השפעה אַ מינימאַלע. דאָס איז פאַרשטענדלעך. די ליטווישע יידן האָבן דאָך אָנגענומען — פּינקטלעכער: געמוזט אָננעמען — פאַמיליע נעמען אין אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, ווען ליטע איז געווען אַ טייל פון צאַרישן רוסלאַנד, ווען אויך ביי די ליטווישע שטאָטישע איינוואוינער און פאַרמעגלעכע דאָרפסלייט זיינען ליטווישע פאַמיליע נעמען ניט געווען פּאָפּולער. כאָטש פאַמיליעס אין רוסלאַנד האָט מען געקענט פריי אויסקלייבן (פגל. ווייסענבערג 1929), קען מען קיין ליטווישע פאַמיליע נעמען ביי יידן פון יענע צייטן ניט דערוואַרטן.

און פונדעסטוועגן קען מען באַגעגענען (אמת, גאַנץ זעלטן) יידן מיט ליטווישע פאַמיליעס. ליווישין (1929) דערמאָנט זיבן פאַמיליע נעמען. י. קאָצין, אַ קאָוונער דאָקטאָר, האָט פאַרסכהכלט די פאַמיליע נעמען פון ליטווישע יידן לויט זיינע פּאַציענטן־ביכער אין משך פון ניין יאָר. קאָוונער יידן האָבן באַשטעטיקט, אַז ד"ר קאָצין האָט געהאַט אַ גרויסע פּראַקטיק, אין משך פון ניין יאָר זיינען ביי אים געווען טויזנטער פּאַציענטן. אין זיין אַרטיקל אין דער קאָוונער צייטונג אידישע שטימע שרייבט ער, אַז ער האָט געפונען בלויז פיר יידישע פאַמיליע נעמען פון ליטווישן אָפּשטאַם. מען מוז באַמערקן, אַז עס זיינען ניטאָ קיין ידיעות וועגן דעם עלטער פון די פאַמיליעס (קאָצין 1927).

עטלעכע יידישע פאַמיליע נעמען, וואָס שטאַמען פון ליטוויש (ניט פון רוסישן נאָמען פון וואוינאָרט), קאָן מען געפינען אין בערל כהנס גרויסן אָנדענק־ספר יידישע שטעט, שטעטלעך און דאָרפישע ישובים אין ליטע (ניו־יאָרק 1991). אין דער דאָ געגעבענער רשימה ווערט פאַרצייכנט, אויף וועלכן זייטל פון כהנס בוך זיי ווערן דערמאָנט.

דאָ איז אַ סך־הכלדיקע רשימה פון יידישע פאַמיליע נעמען פון ליטווישן אָפּשטאַם. די פאַמיליעס, וואָס איך האָב אַליין געהערט, זיינען פאַרצייכנט צוזאַמען מיטן אָרט, וואו די יידן האָבן געלעבט אין צייט פון פאַרשרייבן.

1. אַרקלי׳ס (פון arklỹs ׳פערד׳) — קאָוונע (ליווישין 1929).

2. באַלטאַקאַקלים (פרוי: ־לע) (פון baltakãklis ׳ווייסהאַלדזיקער׳) — ווילקאָמיר; באַלטאַקאַקלאַס (ליווישין 1929).

3. געני׳ס (פון genỹs ׳פּיקהאָלץ־פויגל׳) — מאַריאַמפּאָל; ריטעווע (כהן 1991: 553).

4. גראַזשו׳טים (פון gražùtis ׳שיינינקער׳) — סעסיק (ווילקאָמירער ראַיאָן); גראַזשוטע (פרוי) (ליווישין 1929).

5. גו׳לבאַס (פון gul̃bė ׳שוואַן׳) (קאָצין 1927).

6. קעטו׳ראַקים (פון ketùrakis ׳פיראויגיקער׳) (ליווישין 1929).

7. קובי׳לים (פון kubìlius ׳באָנדער׳) — (קאָצין 1927).

8. קו׳ניגים (פון kùnigas ׳אַ גלח׳!) — ווילקאָמיר; קוניגאַס (ליווישין 1929; קאָצין 1927).

9. פורווע (פון pur̃vas ׳בלאָטע׳) (ליווישין 1929).

10. סקײַסט (פון skaistùs ׳שיינער, העלער׳) — ווילקאָמיר.

11. טרומפּאַקאָיאָ׳טע (פון trumpakõjis ׳קורצפוס׳) — אַ סטודענטקע פון קאָוונער אוניווערסיטעט, שטאַמט פון שטעטל זיימל.

12. זשעמײַ׳טים (פון žemaĩtis ׳זאַמעטער, זשעמײַט׳) (ליווישן 1929; קאָצין 1927).

13. גילי׳ם (פון gylỹs ׳שטעכלקע, למשל פון אַ בין; בײַספּליג׳) — קרעטינגע (כהן 1991: 513), דראָביאַן (כהן 1991: 73). דער דאָזיקער פאַמיליע נאָמען איז זייער פאַרשפּרייט ביי ליטווינער, אין ווערטערבוך פון ליטווישע פאַמיליעס זיינען פאַרצייכנט 56 ערטער, וואו עס וואוינען ליטווינער מיט אַזאַ פאַמיליע נאָמען.

14. סמילג (אין ליטע זיינען דאָ נײַנצן דערפער און איין שטעטל Smilgiai. ווילדגראָז smilga) — פּאָנעוועזש, קיידאַן (כהן 1991: 481).

15. שווידיני׳שקי, שווידעני׳שקי (דערפער

Šiaudinìškė, Šiaudiniškiai אין ווילקאָווישקער, אוטיאַנער קרייז; זע האַנטבוך פֿון אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלער טיילונג פֿון ליטע) — פּאָנעוועזש, קיידאַן (כהן 1991: 181).

16. פּאַלוקשטאַ (מאָטל) (פֿון דאָרף Palūkštỹs, טאַווריקער [ראַסיינער] קרייז) — אין 1941 פֿאַרשיקט אויפֿן ווייטן צפֿון, אין קאָמי געביט, דאָרט אומגעקומען. זיין זון ל. פּאַלוקשטאַ, פֿאַרן אַוועקפֿאָרן קיין ישראל (1991) האָט דאָרט געשטעלט אַ בשותּפֿודיקע מצבה פֿאַר פֿופֿציק אומגעקומענע פֿאַרשיקטע (אין צייטונג Gimtasis kraštas נ. 35, 27 VIII. 1992).

17. געגוזשי́נסקי (פֿון Gegužìnė, -ìnis צען דערפֿער), ווילנע, קאָוונע. אַ פֿאַמיליע נאָמען פֿון ליטווינער אין זעקס וואוינערטער Gegužìnskas.

18. שעסקין (דערפֿער Šeškìnė, -ìniai, אין ווילנע ראַיאָן Šeškìnė) — שאַוול, ווילנע. ליטווישער פֿאַמיליע נאָמען Šẽškus.

19. ראַודאָנ́סקי, טאָכטער ראַודאָניסקי́טע (פֿון נעמען פֿון דערפֿער Raudõniškis, -iškė, צו raudónas „רויטער"), קאָוונע.

20. יעדייקין (זאַמעטער דערפֿער Juodeĩkiai, ליטווישער פֿאַמיליע נאָמען Juodeĩkis אין 21 אָרטשאַפֿטן), זשאַגער.

## 7. שפּעט־לשון

יידיש האָט פֿאַרשידענע מיטלען צו שאַפֿן ווערטער מיט אַ פּעיאָראַטיוון באַדייט, מיט אַ נעגאַטיווער אָפּשאַץ־באַפֿאַרבונג. ברייט שרייבט וועגן דעם פּרילוצקי (1924). איין מיטל איז צוצוגעבן צו יידישע ווערטער געוויסע סופֿיקסן — דאָס מאַכט מען אויך אין דער ליטווישער שפּראַך.

אָבער יידיש האָט אויף צו באַצייכענען דעם פּעיאָראַטיוון באַדייט נאָך אַ מיטל, וואָס פּרילוצקי האָט ניט אויסגעטיילט, דערמאָנט נאָר אגב אורחא. דאָס איז דער באַנוץ פֿון אַ פֿרעמדשפּראַכיקן וואָרצל, ווען מען וויל עפּעס אַ זאַך אָדער אַרבעט דערמאָנען מיט ביטול, ווען מען וויל עפּעס אויסלאַכן. אַ באַגריף ווערט אין יידיש געוויינלעך אויסגעדריקט אין איין וואָרט: פֿון דייטשישן, העברעאיש־אַראַמישן אָדער סלאַווישן אָפּשטאַם. אויב פֿאַר אַ באַגריף זיינען פֿאַראַן סינאָנימען פֿון פֿאַרשידענעם אָפּשטאַם, אונטערשיידן זיי זיך געוויינלעך לויט די קאָנאָטאַציעס. אין יידיש האָט זיך אויף אַזאַ אופֿן געשאַפֿן אַן אָריגינעלער מין פּעיאָראַטיוון: אויב דאָס נייטראַלע וואָרט אויף אויסצודריקן אַ באַגריף איז פֿון איין אָפּשטאַם, קען דאָס צווייטע וואָרט, פֿון אַן אַנדער אָפּשטאַם, קריגן אַ פּעיאָראַטיוון באַדייט.

אין ליטווישן יידיש, באַזונדערס אין זאַמעט און ביי־זאַמעט, האָבן אויך ליטווישע ליי־ווערטער געקענט ווערן יידישע פּעיאָראַטיוון — אַ סימן, אַז ליטואַניזמען זיינען געווען ברייט פֿאַרשפּרייט, אַז עס איז ניט געווען קיין סכּנה, מען זאָל ניט פֿאַרשטיין דאָס וואָרט, אַז אַ ריי ליטווישע ליי־ווערטער זיינען שוין געווען איינגעוואָרצלט אין דעם אָרטיקן יידיש.

די פּעיאָראַטיוון פֿון ליטווישן אָפּשטאַם באַדייטן, ווי בכלל פּעיאָראַטיוון, גרויסע, צו גרויסע אָדער ניט־שיינע, ניט־גוטע זאַכן, פֿגל. סקרינע 'אַ גרויסער קאַסטן' < ליט. skrynià 'אַ קאַסטן'; קאַפּו́רע 'אַ פּראָסט, ניט־שיין, צו גרויס היטל' < ליט. kepùrė 'היטל'; זאַמעטער ייד. סרובע 'פּראָסטע, שיטערע, ניט־געשמאַקע זופּ' < sriubà 'זופּ'.

דאָס זעלביקע איז מיט ווערבן, וואָס ווערן באַנוצט צו איראָניזירן אָדער אָפּלאַכן, אָדער אויסצודריקן פֿאַראַכטונג, פֿגל. קניסענען זיך 'זיך רויען, אַלץ איבערנישטערן, זיך שטאַרק גראָבן' < knisinéti 'זיך גראָבן'; קאַלבעקענען 'שוואַך קענענדיק די שפּראַך ווי־ניט־איז רעדן (באַזונדערס ליטוויש), קענען זיך צונויפֿרעדן' < kalbéti 'רעדן'; זאַמעטער ייד. טײַסענען 'פּראַווען, צורעכטמאַכן, פֿאַרקען זיך, מיט שוועריקייטן עפּעס מאַכן' < taisýti 'צורעכטמאַכן, רעמאָנטירן'.

צווישן די דערמאָנטע ליי־ווערטער ווערבן טיילן זיך אויס ווערבן, וואָס האָבן אַ פּעיאָראַטיוון באַדייט און גלייכצייטיק זיינען זיי אייגנאַרטיקע אינטענסיוו־איטעראַטיווע ווערבן. דוגמאות: דראַסקענען 'אינגאַנצן צעררייסן; זיין גרויסער רייסער פֿון בגדים, שיך' < draskýti 'רייסן'; צוקי́רפּענען 'צעשערן אויף קליינע שטיקלעך; שלעכט צעשערן; צעשערן אָן שום ציל' < sukir̃pti 'צעשערן'; שטיפּענען 'שטאַרק פֿרירן, זייער ליידן פֿון פֿראָסט, פֿאַרפֿראָרן ווערן' < stìpti 'פֿרירן'; פּיפּקענען 'אַ סך רייכערן; רייכערן לאָזנדיק אַ סך רויך' < pypkiúoti 'רייכערן'; באַטאַשקענען 'שטאַרק באַשפּריצן (מיט וואַסער, בלאָטע) אינגאַנצן ('ווי גרויס ער איז')' < aptaškýti 'באַשפּריצן'. אַנאַלאָגיש ביי סובסטאַנטיוון: שפּייגע 'גרויסער פֿראָסט' < spéigas 'פֿראָסט, גרויסער פֿראָסט'.

באַזונדערס גרויס איז די גרופּע צונעמענישן. מען קען זיי איינטיילן אויף צוויי קאַטעגאָריעס: אַ טייל פֿון זיי זיינען אַזוי ווי שטענדיקע עפּיטעטן, וואָס ווערן צוגעגעבן שטענדיק צו די נעמען פֿון די מענטשן — דאָס זיינען צונעמען פֿון די מענטשן; אַ צווייטע קאַטעגאָריע זיינען זידלווערטער, מיט וועלכע מען זידלט אָפּ איינער דעם אַנדערן. דוגמאות פֿון צונעמען: באַלדע 'אומגעשיקטער,

שווערער מענטש׳, באַקעלאָרעס ׳וואַנדערנדיקער מלמד׳, יאָדבאַרוזדים ׳שוואַרצבאָרד׳, רודבאַרוזדים ׳רויטבאָרד׳, בעדוגנעס ׳זולל וסובא׳, גערווע ׳נאַר, שוטה׳, יאָקסמעס ׳ווײַצלינג׳, קאַקטע ׳אַ פאַרשוואַרצטער׳, מאַלאַגים ׳ליגנער׳, פּאַדעגאַלעס ׳נשרף׳, שאַקאַלע ׳מאָגערער, אויסגעדאַרטער מענטש׳, סווירטים ׳הויכער מאָגערער מענטש׳... — דוגמאות פון זידלווערטער: אַפּדריסקאַלעס ׳אָפּגעריסענער, האָלעדריגנע׳, ביאָיריבים ׳פּאַסקודסטווע׳, ראָיגנאָרעס ׳זשעדנער מענטש׳, דורנעס ׳טיפּש, נאַר׳, פּוסדורנעס ׳נאַרישעוואַטער׳, גלושעס ׳שוטה׳, ליומפּים ׳גולם, גלאָמפּ׳, נעטיקאַלעס ׳לא=יוצלח׳, פּאַסיוטאַלעס ׳צעיושעטער, ווילדער מענטש׳, פּיקטשורנע ׳מרשעת, בייזע׳, ראַגענע ׳בייזע פרוי׳, שקראַבע, שקראַבאַלע ׳אַלטער אויסגעדאַרטער מענטש׳, טיטנאַגעס ׳איינגעשפּאַרטער עקשן; קמצן׳, וועפּעלים ׳גלאָמפּ, לעקיש׳... (פגל. ווייסענבערג 1926: 85, וואו עס איז אויך געבראַכט געוואָרן אַ קלאַסיפיקאַציע פון צונעמענישן).

### 8. פאַרשידנס

עס זיינען פאַראַן ליי=ווערטער, וואָס מען קען זיי ניט צורעכענען צו אַ וואָסערער=ניט=איז גרופּע אָדער מען קען דאָס מאַכן נאָר קינסטלעך. וועלן דאָ ווערן פאַרצייכנט אַ צאָל ליי=ווערטער, וואָס זיינען ניט אַריין אין די ראַמען פון דער געגעבענער קלאַסיפיקאַציע. מען דאַרף באַמערקן, אַז די מערהייט פון זיי שטעלט מיט זיך פאָר זייער פאַרשפּרייטע ליטוואַניזמען אין ליטווישן יידיש.

דוגמאות: באַרשקענען ׳קלאַפּערן, קלאַפּן׳, בליזגענען ׳גלאַנצן׳, קראָיסטענען ׳אַריבערפּעקלען׳, גײַשענען ׳פּטרן צייט; זיך פאַרהאַלטן׳, (ס)קראַפּשקענען ׳סקראָבען׳, קראַטענען ׳טרייסלען׳, קרושענען ׳(אָנ)שטאָפּן, אָנפּרעסן׳, אָפּטירפּענען ׳פאַרשטייפן; ווערן פאַרגליווערט׳, פּליאַנט ׳שאָסיי׳, פּליקער ׳נאַקעטער, ניט באַדעקטער׳, פּורשקענען ׳שפּריצן׳, פּורטענען ׳טרייסלען׳, שורפּעדיק ׳שאָרסטיק׳, טיקענען ׳לויערן׳, וואַרגענען ׳ליידן נויט, מאַטערן זיך׳, דילענען ׳אויסרייבן׳, קויפּ: קייפּ ׳הכרעה, איבערוואָג׳, לובעס ׳סטעליע, סופיט׳, קולבע ׳פּיאַטע׳, קרואווע ׳הויפן, קופּע׳...

## XV

## שינויים אין באַדייט

1. די ליטווישע ווערטער, וואָס זיינען אַריין אין יידיש, באַקומען אָפטמאָל אַ נייעם באַדייט, כאָטש עס זיינען פאַראַן אַ סך פאַלן, ווען דער באַדייט פון יידישן ליי=וואָרט און ליטווישן עטימאָן פאַלן צונויף.

2. אַ סך ליטווישע ליי=ווערטער האָבן געקראָגן אין יידיש אַ פּעיאָראַטיווע באַפאַרבונג, וואָס אין ליטוויש האָבן זיי ניט געהאַט; אַ טייל ווערבן קריגן אַן אינטענסיוו=איטעראַטיווע אייגנאַרטיקייט (זע XIV, 7).

3. זייער אָפט ווערט דער באַדייט פון די ליי=ווערטער שמעלער אָדער מער ספּעציאַליזירט לגבי זייערע ליטווישע פּראָטאָטיפּן; למשל:

baidýti איז ׳שרעקן׳, ביידענען איז ׳שרעקן בהמות, הינער... (ניט מענטשן)׳ זיך ביידענען ׳זיך שרעקן (דער עיקר וועגן פערד)׳.

stìpti קען באַדייטן אָדער ׳פרירן, ליידן פון קעלט׳ אָדער ׳פּגרן׳, דאַן ווען שטיפּענען — איז נאָר ׳פרירן׳.

דאָס ליטווישע וואָרט kampas האָט אַ צאָל באַדייטן, אָבער צום אָפטסטן — ׳ווינקל׳; אין יידיש איז אַריין קאַמפּע: קאָמפּע מיט אַ זייטיקן באַדייט ׳אַ דיקע, ניט פיין אָפּגעשניטענע המוציא׳, אין ליטוויש ׳אַ נאַקרייציק (ברויט)׳.

איך האָב אין פּאָפּעלאַן אַ סך מאָל געהערט אויף יידיש אַ פּאַוואַרגאַלע וועגן אַ מאָגערער, קרענקלעכער הון, אין ליטוויש איז pavaĩgėlė אַן ׳אָרעמע פרוי׳.

išnỹkti ׳פאַרשווינדן׳ איז אין יידישן אויסניקענען געוואָרן ׳אויסגיין (וועגן פייער)׳.

4. עס זיינען פאַראַן פאַלן, ווען פון עטלעכע באַדייטן פון אַ ליטוויש וואָרט איז אין יידיש אַריין בלויז דער פיגוראַטיווער באַדייט, למשל rãgana איז ׳מכשפה׳, אָבער פיגוראַטיוו אויך ׳אַ בייזע פרוי׳; אין יידיש איז ראַגענע נאָר ׳מרשעת, בייזע פרוי׳. פאַר דעם ניט=פיגוראַטיוון באַדייט איז געבליבן דאָס וואָרט פון העברעאישן אָפּשטאַם (מכשפה).

5. אינטערעסאַנט איז די אַנטוויקלונג פון באַדייט אונטער דער השפעה פון ליטוויש. דער יידישער אַדיעקטיוו פּראָסטער ווערט באַנוצט אין זין ׳פּשוטער, איינפאַכער; געוויינלעכער׳. דאָס וואָרט איז פון סלאַווישן אָפּשטאַם. אויך דאָס ליטווישע וואָרט prãstas איז פון סלאַווישן אָפּשטאַם, אָבער זיין הויפּט=באַדייט איז ׳שלעכטער׳. אין ליטווישן יידיש איז אויך זייער פאַרשפּרייט דער ליטווישער באַדייט: פּראָסטע ערד, פּראָסטע שיך, פּראָסטע ביר, פּראָסטע באַלעבאָסטע, פּראָסטע איבערזעצונג. דאָס האָט זיך אַנטוויקלט אַנאַלאָגיש צו ליטוויש.

אין די פאַרמלחמהדיקע יאָרן אין מאַריאַמפּאָלער קרייז פלעגן יידן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט לאַנדווירטשאַפט, זאָגן: די קאָרן שווימען אין זין די קאָרן לאָזן זאַנגען. אַזאַ ניט=געוויינלעכער יידישער אויסדרוק

האָט זיך געשאַפן צוליב דער נאָענטקייט אין ליטוויש פון צוויי ווערטער, וואָס באַדייטן צוויי פאַרשידענע באַגריפן: plaũkia 'זיי שווימען' און pláukia 'זיי לאָזן זאַנגען, זיי זאַנגלען זיך'. דעם אונטערשייד פון אינטאָנאַציעס אין די ליטווישע ווערטער (áu ~ aũ) האָבן יידן געקענט ניט דערהערן און עס קען זיין, אַז אין זייער געגנט איז אויך אין ליטוויש ניטאָ קיין אונטערשייד (דעריבער ווערט אין סטאַנדאַרד ליטוויש אין צווייטן באַדייט מער רעקאָמענדירט pláukėja, ניט pláukia). די יידן האָבן אונטער דער השפעה פון ליטוויש פאַרברייטערט דעם באַנוץ פון וואָרט שווימען, אים צוגעגעבן דעם צווייטן באַדייט לאָזן זאַנגען אַנאַלאָגיש צו ליטוויש. פגל. שקליאַר 1933: 66 א.וו., וואו עס זיינען פאַראַן ווייסרוסישע אַנאַלאָגן).

# רשימה פון ליטואַניזמען

אָבאַגים דער — בט; פמפ אָרעמאַן, בעטלער (עפטער ווענן ניט קיין יידן) < ùbagas (דאָס ליטווישע וואָרט איז פון סלאַווישן אָפּשטאַם: אַלט־פּויליש אָדער ווייסרוסיש ubog[i]; זע פרענקעל 1962–1965: 1196).

אַוועקבייגענען זיך — שק; שלוו ענדיקן זיך, אויסגיין ווי אַ ליכט; זי בייגעט זיך אַוועק — זי האַלט ביים שטאַרבן < baĩgtis (1 'זיך ענדיקן'; 2) 'שטאַרבן, פּגרן'; nusibaĩgti 'שטאַרבן, פּגרן'.

אַוועקטופּענען זיך — פפ, שלוו, טרש, בט; פש, פמפ, פנוו, אַנ; קורל (ווײַנרײַך 1923) זיך אַראָפּלאָזן אויף די קאָרטעטשקעס < atsitũpti.

אָוזגאַלעם דער — בט די הינטערברעט פון אַ וואָגן, וואָס לאָזט ניט אַרויספאַלן די זאַכן, וואָס מען פירט < ùžgalis.

אוזענען, אוזשענען — פפ, טרש, שלוו, בט, מושק, זשג; ברז; שק, וולקוו רוישן, זשוזשען, זשומען; עס אוזעט מיר אין די אויערן; בינען אוזענען < ũžti; זע נאָך הוזענען.

אָוזפּעצקים דער — בט, טרש, פפ דאָס אָרט הינטערן אויוון. ווען אַ מענטש זאָגט ניט זיין מיינונג אין געזעלשאַפט (פון מורא אָדער ווייל ער שעמט זיך) און אין דער היים רעדט ער דרייסט אָדער מיט גאווה, זאָגט מען: ער איז אַ גאַנצער מענטש אין [הינטערן] אוזפּעצקים; ווענן אַ פּחדן זאָגט מען: ער האָט זיך געהאַלטן [ליגט] הינטערן אוזפּעצקים < ùžpečkis.

אָוזשקומב(ע)רעם דער — בט, רגוו אַ פינצטערע הינטערקאַמער (פאַר שפּייז און חפצים), געוויינלעך הינטער דער קיך < ùžkambaris; דיאַלעקטישער איבערגאַנג פון am אויף um (זע אויבן 6 XL).

אָוזשקורעם, אוזקורעם דער — פמפ, רגוו, פנוו אַ מאַן, וואָס נאָך דער חתונה נעמט אים די פרוי אַריין אין איר ווירטשאַפט, שטוב < užkurỹs, גען. ùžkurio.

אָיגינטעלים דער — שלוו אַ צונאָמען אויפן גאַנצן לעבן פון אַ יתום, וואָס פרעמדע מענטשן האָבן אים אויסגעהאָדעוועט < augìntinis 'האָדע־וואַניק, אַדאָפּטירט יינגל'; אינטערעסאַנט, אַז אין יידיש איז באַנוצט אַן אַנדער סופיקס (־עלים), אָבער אויך אַ ליטווישער.

אָיטע די — פפ, טרש, מושק, זשג; קרן, פמפ; אַליטע, וולקוו אָנוטשע, פוסשמאַטע (אָנשטאָט אַ זאָק); פיג. שמאַטע; ער איז אָנגעטאָן אין אָיטעס (און שמאַטעס) < aũtas.

אויסבלאָנדענען זיך (פון שלאָף) — וש אויסטשוכען זיך (פון שלאָף), שווער אויפמאַכן די אויגן (פון שלאָף) < išsiblandýti.

אויסבלאַשקענען — פמפ דרעשן תבואה קלאַפנדיק די סנאָפּעס אָן אַ קעגנשטאַנד < (iš)blõkšti, איצט. blãškia.

אויסגעדיקעטער — פפ, זשג, טרש, שלוו, בט; שק זייער צעלאָזענער, צעבאַלעוועטער (קינד) < išdỹkęs.

אויסגעטראַקעט — מאַרק 1951 דער פערד האָט אויסגעטראַקעט — דער פערד איז געוואָרן ווילד, מען קען אים ניט איינהאַלטן < patrãkęs 'ווילד (משוגע) געוואָרן'.

אויסגעפּורעטער — פפ, טרש; אויסגעפּורקעטער — זשג פון אינעווייניק איינגעפוילט, שוואָמאַרטיק, ווייך (דער עיקר וועגן רעטעך, רעטעכלעך); אויסגעפּורעטער רעטעך; אויך פיג.: אַן אויסגעפּורעטער אַלטער בחור (שלוו) < išpùręs, išpùrtęs.

אויסדולקענען — פפ, טרש, בט, שלוו; פמפ אויסקלאַפּן (דעם שטויב); אויסדולקענען דעם טעפּעך < išdùlkinti.

אויסדיגענען — פפ, טרש, שלוו, בט; פמפ, סרד

אַרויסשפּראָצן, לאָזן אויסשפּראָצונגען (שפּראָצלינגען), אויסוואַקסן; די בולוועס זײַנען אויסגעדיגעטע [מיט אויסשפּראָצונגען]; די קאָרן איז פון רעגן אויסגעדיגעט, פּראָסטער (פּמפּ, פּפּ) < dýgti, sudýgti.

אויסדילענען זיך, אָפּדילענען זיך — גאַנץ ליטע און אויסער ליטע; קורל (קלמנאָוויטש 1926: 170), גראָדנע, טאָרון און דעמביץ (אין קראָקעווער קאַנט! — פּיל. שר. II 487[3]) דורך רײַבונג זיך אָפּנוצן, זיך אָפּרײַבן, זיך אָפּשײַערן. באַזונדערס אָפּט ווערט אויפגעטראָפן דער אַדיעקטיווירטער פּאַרטיציפּ אויסגעדילעט: אַן אויסגעדילעטער מעסער; אַן אויסגעדילעטער אַקס אין ראָד, אויך פיג.: אַן אויסגעדילעטער מוח; דײַן אַלטער [מאַן] האָט זיך שוין גאָר אויסגעדילעט < išdìlti.

אויסזוויירענען — וולק אויסגלאָצן, אויסטאַראַשטשען. אויסגעזוויירעט די אויגן — אויסגעגלאָצט די אויגן < פאַלש פאַרשטאַנען דאָס ליטווישע וואָרט žvairúoti 'קוקן קאַסאָקע, שיקלדיק'; אויך לעטיש zveirêt; דאָס יידישע וואָרט איז פאַרשריבן אין ווילקאָמיר, וואו לעטישע השפּעה איז ניט וואַרשיינלעך.

אויסטורלענען — פּפּ, ושג אַבי ווי אויסוואַשן (וועש). זע טורלענען.

אויסטשולפּענען — פּפּ, פּמפּ אויסזייגן; ער האָט מיר אויסגעטשולפּעט די בלוט < iščiul̃pti.

אויסלאַקענען — זע לאַקענען.

אויסמיטענען — פּפּ; פּמפּ אויסהאָדעווען (אַ בהמה) < išmìtinti.

אויסמײַטי́נען זיך — שלוו דורכקומען, דורכלעבן; ער מײַטינעט זיך אויס — ער קומט ווי־ניט־איז דורך, ער האָט פון וואָס צו לעבן < išsimaitìnti.

אויסניקענען — זע ניקענען.

אויספּורטענען — בט; פּמפּ אויסטרייסלען (אַ זאַק) < išpùrtyti.

אויסקאַרשענען — פּפּ, ושג, שלוו, שט; פּמפּ, ברז, פּש; שק אויסקעמען, אויסגרעמפּליעווען (וואָל) < iškar̃šti.

אויפדראַסקענען — זע דראַסקענען.

אוׂנגורעס דער (אצ און מצ) — בלג, געדרייץ אָלפּיש, ווענגער (unguilla) < ungurỹs.

אוקנאָׂלע(ס) דאָס רוב מצ — שלוו; פּש, פּמפּ; קנאָׂלע(ס) פּש אַ טשוועק אויף צוצוקלאַפּן פּאָדקעוועס < uknõliai.

אוׂקעניק דער — פּש אַ דאָרפישער באַלעבאָס, אַ (רײַכערער) פּויער < ū́kininkas.

אורוועס די — פּפּ, טרש, בט, שוו, ושג, של; רגוו, פּמפּ, פּנוו נאָרע, לאָך, הייל < ur̃vas.

אַטאָׂלעס מצ — בט; שר; אַׂטעלעס פּלגג גראָז, היי פון צווייטן יאָרשניט < atólas (אין ליטוויש — איינצאָל).

אײַנבאָׂיגענען — טרש אײַנשרעקן < įbaugìnti; פּגל. באָׂיגע(ר).

אײַנגעמורזעט — טרש; פּש אויסגעשמירט, אויסגעפּאַטשקעט, ניט ריין < išmur̃zintas.

אײַנטאַשקענען — פּפּ, בט, טרש, שלוו; פּמפּ, רגוו באַשפּריצן מיט פליסיקײַט, מיט בלאָטע, ליים א.א.וו. ער איז אײַנגעטאַשקעט (אָפּגעטאַשקעט, פאַרטאַשקעט) ווי גרויס ער איז < aptaškýti; פּגל. טאַשקענען.

אײַנטופּענען זיך — זע אַראָפּטופּענען זיך.

אײַנטײַסענען — ואַמעט, מאַרק 1971: 1162 אַרײַנשטעלן, אַרײַנפּאַסן, אײַנטײַסענען די פּלעקלעך אין צאַם < įtaisýti.

אײַנטיקענען — שק זיך סטאַרען געפעלן, צוטרעפן וואָס אַ צווייטן געפעלט < įtìkti.

אײַניוקסן — ואַמעט, קורל, מאַרק 1971: 1967 אײַנברודיקן, מאַכן עס זאָל ווערן אַ יוקס, אַ גאָרנישט, אַ שמאַטע; אײַניוקסן אַ קליידל, וואָס מען קען נאָך טראָגן; פּגל. יוקש[2], יוקשיקער.

אײַנסנאָׂידענען, אײַנסנאָׂידזענען — פּפּ, טרש, שוו, שלוו, בט, ושג, של; פּמפּ, פּנוו, פּש, ברז אײַנדרעמלען. פּגל. סנאָׂיד(ז)ענען < užsnū́sti, snáusti.

אילגאַ — מאַרק 1971: 1254 < ìlgas 'לאַנגער': אָנהייב פון עטלעכע פּעיאָראַטיווע ווערטער אין לשון פון קאַראַבעלניקעס אין דער ליטע: אילגאַאָׂדעגיס < ilgauodẽgis לאַנג־ווידלדיקער, גרויסער נאַר; אילגאַלעזוׂאָווים < ilgaliežùvis ווער עס האָט אַ לאַנגע צונג, פּלאַפּלער; אילגאַנאָׂגים < (רוסיש) нога + ilga לאַנגפיסיקער; אילגאַנאָׂסים < ilganõsis לאַנגנאָזיקער, ווער עס שטעקט אומעטום אַרײַן די נאָז; אילגאַסנאַׂפּים < ilgasnãpis לאַנג־שנאָבלדיקער, פּלאַפּלער, אויך פרעסער; אילגאַפּי́רסטים < ilgapir̃štis לאַנגפינגער־דיקער, גנב; אילגאַקאָׂאים < ilgakõjis לאַנגפיסיקער; אילגאַקאַׂקלים < ilgakãklis לאַנגהאַלדזיקער. די לעצטע צוויי ווערטער אין לשון פון פערדהענדלער, גענוצט וועגן פערד לשבח.

אַלגאַנוֹטים דער — מאַרק 1971: 1358 אין לשון פון קאַראַבעלניקעס, דאָרפסגייער אין ליטע: לוינאַרבעטער (ביַי אַ פּויער); פגל. אַלגע; אינטערעסאַנט, אַז אַזאַ וואָרט איז אין פילבענדיקן אַקאַדעמישן ווערטערבוך פון ליטוויש ניט רעגיסטרירט, אָנשטאָט אים ווערט אין ליטוויש געוויינלעך באַנוצט alginiñkas אָדער (זעלטן) algõčius. עס זעט אויס, אַז דאָס וואָרט האָבן לויטן ליטווישן נוסח געבילדעט די יידישע דאָרפסגייער.

אַלגע די — מאַרק 1971: 1358 אין לשון פון קאַראַבעלניקעס, דאָרפסגייער אין ליטע — שכירות; זיצן אַ וואָך ביַים פּויער, נייען און לאַטענען אויף אַלגע < algà ׳שכירות׳.

אַלקסנע די — פּפּ, טרש, מושק, שלוו, שוו, שקד, פּלנג, בט, זשג, של (זאַמעט); אַלקסנעס דער — פּש; עלקסנע די — פּמפּ. ווייטער פון זאַמעט: אָלכע (בוים) < alksnis און elksnis. אויך לעטיש elksnis, alksnis (מילענבאַך 1923, I: 68).

אָנבירבענען זיך — מאַרק 1971: 1437, זאַמעט פּעיאָראַטיוו: אָנוויינען זיך (באַזונדערס וועגן אַ קינד) < prisibir̃bti.

אָנגעקורסעט (?) אַדי — פּאַרטיציפּ פון ׳אָנקורסענען׳, ליט. kursti — אָנגעבויגן, אײַנגעבויגן גיין, זיצן, שטיין (מאַרק 1971: 1473). דאָ מוז זיַין אַ טעות אָדער דרוקפּעלער: kur̃sti איז אויף ליטוויש ׳טויב ווערן׳. פּאַמעלעך גיין; אַרבעטן אײַנגעבויגן, אויסשטעלנדיק דעם הינטערטייל הייסט אין ליטוויש tur̃sinti אָדער tursóti. אפשר האָט דאָ געדאַרפט זיַין אײַנגעטורסעט, אָבער אין מיַין זאַמלונג איז אַזאַ וואָרט ניטאָ.

אָנוואַרגענען זיך — זאַמעט; מאַרק 1971: 1510 אָנמאַטערן זיך; אָנוואַרגענען זיך ביַי דער אַרבעט; אָנוואַרגענען זיך אַ גאַנצן לעבן < privar̃gti, išvar̃gti.

אָנזשליוגענען — זע זשליוגענען.

אַנטרעני(נ)ק דער — שק; מאַרק 1971: 1579 אַרויסהעלפער, אונטערשטופּער, אָנפאַנגער. פּאַטשקע זיך ניט, דו ביסט דאָך נאָר אַן אַנטרעניק, לאָז צו אַ בעל־מלאכה < añtrininkas.

אָנלאָבענען — זע לאָבענען.

אָנלופּענ(ען) — מאַרק 1971: 1180 1) אָנקאַלופּען; אָנלופּען שטיקער פון גאַנצן לאַבן ברויט; אָנלופּען קאָרע פון בוים. 2) אָנברעכן די ביינער, אָנשלאָגן < prilùpti. אָנלופּענ(ען) זיך — אָנפרעסן זיך; זיך אָנלופּען מיט קאַרטאָפל < prisilùpti.

אָנמול(י)ענען — גאַנץ ליטע; מאַרק 1971: 1598 1) אָנזייפן (מאַכן אַ מוליענע); אָנמוליענען וועש, וואַסער; אָנמוליענען די פּאַרצע פאַרן גאָלן < i̯muĩlinti; 2) פיג. אָפּנאַרן, פאַרפירן < apmuĩlinti.

אָנמורזענען — פּפּ, זשג; מאַרק 1971: 1599 אָנפּאַטשקען, אויסשמירן, אײַנריכטן (דער עיקר דאָס פּנים); אָנמורזענען דעם שיינעם פּנימל < išmur̃zinti.

אָנספּראָגענען — פּפּ, שלוו, טרש, בט אָנפרעסן זיך, אַ סך זיך אָנעסן < prisisprógti.

אָנסקינענען — זשג; פּנוו, קוור, בלנ אָנרײַסן (בלומען, גראָז, יאַגדעס) < (pri)skìnti.

אָנפּושנענען — פּפּ, טרש, זשג, פּלנג; פּמפּ, רגוו, שט, שר אָנווייען (אָנבלאָזן, אָנטראָגן) שניי; עס האָט אָנגעפּושנעט גאַנצע בערג שניי < pripustýti, pripusnýti. פגל. פּושנע.

אָנפּיפּקענען — גאַנץ ליטע; אָנפּיפּקען — מאַרק 1971: 1616 אָנלאָזן אַ סך רויך פון אַ פּיפּקע, ליולקע < pripypkiúoti; זייער פאַרשפּרייט איז דער פּאַרטיציפּ אָנגעפּיפּקעט — מאַרק 1971: 1469 פול מיט רויך פון אַ פּיפּקע; שווער צו אָטעמען אין אַן אָנגעפּיפּקעטן צימערל; דער וויכוח איז געווען אַן אומקלאָרער, אַ פאַררייכערטער, אַן אָנגעפּיפּקעטער.

אָסע די — פּפּ אַשבוים, יאַסען, יאַסינע < úosis.

אָפּבאַלדענען זיך — פּפּ, ווקש, שלוו, מזשק, של, זשג; קדן; פּנוו, פּמפּ זיך אַרומשלעפּן, אַרומבלאָנקען (ביז); זיך אָפּבאַלדענען ביז שפּעט אין דער נאַכט < išsibáldyti.

אָפּבירבענען — ליטע, עסטלאַנד אַ לאַנגע צײַט וויינען (באַזונדערס וועגן קינדער). ער [דאָס קינד] האָט אָפּגעבירבעט די גאַנצע נאַכט < prabir̃bti; פגל. בירבענען.

אָפּבלערענען — פּפּ, טרש; עסטלאַנד אָפּוויינען, אָפּפלאַנכענען אויפן קול אַ געוויסע צײַט (באַזונדערס וועגן אַ קינד); אָפּגעבלערעט אַ גאַנצן אָוונט < išbler̃bti.

אָפּגײַשענען, אָפּגײַסענען — גאַנץ ליטע זיך פאַרהאַלטן, פּטרן צײַט; ער האָט דאָרט אָפּגעגײַשעט אַ גאַנצן טאָג < sugaĩšti.

אָפּגעבלוקעט — פּש אָפּגעבליאַקעוועט, אָפּגעקראָכן, אָפּגעשאָסן, אָפּגעבלייכט (וועגן קאָליר, בגד) < nublùkęs.

אָפּגעדראַסקעט — זאַמעט אָפּגעריסן, אָפּגעריסן-אָפּגעשליסן < apdrìskęs; די יידישע פאָרמע איז פון apdraskýti 'אַרומרײַסן, אָפּטראָגן' — אַן אַדיעקטיווירטער פּאַרטיציפּ.

אָפּגעדריסקעט — פּפּ; פּש אָפּגעריסן-אָפּגעשליסן, קרוע-בלועדיק < apdrìskęs.

אָפּגעשושקעט — פּפּ, זשג, שלוו; פּש; קנ אויסגעקראָכן, אָפּגעקראָכן, אָפּגעריבן, באַזונדערס וועגן אַ פעלצענעם קראַגן, פעלץ, אויך אַ בגד; פיג.: אַן אָפּגעריסענער (מענטש) < pašiùšęs.

אָפּדילענען — זע אויסדילענען.

אַפּדר׳יסקאַלעס דער — שר אַן אָפּגעריסענער מענטש, האָלעדראַנעץ < apdrìskėlis.

אָפּוואַרגענען — זע וואַרגענען.

אַפּושע די — פּפּ, זשג, טרש, שוו, שקד, פלנג; פּנוו, פּמפּ, שט; עֶפּושע — וולק, פּש אָסינע (בוים), ציטער-טאָפּאָל (populus tremula) < ãpušė און (מזרח ליטע) ẽpušė.

אַפּושענער אַדי — פון אַפּושע; אַפּושענע האָלץ < ãpušinis און apušìnis.

אַפּזעלענען — בט באַוואַקסן מיט האָר < apžélti; אויף ליטוויש איז želti אַ ברייטערער באַגריף: 'גרין וואַקסן' (למשל וועגן גראָז); פיג. אויך וועגן האָר אויפן קאָפּ און אין באָרד. אין יידיש איז באַנוצט נאָר וועגן האָר.

אַפּזש׳ינדאַלעס — פּאָנעוועזשער ראַיאָן; אַפּ-זשינדאַלעס — געהערט אין אַ קאָוונער משפּחה, געקומען פון קיידאַן אַ קינד, וואָס די מאַמע האָט געהאַט אַנטוויינט און נאָכדעם ווידער אָנגעהויבן צו זייגן. פון אַזאַ קינד וואַקסט אויס אַ שלעכטער מענטש, אַ גנב, אַ גזלן. ווען ער ווערט אַ דערוואַקסענער, האָט ער בייזע אויגן: אויף וואָס ער גיט אַ קוק, גיט ער אַן 'עין-הרע', מאַכט ער קאַליע < atžìndėlis, לעטיש atžîdelis (מילענבאַך 1923, I: 213). פּראָפ. מ. בירזשישקאַ אין דער פאַרמלחמהדיקער ליטווישער ענציקלאָפּעדיע (1933: II 33) בײַם וואָרט atžinda שרײַבט, אַז 'די זעלביקע גלייבענישן האָבן לעטן (ļaunas acis), סלאַוון..., דײַטשן (böser Blick), יידן' אָבער פון דעם אַרטיקל איז ניט קלאָר, צי מענטשן גלייבן, אַז נאָר אַן אַפּזשינדאַלעס קען געבן אַן עין-הרע אָדער אויך אַנדערע קענען האָבן 'בייזע אויגן'. אין יידיש איז פאָרגעקומען אַ דיסימילאַציע פון דענטאַלן עקספּלאָסיוו t פאַרן דענטאַלן ציש-קלאַנג ž און t איז געוואָרן p: atžindėlis איז געוואָרן 'אַפּזשינדאַלעס'. אינטערעסאַנט, אַז אויך אין יידיש זײַנען פאַרצייכנט ביידע אַקצענטן ווי אין ליטוויש atžìndėlis און ãtžinduolis.

אָפּטירפּענען — פּפּ, זשג, שלוו, בט, טרש, שוו פאַרגליווערן, פאַרשטײַפן, פאַרשטאַרן; אָפּנעמען, ווערן פאַרגליווערט, ווערן פאַרשטײַפט; איך האָב אָפּגעטירפּעט אַ פוס; מײַן רעכטע פוס (האַנט) איז אָפּגעטירפּעט [אָפּגענומען] < nutiřpti.

אָפּסנאָיד(ז)ענען — אָפּדרעמלען (אַ געוויסע צײַט). זע סנאָיד(ז)ענען.

אָפּק(אַ)נויקענען, אָפּנויקענען — זע קנויקענען.

אָפּקירפּענען — פּפּ, טרש, שלוו, שוו, בט, זשג; ברז, רגוו, פּמפּ, פּנוו, וולק, קוור; שק אָפּשערן ניט ווי עס דאַרף צו זײַן, ניט שיין אָפּשערן < apkiřpti (ליטוויש ניט פּעיאָראַטיוו).

אָפּקנאַרקענען — פּפּ, בט אין שפּעט-לשון: אָפּכראָפּען (אַ לאַנגע צײַט); אָפּגעקנאַרקעט אַ האַלבע נאַכט; פגל. קנאַרקענען < išknařkti.

אָפּקניבענען זיך — זע קניבענען זיך; אָפּקניבענען זיך ביז פונאַוונט < praknibinéti.

אָפּרעקענען — גראָב אָפּשנײַדן ברויט, אָפּשנײַדן ניט קיין שיינע המוציאס < atriẽkti, nuriẽkti.

אַקסל מצ — בט, שלוו שטרוי צעשניטענע אין קליינע שטיקלעך אויף פוטער פאַר בהמות. אַקסל שנײַדן < ãkselis; דער אָפּשטאַם פון ליטווישן וואָרט איז אַ דײַטשישער (זע פרענקעל 1962, I: 5), ווי אויך פון לעטישן akseļi (מילענבאַך 1923, I: 65), אָבער די געאָגראַפיע פון יידישן וואָרט (זאַמעט) ווײַזט די השפּעה פון ליטוויש: אין ווילקאָמיר (מזרח ליטע) באַנוצן די יידן דאָס סלאַווישע לײַ-וואָרט 'סעטשקע' (פון פוילישן sieczka). פאַר יידיש איז דאָס אַ כאַראַקטעריסטישע דערשײַנונג: אַנשטאָט פיל זאַמעטער ליטווישע לײַ-ווערטער ווערן אין מזרחדיקע אָרטשאַפטן פון ליטע באַנוצט סלאַוויזמען.

אַראָפּטופּענען זיך — זע אַוועקטופּענען זיך.

אַרויסגאַבענען זיך — רגוו, פּנוו, קוור, בט אַרויספּעקלען זיך (פון ערגעצוואו), אַרויסקלײַבן זיך, אַרויספאָרן; פגל. גאַבענען זיך < išsigabénti.

אַרויסקראָיסטענען — זע קראָיסטענען.

אַרומבאַלדעגען זיך — פּפּ, ווקש, שלוו, מושק, של, ושג; קדן, פּנוו, פּמפּ אַרומשלעפּן זיך, אַרומשליאָנדערן. גאַנצענע טעג באַלדעט ער זיך אַרום < báldytis; פגל. באַלדעגען זיך.

אַרומדראַסקענען — אַרומרײַסן אַ סך (אָדער פֿון אַלע) זײַטן < apdraskýti; זע דראַסקענען.

אַרומקירפּענען — ניט גלײַך, ניט שיין אַרומשערן < apkir̃pti; ליטוויש ניט פּעיאָראַטיוו; זע קירפּענען.

אַרונטערטופּענען זיך — זע אַוועקטופּענען זיך.

אַריבערגאַבענען זיך — רגוו, פּנוו, קוור; בט אַריבערפּעקלען זיך (פֿון ערגעצוואו), אַריבערקלײַבן זיך, אַריבערפֿאָרן; פגל. גאַבענען זיך < pérsigabenti.

אַריבערקראָיסטענען זיך — זע קראָיסטענען.

אַרײַנגלעמזענען — זע גלעמזענען.

אַרײַנקראָיסטענען — זע קראָיסטענען.

אָרע די — פּש אַ גרויסער וואָגן מיט הויכע זײַטנברעטער (פֿאַר היי וכדומה) < דיאַל. úorė.

אַשעקעס מצ — פּמפּ קלײַען, מעקענע (פֿון תבואה־קערנער) < ãšakos.

באַבאַלע די — פּפּ, טרש, שלוו, שקד, ושג, של, פּש, פּנוו, קנ (גאַנץ ליטע?); עסטלאַנד, מסתמא אויך לעטלאַנד קריכעדיקער אינסעקט (באַליביקער); זשוק < vãbalas; לעט. vabals, vabale 'זשוק'. דער ב וואָרט־אײַן איז אָדער אַ רעזולטאַט פֿון רעגרעסיווער אַסימילאַציע אָדער ער האָט זיך געשאַפֿן אונטער דער ווירקונג פֿון וואָרט bam̃balas (לעטיש bambals), וואָס האָט מערערע באַדײַטן, צווישן זיי אויך אַ מין זשוק.

באָזשים דער — ושג אַ פּראָסטער מענטש, אַ גראָבע זאַך < búožė; איינער פֿון אַ סך באַדײַטן פֿונעם ליטווישן וואָרט איז 'נאַרישער קאָפּ'.

באַזשליוגענען (עפּטער מיט זיך) — פּפּ, טרש, שלוו, בט; פּמפּ, וולק לאָזן אורין, משתין זײַן, אָפּשלאָגן וואַסער, באַזונדערס וועגן אַ קינד; ער האָט זיך באַזשליוגעט < žliùginti בכלל 'נאַס מאַכן'.

באַטאַשקענען — זע טאַשקענען; באַשפּריצן מיט פֿליסיקײַט, מיט וואַסער, בלאָטע, ליים א.א.וו. מיט קאָנווערבן: באַטאַשקענען, אײַנ־טאַשקענען, אָפּטאַשקענען, פֿאַרטאַשקענען; ער איז באַטאַשקעט ווי גרויס ער איז; דער וואָגן איז דורכגעפֿאָרן דורך אַ לוזשע און באַטאַשקעט דעם פֿאַרבײַגייער < aptaškýti.

באַטעם מצ — בט, טרש גרויסע שווערע ניט שיינע שיך. אין מזרח ליטע ווערט אין דעם פּעיאָראַטיוון זין באַנוצט בוטעם — שר (< פּויליש bót); באָיטרעם וולק (אָפּשטאַם?). דער ליטווישער bãtas שטאַמט אויך פֿון אַלט פּויליש bot אָדער ווײַסרוסיש botъ (פֿרענקעל 1962 I: 36). אין ליטווישן יידיש ווערט אין דעם זעלביקן באַדײַט באַנוצט טשעבאַטעס (זע ווײַטער), אויך פֿון ליטוויש (אָפּשטאַם סלאַווישער).

באָיבענען — פּש ברומען; ער באָיבעט ווי אַן אָקס < baũbti.

באָיגע די — טרש, של שרעק; עס איז אַ באָיגע אַרויסצוגיין אין גאַס; עס כאַפּט אַ באָיגע < baugù.

באָיגער — פּפּ, טרש; באַוגער — בט שרעקעוודיקער; אַ באָיגער פֿערד < baugùs.

באַלאַנע די — פּש שפּאָן, שפּענדל, סקאַלקע, קינעלע, שאַקלקע < balanà פֿון ווײַסרוסיש balana.

באַלגאַלווע די — פּש ווײַסקעפּיקע, מיט אַ ווײַסן קאָפּ < bal(t)gal̃vė.

באַלדע די — פּפּ, טרש, מושק, בט, שלוו; של, ושג; רגוו; קנ 1) אַ שווערע שטיק מעבל (וואָס עס איז שווער צו רוקן פֿון אָרט); 2) אַ שווערער, אומגעלומפּערטער, אומגעשיקטער מענטש; חיה די באַלדע (צונאָמען) < bal̃das, געוויינלעך מצ bal̃dai.

באַלדעגען זיך — פּפּ, ווקש, שלוו, מושק; של, ושג; קד, פּנוו, פּמפּ (אין פּמפּ אויך בעלדעגען זיך) זיך אַרומשלעפּן, אַרומשליאָנדרעווען < báldytis.

באַלנוגאַרע די — בט (וועגן אַ קו) מיט אַ ווײַסן רוקן < bal(t)nugãrė.

באַלע די — פּש זומפּ, בלאָטע < balà.

באָמע די — וולק, ושג, קורל (ווײַנרײַך 1923: 212) אַ דיקער רונדער הילצערנער שטאַנג < búomas, לעט. buomis (שטאַמט פֿון מיטל־נידער־דײַטש bōm 'בוים' (פֿרענקעל 1962–1965: 64).

באַנדע די — בט, שלוו; פּמפּ; שק; עסטלאַנד (טאַרטו) סטאַדע; אַ באַנדע בהמות < bandà.

באָנדע די — מאַרק 1951, סטוטשקאָוו 1950: 222 אַ גרעסערע בולקע, רונד אָדער אָוואַל, געוויינלעך פֿון גראָבע ווייצענע מעל, אָבער עס קען אויך זײַן אַ קאָרענע באָנדע. דער אויסדרוק 'קאָרענע באָנדע' באַדײַט אויך: ניט ראַפֿינירטער מענטש, אַ גראָבער נפש. עס זײַנען געווען הערינג־באָנדעס, פֿלייש־באָנדעס, לונג־באָנדעס, דאָס

הייסט געפּילט מיט הערינג א.א.וו. < bandà.

**באָנדעפּאַדעק** – ושג אַ נאַרישעוואַטער מענטש, אַ קליינער מח. די ליטווישע העפלעכע ווענדונג padék (פּאַדעק dieve אָדער) põndie padék 'גאָט העלף' צו אַ מענטש, וואָס אַרבעט, איז אין יידיש געוואָרן אַ סובסטאַנטיוו וואָס באַדײַט: 'אַ מענטש, וואָס נאָר גאָט קען אים העלפן'. ליטוויש põndie איז פֿאָלקסטימלעכע פֿאַרקירצונג פֿון põnas diẽvas 'הער גאָט', אויף יידיש איז דאָס געוואָרן פֿאָלקסעטימאָלאָגיש באָנדע. אַ צווייטער וואַריאַנט פֿון דעם יידישן וואָרט איז פֿאַרעקדרעווע.

**באַסלעס** דער – פּמפּ פּלאָקן < baslỹs.

**באַקאָיפּענען** – שלוו, טרש; **באַקאַופּענען** — בט; שק; **באַקאָפּענען** — שט (אַרומשלאָגן ווּלק) אַרומ־הויפּן, אַרומגראָבן, אַרומשלאָגן; באַקאָיפּענען בולוועס, אונערקעס < apkaũpti.

**באַקעלאָרעס** דער — שלוו צונעמעניש פֿון אַ יידישן וואַנדערנדיקן מלמד, לערער < bakalõrius (פֿון לאַטייניש baccalaureus).

**באַראַוויק** דער – ליטע, עסטלאַנד באָראָוויק, ווײַסשוועמל < baravỹkas און ווײַסרוסיש baravik.

**באַרבענען** – ווּלק קלימפּערן, גרימפּלען, 'הייזעריק' קלינגען — ווענן אַן אײַנגעשפּאָלטענעם ליימענעם טאָפּ < barbéti.

**באַרשקע** די – טרש, שלוו אַ נוס, וואָס עס הערט זיך, ווי אין אים באַוועגט זיך, קלאַפּט די יאָדער; אַ באַרשקע אַ נוס. אַזאַ וואָרט איז אין ליטוויש ניט רעגיסטרירט. זעט אויס, אַז דאָס איז אַ יידישע אייגענע שאַפונג פֿונעם ווערב באַרשקענען.

**באַרשקענען** – פּפּ, טרש, שלוו, בט, שוו; ושג, של, קדן, שט; פּנוו, פּמפּ, רגוו, ווּלק קלימפּערן, קלאַפּערן, קלאַפּן; אַ ניט צוגעבונדענער קעגנשטאַנד אין וואָגן באַרשקעט; אַן אײַנגעשפּאָלטענער טאָפּ (באַזונדערס ליימענער) באַרשקעט < barškéti.

**בוגע** — פּלנג שרעק, מורא; עס איז אַ בוגע אויף אים צו קוקן — עס איז אַ שרעק אים אָנצוקוקן < bugù.

**בוגענען** – פּלנג שרעקן, אַרויסרופֿן שרעק, אַן אימה; עס בוגעט אים ניט — ער שרעקט זיך ניט < bũgti 'זיך שרעקן, מורא האָבן'.

**בוטשע** די – פּפּ, בט; ווּלקוו (אין דרום ליטע זאָל זײַן אויך בוטש) אַזאַ געפֿלאָכטענער קאָרב צו כאַפּן פֿיש < bùčius (וואָס שטאַמט פֿון פּויליש bucz, ווײַסרוסישן buč).

**בולבענאָיעס** מצ – רגוו, ווּלק, שר; **בולבענאָקעס** – פּמפּ די בלעטער און שטענגלעך פֿון בולבעס < bulbienõkai, bulbienójai.

**בולווע** די – גאַנץ ליטע; סטוטשקאָוו 1950: 222 **בולבע** – געהערט נאָר אין מזרח ליטע: ווּלק, שר קאַרטאָפֿל < bùlvė, אויך bùlbė. מ. ווײַנרײַך (ייד. פֿיל. 1924: 52) האַלט, אַז דאָס וואָרט 'בולבע' שטאַמט פֿון פּויליש, אָבער ער ווײַזט אַליין אָן אַז אין דעם גרעסטן טייל, אפשר אויפֿן גאַנצן שטח פֿון פּוילישן יידישן דיאַלעקט ווערט דאָס וואָרט 'בולבע' ניט באַנוצט, די ליטוויש־יידישע 'בולווע' דערמאָנט ער ניט (בײַ סטוטשקאָוון זײַנען דאָ ביידע: בולבע און בולווע). געאָגראַפֿיע פֿון וואָרט ווײַזט, אַז דאָס וואָרט 'בולווע' איז פֿון ליטווישן אָפּשטאַם. די קליינע וואַקלונג *b:v* אַנטשפּרעכט, ווי עס ווײַזט אויס, דער וואַקלונג אין ליטוויש; פֿגל. פּויליש bulba, ווײַסרוסיש bulba; לאַטייניש bulbus 'ציבעלע', גריכיש βολβος 'ציבעלע'.

**בוקשטער** – פּלנג שרעקעוודיקער; אַ בוקשטער פֿערד < bugštùs.

**בורבלען** – פּלנג מאַכן בורבעלעך, בלעזעלעך < burblénti, burbuliúoti.

**בורבעלע**[1] די – פּלנג, מאַרק 1971ג בלעזל; אַ בורבעלע אויפֿן וואַסער; אַ בורבעלע אויפֿן צונג; גרויס ווי אַ בורבעלע; האַלט אַזוי פֿיל ווי אַ בורבעלע; הויך ווי אַ בורבעלע אויפֿן גרעזל < burbulas.

**בורבעלע**[2] דער, די – ושג; פּש באָלבעטון, פּלוידערער; בורטשע < burbẽklis, bùrba.

**בורבענען** – פּפּ. ושג; פּש; מאַרק 1971ג מורמלען, שטיל און גיך ריידן; בורבע ניט אָפּ דעם דאַווענען < burbéti.

**בורקענען** – בט וואָרקען (ווענן טויבן) < burkúoti.

**ביאָיריבים** דער – פּפּ, שלוו, טרש, בט; ווּלקוו; בגסל אַ פּאַסקודנער מענטש, פּאַסקודניק. אין גאַנץ ליטע ווערט גענוצט אין דעם זעלביקן באַדײַט דאָס וואָרט פּאַסקודסטווע < bjaurýbė.

**ביטניק** דער – בגסל, ווּלק אַ מענטש, וואָס מען האָט מיט אים צו טאָן; אַ חבר, אַ פֿרײַנט < bìtininkas 1) 'בינען־האָדעווער'; 2) 'אַ שותּף אין בינען־האָדעוואַניע'; 3) 'פֿרײַנט, חבר'; אין יידיש איז אַרײַן נאָר דער דריטער באַדײַט פֿון ליטווישן וואָרט. איצט איז אין ליטוויש אין דעם דריטן באַדײַט 'פֿרײַנט, חבר' דאָס

פאַרשפּרייטסטע וואָרט bičiùlis, אויך פון bìtė 'בין'.

ביַיגענען זיך — שלוו; שק ענדיקן זיך, אויסגיין, האַלטן ביַים שטאַרבן אָדער פּגרן < baĩgtis.

ביַידיקלע די — פפ, טרש, מושק, בט, של; פמפ; מאַרק 1971 סטראַשידלע, פויגל־אָפּשרעקער; בכלל אַ מענטש, וואָס שרעקט אָפּ מיט זיַין אויסזען. חברה וויצלען זיך אויפן חשבון פון אַ חבר: ער גייט אַרום מיט אַ ביַידיקלע [מיט אַ מיאוס מיידל] < baidỹklė.

ביַידענען — פפ, טרש, מושק, בט, של; פמפ, פש שרעקן, דערשרעקן (באַזונדערס בהמות, פייגל, ניט מענטשן); ביַידע ניט די פערד, די הינער; ביַידענען זיך — שרעקן זיך (דער עיקר וועגן פערד, אָבער זעלטן אויך וועגן אַנדערע בהמות) < baidýti.

בייקשטער — פמפ שרעקעוודיקער; אַ בייקשטער פערד < baikštùs.

בימבאַלע די — פפ, טרש, מושק, שוו, בט אַזאַ פליג, וואָס באַפאַלט בהמות, בלינדפליג; זיי זיַינען באַפאַלן ווי בימבאַלעך. ווען פשוטע מענטשן פלעגן זיך בונטעווען קעגן די ראשי הקהל, פלעגט מען אין אַמאָליקע ציַיטן זאָגן איראָניש: בימבאַלע וויַיסקע (פפ) — אַן אַרמיי (אַ 'וואָיסק') פון בימבאַלעך < bimbalas.

בירבע דער, די — בירבאַלעם — פפ; בירבאַלים — מושק; בירבון — פנוו אַ קינד, וואָס וויינט אַ סך, וואָס בירבעט < biȓbalas. 'בירבע' האָט ניט קיין ליטווישן פּראָטאָטיפּ; עס זעט אויס, אַז ס'איז אַ יידישער דעריוואַט פון בירבענען.

בירבענען — פפ, טרש, מושק, בט, שלוו; ברז, שט, רגוו, פש, פמפ, פנוו, וולק, קוור; שק; עסטלאַנד פּעיאָראַטיוו: אַ ציַיט (לאַנג, אָפּט) וויינען, באַזונדערס וועגן קינדער; וואָס בירבעסטו? < biȓbti.

בלאָיענען (אויך בלאַוענען) — בט וועגן קול פון אַ קאַלב, ציג — בלעקען < bliáuti.

בלאַשקענען זיך — פפ זיך וואַרפן; אַ געקוילעטער האָן בלאַשקעט זיך < blaškýtis.

בלודענען — פמפ; טרש, פפ ריידן נאַרישקיַיטן, באַלבענען < blū̃dyti (סלאַוויזם).

בליזגענען (צוגליַיך מיטן סלאַוויזם 'בלישטשענען') — פמפ, שרוו; טרש — גלאַנצן; אַן אָפּגעשיַיערטע כלי בליזגעט; די סחורה בליזגעט < blizgéti.

בלערענען — פפ, טרש; עסטלאַנד וויינען, פלאַנכענען, יאָמערן, וויינען אויפן קול < bleȓbti.

בעדוגנעם — שק; שקד צונעמעניש פון אַ זולל וסובא, גרויסן אַכלער, צעלאָזענעם האַלדז; צו ביסטו אַ בעדוגנעם, אַז דו פרעסט אַזויפיל! (שקד) < bedùgnis 'אָן אַ דעק'.

בעלדענען זיך — זע באַלדענען זיך.

בעלסקענען — פמפ קלאַפן; דער ראָד בעלסקעט אין פּאָרן < bélsti.

בעלעזשואווים דער — וולק; פפ אַ מענטש 'אָן אַ צונג', אַ מענטש וואָס מען קען זיך מיט אים ניט צונויפריידן, כבד־פּה < beliežùvis 'אָנצונגיקער'; 'אַ קנאַפּער רעדנער'.

בעפּיגע אַדוו — פפ, בט, טרש, שלוו לייַכט, גוט, ניט שווער; אים איז בעפּיגע דאָס צו טאָן < bepìgu.

בעקעלנים — פלנג, פפ, זשג; מאַרק 1971 אַ מענטש אָן הויזן, אַ קנאַפּער מענטש, אַן אָרעמאַן; אויך אַ הפקר־יונג < bekel̃nis.

בערזע די (באַזונדערס בערזע־האָלץ) פפ, טרש, בט, מושק, שקד, של (זאַמעט) בעריאָזע, בעריאָזעווע האָלץ. ניט־זאַמעטער יידן, למשל פנוו, וולק, קנ זאָגן: בער(י)אָזע, בער(י)אָזעווע < béržas; לעט. bērzs, דיאַל. bērze.

בערים דער — בט; פמפ אַ ברוין פערד < béris.

בערנים דער — בט, פפ; פמפ. וולקוו 1) געדונגענער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער; 2) פּעיאָראַטיוו: (אויך אין ליטוויש) 'פּאַסטעך', ניט געבילדעטער גראָבער יונג < bérnas.

בראַנקטים דער — בט; בראַנקשטים שלוו וואָגן־דרענגל צוצובינדן די שטריקלעך אין פערד־געשפּאַן < brañktas.

ברודאַס דער — סטוטשקאָוו 1950: 404 אומריינער, שמוציקער מענטש < brùdas (פון פּויליש און וויַיסרוסיש brud). אינטערעסאַנט, אַז דאָס וואָרט איז אין סטוטשקאָווס אוצר אַריַינגעפאַלן מיט דער ליטווישער ענדונג ‎-as, ד.ה. פון ליטע.

ברונקט(עס) דער — וולק; ברונקשטעם — שר אַ שטיק האָלץ, וואָס מען בינדט צו אַ בהמה (שעפּס, חזיר) אונטערן האַלדז, זי זאָל ניט צופיל אַרומלויפן < brañktas, דיאַל. bruñktas.

ברוקנעם מצ (אויך אצ ברוקנע) — גאַנץ ליטע: פפ, טר, שוו, מושק, שלוו, בט, זשג, של; פש, פנוו, פמפ, שט, ברז; וולק, אַנ, שר; שק, וולקוו; עסטלאַנד; סטוטשקאָוו 1950: 226 ברוסניצעס, ברוסלינעס < brùknės; אין קורלענדער יידיש ברוקלינעס < לעט. brùklines, brūklenes.

בריזגאַלע די — בט, וולק צוים־געביס (פערד־צוים מיט

מוילאײַזנדל) < brìzgilas.

**גאַבע́נענען זיך** — רגוו, פּנוו, קוור פּעקלען זיך, אַריבערקלײַבן זיך; זע נאָך אַריבערגאַבענען זיך; אַרויסגאַבענען זיך < gabéntis.

**גאַלוואָ́טשעם** דער — פּמפּ, רגוו; פּפּ איראָניש: אַ 'גרויסער חכם'; נאַר, שוטה < galvõčius 'חכם, קלוגער'. אין ליטוויש קען מען דאָס וואָרט באַנוצן אויך איראָניש, אָבער אין יידיש בלויז איראָניש.

**גאָנד(ע)רעם** דער — פּפּ, טרש, מושק, שלוו, שוו, שקר, גאָנדרים — בט, גאַנדרים — של גאַנדריש — (ייד. פיל. 1924: 239). דעם פויגל רופט מען אין ליטע אָפּט שטאָרך — פון דײַטש, בושל — פון סלאַווישן אָפּשטאַם (ייד. פיל. 1924: 133) (פגל. ליטוויש bùsilas) און אַפילו בוטשאַן (שט און ווײַטער אין מזרח ליטע), אָבער אין שפּעט־לשון, ווען מען רעדט וועגן אַ מענטש, ווערט אין זאַמעט באַנוצט נאָר דער ליטואַניזם. אַ הויכן מענטש רופט מען איראָניש גאָנד(ע)רעם פּפּ, שלוו, מושק; אין פאַרגלײַך: גרויס ווי אַ גאָנד(ע)רעם; ער לויפט ווי אַ גאָנדרעם (לויפט מיט גרויסע שריט) < gañdras, וועגן an < on זע אויבן XI.6. דער ליטווישער gandras שטאַמט, קען זײַן, פון גערמאַניש (פרענקעל 1962–1965: 133; ענדזעלין אין מילענבאַך 1923, I: 599).

**גאַני́קלע** די — פּפּ, טרש, שלוו, בט, פּלנג; פּמפּ, רגוו, שק; עסטלאַנד פּאַשע(־פעלד), פּיטער־פעלד < ganyklà, אַק. ganỹklą.

**גאַרדעם** מצ — טרש, שקר לייטער־וואָגן; לייטער אין אַזאַ וואָגן < gar̃dės, gar̃dys.

**גאַ́רלײַדע** די — פּמפּ לאָך אָפּצוציען דעם דאַמף אין קוימען, צוגלאָך < gárlaidė.

**גאַרע** די — פּפּ, טרש, מושק, שלוו, בט, ושג; פּמפּ, פּנוו פּאַרע, אויסדאַמפונג < garaĩ, gãras.

**גוזשענען זיך** — פּמפּ, שט זיך אײַנשרומפּן, אײַנקאָרטשען זיך — וועגן אַ הון, ווען זי לאָזט זיך אָנכאַפּן. אין שפּעט־לשון וועגן אַ מיידל וי גוזשעט זיך < gũžtis.

**גומבע** די — פּפּ, טרש, בט בײַל, גוז, שישקע; דו וועסט קריגן אַ גומבע (ליטוויש: gum̃bą gáusi) — דו וועסט קריגן אַ פײַג (גאָרנישט ניט קריגן) < gum̃bas.

**גונע** די — פּפּ, שלוו, טרש, בט; פּמפּ, שט, וולק, שר, געלוואַן (שר. ראַיאָן); וולקוו פערד־דעקע, 'פּאָפּאָנע' < gūnė̃, gūnià; דאָס וואָרט איז פון סלאַווישן אָפּשטאַם (ווײַסרוסיש, פויליש gunia), אָבער אַז דאָס וואָרט ווערט גענוצט אין גאַנץ ליטע, האָט געוויס געהאַט אַ השפּעה ליטוויש.

**גושטעם** דער — פּמפּ דאָס אָרט, וואו אַ הון לייגט אייער < gūžtà 'נעסט'.

**גיווע́נימעם** דער — פּפּ, ווקש, פּלנג, מאַרק 1951 אַן אייגענע דירה, אַ שטיקל באַלעבאַטישקײַט; איך האָב שוין ברוך השם אַן אייגענעם גיווענימעם; ער זיצט זיך ווי אַ פּריץ אין זײַן גיווענימעם; זי האָט פאַר אים אַ גוטן גיווענימעם (=לעבן) < gyvẽnimas 1) 'דאָס לעבן'. 2) 'באַלעבאַטישקײַט; ערדבאַזיץ, אייגנטום'.

**גײַשענען, גײַסענען** טראַנז. און אומטראַנז. — גאַנץ ליטע: פּפּ, טרש, מושק, שלוו, רס, שוו, בט, ושג; ברז, פּמפּ, פּש, שט, וולק, קוור; וולקוו, שק; עסטלאַנד פאַרהאַלטן, פּטרן צײַט; זיך פאַרהאַלטן, פאַרלירן צײַט. באַזונדערס מיט קאָנווערבן: פאַר־, צע־, אָפּ־; גײַשע ניט — אַרבעט; ער האָט דאָרטן פאַרגײַשעט (געפּטרט) די צײַט; דו אַרבעטסט אַ שעה און צעגײַשעסט צען; דו צעגײַשעסט מיר די צײַט; ער האָט פאַרגײַשעט אַ גאַנצן יאָר < (su)gaĩšti און (טראַנז.) (su)gaišìnti.

**גי́לטינע** — פּש אַ זידלוואָרט < giltinė̃ 'מלאך המוות'.

**גימע, גי́מימע, גי́מענע** די — מאַרק 1951, זאַמעט גזע, אָפּשטאַם, משפּחה; די גאַנצע גימימע איז שכורים; אונדזער גימע איז אַן אָרעמע; זי אַליין איז נישקשה, אָבער די גאַנצע גימענע טויג ניט < giminė̃, אַק. gìminę.

**גלאָידענען** — זע צוגלאָידענען.

**גלוסנע** די — פּפּ ווערבע־בוים < glúosnis, דיאַל. glũsnis.

**גלושע(ס)** דער, די — בט, פּפּ; פּמפּ, פּנוו, וולק שוטה, נאַרישער מענטש, טיפּש < glùšas; glùšis.

**גליטע** די — פּש סמאָרק(עכץ) < glìtė.

**גלעבע** — זע קלעבע.

**גלעמזענען, גלעמזשענען,** באַזונדערס **אַרײַנגלעמזענען** בט; פּש, רגוו — אַרײַנכאַפּן, צונעמען < (pa)glem̃žti.

**גערווע** — שר צונעמעניש פון אַ נאַר (שוטה) < gérvė 'בושל'.

**גראָוועס** דער — קרייוק (יאַנישקער ראַיאָן); פּש אַ גראָבן < griovỹs.

**גראָמאַלע** די — פּפּ, טרש, מושק, בט; פּמפּ, וולק — די

מעלה־גרהכץ, די שפּײַז, וואָס געפינט זיך אין פאַדערמאָגן פון די מעלה־גרהדיקע בעלי־חיים און ווערט איבערגעקײַט; די קו האָט פאַרלאָרן די גראָמאַלע < grõmalas, gromulỹs.

**גראָמעלאָיענען** — פּפּ, טרש, מושק, בט; פּמפּ, פּש מעלה־גרהן, איבערקײַען — וועגן מעלה־גרהדיקע בעלי־חיים; די קו גראָמעלאָיעט. אויך פיג.: וועגן אַ מענטשן, וואָס אין ריידן חזרט ער איבער, וואָס ער האָט שוין געזאָגט < grõmuliuoti.

**גראַנדענען** און מיטן קאָנווערב אויס- אויסגראַנדענען — קלמ (אויס)סקראָבען (טייג פון דער קנעט־דייזשע). פגל. פאַגראַנדאַלע < (iš)grándyti.

**גרומסטע** די — בט גרודע, קלומפּ, שטיק ערד < grum̃stas.

**גריטע** די — בט נעץ־בײַטל אויף אַ לאַנגן שטאַנג צו כאַפּן פיש < grýtė.

**גרינדעס** מצ — ניט געדילטע, ניט באַדעקטע מיט ברעטער פאַדלאָגע (שוו), ניט געפאַרבענער דיל (פּלגנ) < griñdys 'דיל'. פאַרשפּרייט איז דאָס וואָרט גרינדע אַלס זידלוואָרט — שוו, מושק, שלוו (וואַמעט); פּמפּ, פּנוו, שר (מזרח ליטע), אָבער קיינער קען ניט דערקלערן, וואָס דאָס וואָרט באַדײַט. ס'איז שווער צו זאָגן, צי מען דאַרף גרינדע פאַרבינדן מיטן ליטווישן grindìs 'דיל־ברעט'. אין שירווינט רופט מען 'גרינדע' אַ מיאוסן שמוציקן מענטש. אין שוועקשנע זאָגט מען: ער איז שוואַרץ ווי גרינדע.

**גרישטעס** דער — פּמפּ אַ צוניפּגעדרייט בינטל שטרוי אויף צו פאַרבינדן אַ סנאָפּ < grýžtė.

**גרעשטע(ס)** דער, די — קוור, וולק, אנ ברוקווע, קרוטשקע < griẽžtis.

**דאָבאַלעס** מצ — פּפּ, טרש, שוו, בט, מושק, ושג, של; ברז, פּנוו, פּמפּ, פּש, וולק, אנ, קוור; וולקוו, שק; אויך אין פּאָעט פּראָמס (פון פּאָנעוועזש) אידיליע 'זונטיק' קלעווער, קאָנעטשינע. אין זאַמעט איז 'דאָבאַלעס' זייער אַ געוויינלעך וואָרט, אַפילו פיג.: קײַ ניט קיין דאָבאַלעס, — זײַ ניט קיין בהמה, קיין נאַר < dobilaĩ.

**דאָיגנאָרעס, דאָוגנאָרעס** דער — טרש, שלוו, ושג; פּמפּ אַ זשעדנער, ניריקער מענטש, וואָס וויל אַ סך; האָב ניט קיין גרויסע אויגן און זײַ ניט קיין דאָיגנאָרעס < daug(ia)nõris.

**דאַלבע** די — טרש, פּפּ; פּנוו, פּמפּ, פּש, שט, ינוו, וולק, שר; וולקוו אַ לאַנגער דיקער שטאַנג, ברעכשטאַנג; דערלאַנגען ווי מיט אַ דאַלבע איבערן קאָפּ < dálba.

**דאַלגע** די — פּפּ, טרש, שט, שוו, ציטעווויאַן, ושג דאַלגעס דער — פּש קאָסע (לאַנדווירטשאַפטלעכער מכשיר) < dalgis.

**דאָנע** די — סטוטשקאָוו 1950: 221 ברויט < dúona.

**דאָקלע** די — פּפּ אַ גרויסער געפלאָכטענער קאָרב צו טראָגן פוטער פאַר בהמות < dóklas.

**דאַרזינע** די — פּפּ, טרש, בט, שלוו; פּמפּ, פּנוו, רגוו, פּש, קוור שײַער, סטאַדאָלע, היי־שײַער < daržìnė, אַק. daržìnę.

**דובע** די — פּפּ, שלוו; פּמפּ אַ באַזונדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע ווירטשאַפט, געהויף < dubà.

**דולקע** די — פּפּ, שוו, בט שטויב < אין ליטוויש dùlkės מצ; אצ dùlkė 'שטויבעלע'.

**דולקענען**[1] — שט, וולקוו; וולק עס דולקעט — עס גייט אַ שפּריירעגן (שטויברעגן, שפּריצרעגן) < duĩkti.

**דולקענען**[2] אומטראַנז — פּפּ, טרש; פּש זײַן שטויביק. אויפן וועג דולקעט — איז שטויביק, הייבט זיך אַ שטויב < dulkéti.

**דולקענען**[3] טראַנז., באַזונדערס אויסדולקענען — פּפּ, טרש, בט, שלוו; פּמפּ אויסקלאַפּן די שטויב < (iš)dùlkinti.

**דומבלע** די — טרש, בט שלאַם, בלאָטע; פּפּ, בט; שק, וולקוו זומפּיק אָרט, בלאָטע; דומבלעס — פּש < dum̃blas 'שלאַם', dum̃blė 'זומפּיק אָרט'.

**דומבלער** — פּפּ, טרש, שלוו, בט; וולק, שק; דומבליק — ושג; דומבלעדיק — פּפּ דומפּיק, פון וואָס עס הערט זיך, עס שמעקט מיט דומפּיקײַט, למשל וואַסער, פיש < dum̃blinas.

**דורכבאַלדענען** — זע באַלדענען זיך; דורכבאַלדענען די נאַכט — דורכשטופּן ווי־ניט־איז, ניט שלאָפן (און אַרומגיין) < prasibáldyti.

**דורנעס** דער — פּמפּ, שר, פּש גרויסער נאַר, טיפּש; דורנים — בט, טרש משוגענער < dur̃nius; דאָס ליטווישע וואָרט איז אַ סלאַוויזם, שטאַמט פון ווײַסרוסיש אָדער פויליש (פרענקעל 1962 II: 113).

**דורנערעפּע** די — שט; שלוו שגעון־גראָז; אין יידיש דאָס זעלביקע וואָס דריגנעס < durnãropė (אין לאַטיין Datura stramonium). דאָס דאָזיקע גראָז און דריגנעס האָבן אַ פאַרשיכורנדיקן ריח. אין יידישן וואָרט איז דער וואָקאַל o פאַרביטן אויף אַן e; עס קען האָבן געווירקט די אַנאַלאָגיע

מיטן רוסישן репа 'רעטעך', ליטוויש rópė.

דורקענען — פּפּ; טרש, שלוו, בט, ושנ, של; פּנוו, פּמפּ, פּש, שט, וולק, אַנ; קורל (קלמנאָוויטש 1926), עסטלאַנד (אַריסטע 1970), דורקען — סטוטשקאָוו 1950: 124 שטופּן, שטויסן, שטורכען; ער דורקעט דעם אַנדערן און דאַן זאָגט ער אַליין: וואָס דורקעסטו מיר? אָפט איז די רעפלעקסיווע פאָרעם (זיך דורקענען) און דער מאָמענטאַלער אַספּעקט (אַ דורקע טאָן). וועגן דעם יידישן ־ק־ אין ווערב זע איבן 4גIX < dùrti, לעטיש durt.

דיגע די — זע דײַגע.

דיגענען — זע אויסדיגענען.

דײַגע די — פּפּ; דיגע — טרש, רס אַרויסשפּראָץ־קנאָספּ, שפּראָצלינג (אויף בולבעס) < dáigas, díegas (דיאַל. ליטוויש y<ie).

דילגענעס מצ — בט קראָפּעווע < dìlgėlės, dilgỹnė. אַ ריינער לאָקאַליזם, גאַנץ ליטע נוצט דאָס וואָרט 'קראָפּעווע'.

דירזים, דירזעם דער — טרש, שלוו, בט, רגוו (אין אַ וויץ) רימען, פּאַסיק; מען סטראַשעט אַ קינד: כ'וועל נעמען דעם דירזים < diržas.

דירסע די — פּפּ, שלוו, בט; פּמפּ, שט, שר; וולקוו אַ ווילדגראָז אין קאָרן (Bromus secalinus); קאָרן מיט דירסע < dìrsė.

דעגוטניק דער — פּמפּ, שר דזשעגעכץ־טרײַבער < degùtininkas.

דענדאַרזעם דער — פּמפּ אַרומצאַמונג, אַרום־געצאַמטער פּלאַץ פאַר בהמות (אין פעלד) < diẽndaržis.

דערעשים דער — בט אַ געשטרײַפט פערד מיט קאַשטאַן פאַרביקע און ווײַסע האָר < derẽšis.

דראַבאַלע די — בט, דרעבולע — פּש אָסינע (בוים), ציטער־טאָפּאָל < drebulė̃; אומפאַרגלײַכלעך מער איז פאַרשפּרייט דער ליטואַניזם אַפּושע.

דראַסקע דער, די — פּפּ, ושנ ווער עס צערײַסט גיך זײַנע בגדים, שיך < draskà.

דראַסקענען — פּפּ, ווקש, טרש, שלוו, שוו, בט, ושנ; וולק; עסטלאַנד זייער שטאַרק רײַסן, צערײַסן; דראַסקענען די טיר — רײַסן מיט אַלע כוחות, ציען די טיר. מיט קאָנווערבן: אַרומדראַסקענען — אַרומרײַסן; צודראַסקענען, צעדראַסקענען — צערײַסן; דער יינגל האָט אָנגעטאָן אַ פּאָר נײַע שיך און שוין צודראַסקעט (אינגאַנצן צעריסן); אויפדראַסקענען פון שלאָף — שטאַרק טרייסלענדיק אויפוועקן פון שלאָף. יידיש דראַס־קענען איז פעיאָראַטיוו און אינטענסיוו צו רײַסן < (su)draskýti; (iš miẽgo) pridraskýti.

דרומזלעם מצ — פּפּ, פּש אָפּזאַץ (אין פליסיקײַט); וואַסער מיט דרומזלעם — מוטנע וואַסער < drumzlės.

דריגנעס מצ — פּפּ, בט שגעון־גראָז (Hyoscyamus niger) < drìgnės.

דריזשע די — פּמפּ אַ שמאַטע צו וואַשן די דילן < drỹžis 'געשטרײַפט איינפאַך געוועב'.

דריזשענער — פּמפּ געשטרײַפטער. דריזשענע הויזן געשטרײַפטע פון איינפאַכן שטאָף הויזן < dryžìnis.

דרעבולע — זע דראַבאַלע.

דרעבענען — בט; פּמפּ שפּעט־לשון: ציטערן (וועגן אַ זקן) < drebéti.

הוזענען — וולק, שט הוזשען, מאַכן אַ טומל, טומלען, ווילדעווען, רוישן < ū̃žti.

וואַגע די (אויך וואָגע) — פּפּ, טרש, שלוו, בט; פּמפּ, שט, פּנוו, שר אַקערשניט, באַראָזדע < vagà.

וואַלענע די — בט, פּפּ; רגוו; סרד אַ שטיק ערד, אַרויסגעשניטן צוזאַמען מיט גראָז; מיט די לאָפּעטעס האָט מען פון די לאָנקעס . . . פּירקאַנטיקע, מיט גראָז באַוואַקסענע, שטיקער פעטע ערד אָנגעשלעפּט צום הילצערנעם בריקל . . . דאָרט האָט מען די פּאַרטיקע וועלענעס צוגענומען (פּופּס 1978) < veléna.

וואַנעגע די, וואַנעגעס דער — פּפּ. טרש, בט, שוו, שלוו; רגוו, פּש פּמפּ, קוור; מאַרק 1951 שפּאַרבער (רויב־פויגל); זי איז אַ שלעכטס, אַ וואַנעגע; ציטערט ווי אַ הינדעלע פאַר אַ וואַנעגע; אַ קוק פון אַ וואַנעגע < vãnagas.

וואַרגע די — פּפּ, טרש צרה, אומגליק, לייד; ער האָט אַזויפיל וואַרגעס; פּגל. וואַרגענען < vargas.

וואַרגענען — פּפּ, טרש, שוו, בט; פּמפּ, רגוו, פּש לײַדן נויט, בידעווען, מאַטערן זיך, מוטשען זיך. מיט קאָנווערבן: אָפּוואַרגענען, אָנוואַרגענען זיך; זיך אָנוואַרגענען אַ גאַנצן טאָג בײַ דער אַרבעט; אָפּוואַרגענען אַ לעבן < vaĩgti, išvaĩgti, privaĩgti.

וואַרוועגאָסים דער — שלוו צונעמעניש פון אַן אָפּגעלאָזענעם מענטש אין שידלעווע < varvanõsis 'בײַ וועמען עס רינט פון נאָז'.

וואַרשקע די — בט; פּמפּ צוואָרעך < varškė̃.

וויזשעם מצ — די אײַנוואוינער פונעם שטעטל קאָוואַרסק האָבן אַ צונאָמען קאָוואַרסקער וויזשעס

'קאָוואַרסקער לאַפּטשעס' > vyžà 'לאַפּטשע', אויך Schimpfwort, Scheltwort (ווערטערבוך פון דער ליטווישער ליטעראַטור שפּראַך 1932-1968).

וויטינים דער — בט בײַטש, געמאַכט פון וויצעס [ווימשעס] > vytìnis 'געפלאָכטענער פון וויצעס בייגעוודיקער שטעקן פון אַ בײַטש'.

וויאון דער (מצ -נעם) שט, שר שמערל(ינג) (אַזאַ פּלינק פּישעלע Misgurnus fossilis); ער דרייט זיך ווי אַ וויאון; אַ צונעמעניש פון אַ יינגל אין שאַט, וואָס קען גוט שווימען > vijū̃nas.

ווייסלע די — פּפּ, בט, שלוו סאָרט, ראַסע (פון בהמות, חיות) > veĩslė.

ווײַרענען — יורב רודערן > vairúoti.

ווי̇סטענינק דער — שלוו אַ גנב פון הינער > vìštininkas 'ווער עס האָדעוועט הינער; ווער עס האַנדלט מיט הינער; אַ שפּאַרבער, וואָס באַפאַלט הינער'.

וויקסוועס מצ — וולק, פּמפּ, שר זומפּ-גראָז (Carex) > vìksvos.

ווירשו̇נע די — בט, שלוו דער שפּיץ פון אַ בוים > viršū̃nė. איצט ווערט דאָס וואָרט אין ליטוויש באַנוצט ברייטער — 'אין סאַמע אויבן' בכלל, למשל ווענן דעם שפּיץ פון אַ באַרג, אָבער נאָך אין קורשאַטס ווערטערבוך (קורשאַט 1883) איז viršū̃nė 'דער סאַמע אויבן, נאָר ווענן בײַמער'.

ווי̇שטגײַדעס דער — פש אַ זידלוואָרט > vìštgaidis (vištà 'הון', gaidỹs 'האָן') 1) 'אַ קאַסטרירטער האָן, וואָס ווערט געקאָרמעט אויף פליייש'; 2) שפּעט-לשון: 'אַ מאַן, וואָס בײַ אים וואַקסט ניט קיין באָרד'.

ווע̇געלים דער — בט אַזאַ גליטשיקע פיש, נאַלים > vėgėlė̃.

וועלענען — שק, זשג (אין זשג אויך וואַלקן) — וואַלקן, קרעמפּלען (וואָלענע שטאָף, וואָליקעס) > vélti.

וועןנעסע̇ד(ים) דער — קווו, שר, פּמפּ, וועןנעסעדים — שלוו אַ פּויער, וואָס וואוינט באַזונדער, ניט אין דאָרף; אַ באַזונדערע פּויערים-ווירטשאַפט, ניט אין דאָרף > vien(a)sėdis.

ווע̇פּעלים דער — פּפּ, זשג גלאָמפּ, לעקיש, פאַרשטאָפּטער קאָפּ > vépelis.

וועפּרע דער, די — אַ פּאַמעלעכער מענטש, בלײַענער פויגל, ליימענער גולם > vébra.

ווע̇שאַלעס דער — פּמפּ וויכער, ווירבלווינט > víesulas.

זאַבאָנגע — זע זשאַבאָנגע.

זאַבעס — זע זשאַבעס.

זאַגערעס — זע זשאַגערעס.

זוויגענען — בט, שלוו קוויטשען; די הינטעלעך זוויגענען (שלוו) > žvýgauti.

זירזענען — פּפּ, פש כליפּען, כניקען, ניט הויך אויפן קול און לאַנג וויינען (ווענן אַ קינד); דײַן קינד האַלט אין איין זירזענען > zir̃zti.

זלוקטע — זע זשלוקטע.

זשאַבאָנגע — פּמפּ; זאַבאָנגע — שלוו, פש; זאַבאָנגע — סמוטשקאָוו 195: 377 פּאַסטקע, מײַזנפּאַסטקע; כאַפּשטריק; ער האָט אים אַרײַנגעכאַפּט אין זאַבאַנגע > žabángai מצ (דיאַל. on < an).

זשאַבי̇נקשטע, זאַבי̇נקשטע די — פש וויזעלע (אַ קליין רויב-חיהלע Mustela nivalis) > žebenkštìs, žebeñkstė, דיאַל. žebiñkštė.

זשאַבעס, זאַבעס מצ — פּפּ, שלוו, פש כוואָראָסט, אָפּגעהאַקטע אָדער אַראָפּגעפאַלענע טרוקענע צווײַגן > žãbai.

זשאַגערעס, זאַגערעס מצ — זשג, שוו, פּמפּ, שר, געדרײַץ (שר. ראַיאָן) כוואָראָסט; פאַרדאַרטע טרוקענע אָפּגעהאַקטע, אַראָפּגעפאַלענע צווײַגן. זעלטענער זשאַגערע די (אצ) — רויט, ריטל > žãgaras, מצ žagaraĩ 'פאַרדאַרטער צווײַג'.

זשאַנדעס מצ — שלוו 1) באַקן; עס זײַנען אים רויט די זשאַנדעס (בײַ אַ שיכורן); 2) זשאַברעס (פון אַ פיש) > žándas 'באַק'. דער באַדײַט 'זשאַברעס' איז אַ רעזולטאַט פון פאַרבײַטן דעם פיש-אָרגאַן מיט מענטשלעכע באַקן. זשאַברעס הייסן אין ליטוויש žiáunos.

זשוועירים, זוועירים דער — שלוו אַ שיקלדיקער, קאַסאָקער > žvaĩras.

זשווירבלים דער (מצ -לעם) — בט שפּערלינג, וואָראָבײ > žvìrblis.

זשינדע די — וולק, מרמפּ סאַסקע, סמאַטשיק; מען דאַרף אים נאָך געבן אַ זשינדע > žiñdas.

זשלוקטע, זלוקטע די — פּפּ, טרש, שלוו, שט; פּמפּ, רגוו, בלג, ווידישאָק; שק; סמוטשקאָוו 1950: 401 (זלוקטע) געוועש, גאָר די וועש, וואָס מען וואַשט מיט איין מאָל; אַ זשלוקטע גרעט > žlùgtas.

זשליוגע דער, די — פּפּ, טרש; פּמפּ, שר ווער עס לאָזט אָפּט אורין, איז אָפּט משתין — פגל. זשליוגענען.

זשליוגענען — פּפּ, טרש, שלוו, בט; פּמפּ, וולק לאָזן אורין, משתין זײַן, אָפּשלאָגן וואַסער. באַזונדערס אָפּט מיט קאָנווערבן: אָנזשליוגענען, באַזשליוגענען

זיך < žliùginti 'נאַס מאַכן' בכלל, ניט פּעיאָראַטיוו.

**זשמאָגעס, זשמאָגוס** דער — וולק אַ ניט־געבילדעטער מענטש, פּויער; בערקע זשמאָגוס — אַ צונעמעניש (מאַרקוס 1922: 17) < žmogùs 'מענטש'.

**טאָיזענען** — בט פּלאַפּלען, פּלוידערן, באָלבען < taũzyti.

**טאַלקע** די — פּפּ, בט; פּש, פּנוו צוזאַמענגעבעטענע פֿרײַוויליקע אַרבעטער־געמיינשאַפֿט (פֿון שכנים) פֿון דאָרף אויף אויסצופֿירן אַ שווערע אַרבעט אָן באַלוינונג. נאָך דער אַרבעט שטעלט מען כיבוד, מען גיט אַ גאַסט־מאָלצײַט. פּאַראַלעלע פֿאָרם טלאָקע (סלאַוויזם) — שלוו, שט; פּמפּ, וולק, שר < talkà.

**טאַקע** די — פּפּ, טרש, של; פּמפּ; **טאַקעס** דער — פּש; **טאַק** דער — וולקוו, שק שטעג, סטעזשקע < tãkas.

**טאַשקענען** — פּפּ, בט, טרש, שלוו; פּמפּ, רגוו שפּריצן מיט פֿליסיקײַט, מיט וואַסער, בלאָטע, ליים א.א.וו.; מיט קאָנווערבן: אײַנטאַשקענען, אָפּטאַשקענען, באַטאַשקענען, פֿאַרטאַש־קענען. באַזונדערס אָפּט זײַנען פּאַסיווע פֿאָרמען: ער איז באַטאַשקעט (אָפּגעטאַשקעט, פֿאַר־טאַשקעט) ווי גרוים ער איז < taškýti און aptaškýti.

**טופּענען** — פּפּ, שלוו, טרש, בט, ושג, של; פּש, פּמפּ, פּנוו, אנ; קורלאַנד (ווײַנרײַך 1923: 219), עסטלאַנד 1) (וועגן עופֿות און פֿייגל) זיצן; 2) (וועגן מענטשן) זיצן אויף די קאָרטעטשקעס; 3) פּעיאָראַטיוו: שטענדיק זיצן אין שטוב, ניט אַרויסגיין; דער האָן טופּעט אויפֿן בוידעם; ער טופּעט אַלעמאָל אינדערהיים (קורל); וואָס טופּעסטו דאָ אין שטוב, גיי אַרויס; מען טופּעט, מען קלײַבט אין די קאָשיקעס בולבעס (פֿון פּראַמס אידיליע 'זונטיק'). מיט קאָנווערבן: אַוועקטופּענען זיך, אַראָפּטופּענען זיך, אַרונטערטופּענען זיך < tupéti 'זיצן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קאָרטעטשקעס; זיצן אין שטוב ניט אַרויסגייענדיק'; tũpti 'זיך אַראָפּזעצן אויף די קאָרטעטשקעס'.

**טורלענען** — פּפּ, ושג פּאַמעלעך, ניט אײַלנדיק זיך אָדער ניט גרינטלעך, אַבי ווי וואַשן (עטלעכע שטיקלעך וועש) < turlyti 'פּליושקען'; turlytis 'פּאַמעלעך, לאַנג וואַשן'.

**טיטנאַגעס** דער — פּפּ, טרש, ושג 1) אײַנגעשפּאַרטער עקשן, האַרטער פֿאַרשוין, האַרטער ביין; 2) אַ קאַרגער מענטש, קמצן, פֿאַרמאַכטע האַנט < tìtnagas 1) 'פֿײַערשטיין, קיזלשטיין'; 2) 'האַרטער פֿאַרשוין, האַרט ווי אַ שטיין'.

**טיטשע** אַדוו — וולקוו בכיוון, אומישנע, אומיסטן < týčia.

**טײַסענען** — פּפּ, טרש, פּלנג, בט, ושג; פּנוו פּעיאָראַטיוו: (שלעכט) מאַכן, פּראַווען, צורעכטמאַכן; פֿאָרקען זיך, קאַלופּען זיך < taisýti 'צורעכטמאַכן, רעמאָנטירן, מאַכן (אָן פּעיאָראַטיוון בײַ־טעם)'.

**טינגענעס** דער — פּמפּ, פּנוו; **טינגעניק** דער (די ־ניצע) — ושג גרויסער פֿוילער, פֿוילִיאַק < tinginỹs, גענ. tìnginio.

**טיקענען** — פּפּ, טרש, שלוו, בט, ושג, של; ברז, פּמפּ, פּנוו, רגוו, שט, וולק (ראַיאָן); שק לויערן. די קאַץ טיקעט אויף אַ מויז < týkoti.

**טעטערווע** די — בט (ערגעצוואו געהערט אויך טעטערווינע) בירקהאָן, בירקהון (פֿויגל) < teterva, tẽtervinas.

**טרוסענען זיך** — שק אַ סך אַרבעטן בײַ דער הויז־ווירטשאַפֿט, זײַן זייער באַשעפֿטיקט בײַ באַלעבאַטעווען אין שטוב < triũsti 'אַרבעטן (בכלל); טאָן שטוביקע אַרבעט'.

**טרידע** די — פּמפּ צונעמעניש פֿון אַ פֿרוי, וואָס האַלט אין איין אַרומלויפֿן, אויסשמעקן אַלע נײַס. פֿגל. טרידענען < trìdė 'אַ פֿרוי, וואָס האָט אַ לויזן מאָגן, וואָס לײַדט אויף שילשול'.

**טרידענען** — פּפּ, בט שפּעט־לשון: האָבן אַ שילשול, לויזן מאָגן, אַ דורכפֿאַל < trydà 'שילשול'.

**טריינקענען** — פּפּ, טרש, בט, שלוו, של (אין אַ וואָגן) שטאַרק טרייסלען, טרעסענען. מיט קאָנווערבן: צוטריינקענען צעטרייסלען, אָנטריינקענען זיך זיך שטאַרק אָנטרייסלען; פֿון פֿאָרן בין איך געקומען אַ צוטריינקעטער; ער האָט זיך אָנגעטריינקעט אַ וועג (די גאַנצע וועג אין וואָגן) < treñkti, trankýti '(וועגן אַ וואָגן) קלאַפּן, פֿאָרן קלאַפּנדיק, טראַסקענדיק, טרייסלענדיק'.

**טרינינע** די — פּמפּ שפּאַלט אין וואָגן־געשטעל, וואו מען שטעקט אַרײַן דעם דישל < treinìnė.

**טריפּענען** — פּפּ, טרש, בט; פּנוו, פּש, קוור; עסטלאַנד; **טראַפּענײַענען** — וולק, קוור, שט טראַמפּלען, טאָפּטשען; גיין מיט אַ שווערן שריט; טריפּענען מיט די פֿיס < trỹpti.

**טשולפּענען** — פּפּ; פּמפּ זוינגן. נאָכאַנאַנד ער

טשולפּעט < čiuľpti; ליטווישער פּאַלאַ־טאַליזירטער č איז אין יידיש געוואָרן אַ האַרטער טש; זע אויבן VIII, 4. פֿגל. נאָך אויס־טשולפּענען.

טשעבאַטעס מצ — גרויסע, שווערע, ניט שיינע שיך < čebãtas 'שטיוול', שטאַמט פֿון ווײַסרוסישן čobat, čebot. דער וואָקאַליזם ווײַזט, אַז אין יידיש איז דאָס וואָרט אַרײַן פֿון ליטוויש, אָבער ליטוויש האָט ניט קיין פּעיאָראַטיוון בײַ־טעם.

יאָדאַלקסנע די — פּפּ, פּלנג שוואַרצע אָלכע (בוים) < júodalksnis.

יאָדבאַרזדעס דער — פּמפּ צונעמעניש פֿון אַ מענטשן מיט אַ שוואַרצער באָרד < juodbařzdis 'שוואַרצבאָרד'.

יאָדבערים דער — בט; פּמפּ אַ שוואַרץ־ברוין פֿערד < júodbėris.

יויאיע (jójįe) — פּפּ, שווי, פּמפּ, רגוו, פּש, יאַואיע (jáuje) — בט טריקן־שײַער < jáuja. וועגן oj: au (פֿון ליט. au) זע אויבן VII, 3.

יאָסטע די, יאָסטעס דער — רגוו, מלט; ינוו גאַרטל, פּאַס < júosta.

יאָקסמעס דער — פּמפּ צונעמעניש פֿאַר אַ יידן, וואָס האָט האָלט געהאַט זיך צו וויצלען: הלל דער יאָקסמעס < juõksmas 'געלעכטער'.

יודענען זיך — פּמפּ; בט זיך באַוועגן (אין שפּעט־לשון) < jùdintis.

יוקש[1] — גאַנץ ליטע דער אויסרוף אַוועקצוטרײַבן חזירים. ווען צוויי קינדער צעקריגן זיך, זאָגט איינער דעם צווייטן: איך שיק דיר אַ יוקש (קנ) < jùkš.

יוקש[2] — פּפּ, פּלנג, זשג פּראָסטע זאַכן, שלעכטע סחורה, אָפּפאַל; די סחורה איז געווען הוילע יוקש — טויג אויף כּפּרות < דיאַל. jùksas פֿון מזרח־פּרײַסיש Jucks; זע פּרענקעל 1962, I: 196.

יוקשיקער אַדי — פּפּ, טרש, בט, זשג, שלוו; ברז; קנ, וולקוו, שק גאָר פּראָסטער, שלעכטער; יוקשיקע סחורה — אינגאַנצן פּראָסטע סחורה. אַזאַ אַדיעקטיוו איז אין ליטוויש ניטאָ. דאָס איז אַ יידישער דעריוואַט פֿון יוקש[2] מיטן אַדיעקטיווישן סופֿיקס ‎-ik, פֿגל. אויבן IXב2.

יורגין — טרש, פּפּ, זשג אַ ליטווישע חגא, ווען מענטשן פּעקלען זיך אַריבער אין זייערע געקויפֿטע אָדער אַרענדירטע איינגנטום־אָביעקטן < Jurginės (23טער אַפּריל).

יורגינע די — פּמפּ געאָרגין־בלום (Dahlia variabilis) < jurgìnas, jurgìnė.

יורע דער — פּפּ, בט, שלוו, זשג; פּמפּ, אַנ, שר פּעיאָראַטיוו: פּראָסטער מענטש, פּראָסטאַק, פּויער; ווי קומט יורע צו שמורה און אַ חזיר צו לאָקשן (שלוו). זע יורקע.

יורקע — פּפּ, בט, זשג, של; פּמפּ, שט; קורלאַנד (ווײַנרײַך 1023: 221), אָשמיאַן (ווײַנרײַך 1926: 313), אין מינסקער אומגעגנט (פֿיל. שר. II: 179 הערה 2), סטוטשקאָוו 1950: 298; יורקים — טרש; יורגע — קוור; יורגעס — פּש פּעיאָראַטיוו: פּראָסטער מענטש, פּויער, באַגרענעצטער מענטש; אַזאַ יורקע, ער פֿאַרשטייט ניט אַ וואָרט (אָשמיאַן, זשג). עס זײַנען פֿאַראַן עטלעכע אויסדרוקן, פֿאַרגלײַכן, וואו עס פֿיגורירט יורקעס הונט: ער שווײַגט ווי יורקעס הונט — ער דרייסט זיך ניט צו ענטפֿערן, ער רופֿט זיך ניט אָפּ (קורל; פּפּ, בט; פּמפּ, שר). איך הער דיר ווי יורקעס הונט — איך רעכן זיך ניט מיט דעם, וואָס דו זאָגסט (פּפּ, זשג, טרש, שט); ער ציטערט ווי יורקעס הונט — ער האָט זייער מורא (טרש, זשג; סטוטשקאָוו 1950: 137). דער אָפּשטאַם איז דער ווײַסרוסישער Jurka. דער דאָזיקער נאָמען זאָל זײַן געווען אַן אָפּטער אין די עלטערע ליטווישע שריפֿטן, דאָס האָט געהאָלפֿן, אַז דער נאָמען זאָל פֿאַרבלײַבן אין יידישע אויסדרוקן אין ליטע. פֿגל. נאָך אין לעטיש: [estn. Jurka] Jurka Deminutivum von Juris, mit einem verächtlichen Beigeschmack (מילענבאַך 1923, II: 120). היות ווי איצט איז אין ליטע דער נאָמען שוין ניטאָ, געפֿינען מיר פּרואוון צו אַסאָציאירן מיט אַ געהערטן נאָמען: יידיש 'יורקים', 'יורגע', 'יורגעס' ווײַזט די טענדענץ צוצוגלײַכן — זייער ריכטיק — דעם דאָזיקן נאָמען צום איצטיקן ליטווישן נאָמען Jùrgis, וואָס האָט אויך צײַטנווײַז אַ פּעיאָראַטיוון בײַגעשמאַק, פֿגל. אין אַקאַדעמישן ווערטערבוך פֿון דער ליטווישער שפּראַך; jùrgis . . . 2) פּעיאָראַטיוו: דאָרפֿישע יורגיסן. יידיש יורע (זע אויבן) איז גיכער פֿון אַלץ אַ יידישע צוריק־פֿאָרם פֿון יידישן יורקע, וואו דער ‎-קע איז געהאַלטן געוואָרן פֿאַר אַ דימינוטיוו ענדונג און איז אָפּגעוואָרפֿן, פֿגל. חיימקע — חיים, חנקע — חנה.

יעקן — פּפּ, טרש, שלוו, זשג, של; שק; קורלאַנד (ווײַנרײַך 1923: 221) אָפּלאַכן, אָפּט מיטן קאָנווערב אָפּ־

(פון עמעצן). פון דעם איז אויך אָפּיעקער — אָפּלאַכער. ווײַנרײַך ווײַזט אָן דעם אָפּשטאַם פון דײַטשישן Narr — eingebildeter Geck. די מיינונג איז אפשר אַ ריכטיקע, אָבער עס בעט זיך דער פאַרגלײַך מיט ליטווישן apjuõkti 'אָפּלאַכן' און išjuõkti 'אויסלאַכן (עמעצן)'. קעגן דער מיינונג, אַז 'יעקן' שטאַמט פון ליטוויש, זײַנען דאָ צוויי וואָגיקע אַרגומענטן: 1) די אינפיניטיוו ענדונג איז n-, ניט enen-, ווי אין אַלע יידישע ליטואַניזמען; 2) דער ליטווישער דיפטאָנג uo ווערט אין יידיש o, ניט e, אָבער די געאָגראַפיע פון וואָרט (ליטע און לעטלאַנד) און די נאָענטקייט פון באַדײַטן צווינגט צו צווייפלען: אפשר איז דאָ אַ קאָנטאַמינאַציע (דײַטש Geck + ליט. apjuõkti)? עס זאָל פאַרצייכנט ווערן, אַז juõkti- צוזאַמען מיטן לעטישן juôkuôt (איצט jokot) 'מאַכן שפּאַס' און juôks (איצט joks) פאַרגלײַכט ענדזעלין (אין מילענבאַך 1923, II: 126) מיטן דײַטשישן דיאַלעקטישן jok 'שפּאַס' (< לאַטייניש iocus 'וויץ, שפּאַס'). פגל. נאָך פרענקעל 1962-1965: 117.

לאָבענען, אָנלאָבענען — פּמפּ געבן (דעם פערד) פיטער < liuõbti.

לאָוועס דער — פּש קאָרעטע אויף צו קאָרמענען בהמות < lovỹs.

לאַורעס דער — אוט, מלט גלאָמפּ, גולם, אָפּגעלאָזענער מענטש < laũrė,laũras.

לאַזדינעס מצ — בט, רגוו, פּמפּ נוס־קוסטעס (Corylus avellana) < lazdýnai.

לאָפּענען — פּמפּ פּעיאָראַטיוו: צורעכטמאַכן, פאַרלאַטענען (אַ זאַק, שיך) < lópyti.

לאַקטע די — פּפּ, טרש, שלוו, בט, פּלנג, זשג; וולק; לאָקטעס דער — פּש; לאַקשטעס דער — רגוו, פּמפּ, פּנוו, קוור הינערשטאַנג. ווען אַ מענטש, וואָס זיצט אַ סך אין שטוב אָדער אויף איין אָרט, זאָגט מען: ער זיצט ווי אַ הון אויף אַ לאַקטע (זאַמעט) אָדער ער זיצט ווי אַ האָן אויפן לאַקשטעס (מזרח ליטע) < laktà, דיאַל. lãktas.

לאַקענען — פּפּ, זשג; פּש לעקן (פּליסיקע שפּײַז). מיט קאָנוועַרב: אויסלאַקענען: די קאַץ האָט אויסגעלאַקעט די סמעטענע < (iš)làkti.

לובעס מצ — פּפּ, טרש, שלוו, בט, שוו, זשג, של; ברז, פּש, רגוו, פּמפּ, שט; קנ, וולק, קוור סטעליע, סופיט. אַ טייל ליטווישע ייִדן האָבן ניט קיין אַנדער נאָמען פאַר סופּיט, אַ טייל חוץ 'לובעס' רופן דעם סופיט נאָך 'באַלקן' (וולק), 'פּאַלאַפּ' (שק). וועגן אַ הויכן מענטש זאָגט מען: ער איז אויסגעוואַקסן ביז די לובעס (פּפּ, בט). ווען עמעצער אײַלט זיך זייער אָדער אין אײַלעניש מאַכט אַ טומל, זאָגט מען אין שפּאַס: עס הייבט זיך די לובעס (פּפּ, טרש, של, קנ) < lùbos.

לופּ די (מצ ליפּן) — גאַנץ ליטע, אַרײַנגערעכנט ווילנע דאָס איז ניט קיין ווילנער פּראָווינציאַליזם, ווי עס מיינט ז. רייזען (1920: 57), נאָר אין גאַנץ ליטע ווערט באַנוצט לופּ-ליפּן (פּלוראַל 'לופּן' קען מען אויך צײַטנווײַז, כאָטש זעלטן, אויפטרעפן). אַחוץ דעם איז אין זאַמעט פּעיאָראַטיוו און אין שפּעט־לשון אויך מצ לופּעס. רייזענס אָנגעוויזענער אויסדרוק פון מינסקער ייִדן לופּעס מאַכן 'צוזאַמענציען די ליפּן פאַרן וויינען' קלינגט אין ליטע אַנדערש: שטעלן אַ לופּ, באַזונדערס וועגן אַ קינד, ווען עס האַלט בײַם וויינען. דאָ איז פאָרגעקומען אַ קאָנטאַמינאַציע פון דײַטשישן Lippe מיטן ליטווישן lū́pa. אינטערעסאַנט, אַז דאָס ליטווישע וואָרט האָט אַרויסגעשטופּט דעם דײַטשישן i נאָר אין איינצאָל.

לופּיק דער — בט שינדער < lupìkas.

לופּעטע די — פּפּ, טרש, שלוו, בט, זשג, של; רגוו, פּמפּ, פּנוו, פּש. קורלאַנד; ווײַנרײַך 1923: 223; לופּיטע — עסטלאַנד; זעלטענער וולק; וולקוו; סטוטשקאָוו 1950: 417 1) שמאַטע, טראַנטע; שמאַטעס און לופּעטעס (עסט); 2) (מענטש) שמאַטע, ווילגלאָזער מענטש. אַ פאַרשפּרייטער שפּרוך: אַז מען רײַבט זיך אויס, ווערט מען אַ לופּעטע (וועגן אַ מענטש). ווײַנרײַכס מיינונג, אַז דאָס איז איינס פון ניט קיין סך לעטישע ווערטער, וואָס זײַנען אַרײַן אין יידיש, איז ניט אינגאַנצן ריכטיק — דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ ליטוויש לײַ־וואָרט (אין אַ גרויסן טייל ליטע האָט דאָך לעטיש ניט געקענט האָבן קיין השפּעה) אָדער מיט אַ ליטוויש־לעטישן לײַ־וואָרט < ליט. lùpeta, לעט. lupata.

לופּענען — בט, שלוו, פּפּ; פּמפּ 1) שינדן (די פעל); 2) רײַסן די פּאָלע, זײַן אַ גרויסער יקרן, רײַסן פיל געלט (פאַר סחורה); 3) פּמפּ שלאָגן, בייקערן < lùpti; פּגל. רוסיש лупить.

ליומפּיס, לעמפּיס דער — פּפּ, זשג גולם, גלאָמפּ; אַן אָפּגעלאָזענער אַרבעטער אָן ענערגיע < lum̃pis, lem̃pis.

לײַגענען — פּפּ, טרש, שלוו, בט, שוו (וועגן זשערעבטשיק)

שטיפעריש אַרומלויפן, זיך דורכלויפן, אַרומשפרינגען; דער קיושיק האָט זיך צולײַגעט < láigyti.

לײַדערע די — פפ, טרש, זשג אַרומצאַמונג פאַר בהמות לעבן שטאַל < laĩdaras.

לעוקע [löuke] — בט (אַ קו) מיט אַ ווײַסן פלעק אויפן שטערן < laũkas, -kà.

מאַגע׳ריטש — גאַנץ ליטע; פפ, טרש, שלוו, בט, זשג, של; פמפ, וולק, אנ; וולקוו; בײַ ווײַנרײַכן (1923: 224)

מאַגריטש — קורלאַנד 1) כיבוד, לחיים נאָך אַ געלונגענעם געשעפט, אָפמאַך; 2) צוגאָב, הוספה; אַוועקגעבן דעם חוב מיט אַ מאַגעריטש < מצ magarỹčios, לעט. מצ magaričas (ביידע אָפשטאַמיק פון ווײַסרוסיש maharyčь, פגל. פרענקעל 1962-1965: 395). אויב דאָס וואָרט באַנוצן נאָר ליטווישע און קורלענדער יידן, דעמאָלט ווײַזט די געאָגראַפיע פון וואָרט, אַז עס איז אַרײַן אין יידיש אונטער דער השפעה פון ליטוויש און לעטיש. עס איז טשיקאַווע, אַז דער ווײַטער אָפשטאַם פון וואָרט איז אַראַביש mahāriǧ (מצ) ׳הוצאות׳ (ווערטערבוך פון דער רוסישער שפראַך 1982: 211).

מאָטעי׳וק דער — בט אַזאַ פיטער־געוויקס (Alopecurus pratensis) < motiejùkas.

מאָירענען — פש רעווען, ברומען, ברילן < mauróti.

מאַלאַגים, מעלאַגים דער — פפ, טרש, שלוו, בט, של; שט, וולק, שר; וורב גרויסער ליגנער; אָפטער ווי אַ צונאָמען: לייבקע מאַלאַגים האָט אים אָפגענאַרט (מאַרקוס 1922: 35); זאָג, מאַלאַגים (מאַרקוס 1922: 42); לאָזער דער מעלאַגים (פופס 1969: 68) < melãgis, דיאַל. malãgis (וויטקאַוסקאַס 1976: 185).

מאַלאָנע: ער איז מאַלאָנע צו לויפן פאַר אים אין פײַער און אין וואַסער (שלוו, רס), ד.ה. ער וואָלט קענען..., אים וואָלט געווען אָנגענעם... < malonù ׳אָנגענעם, ליב׳ אָדער malonéti ׳זײַן אַזוי גוט, באַווייליקן׳.

מאַנטע די — פפ, זשג שפעט־לשון, פעיאָראַטיוו: האָב־און־גוטס, בעבעכעס, האַק־און־פאַק < mantà.

מאַרגע אַדי — פפ, טרש, שלוו, בט; פמפ פאַרשידנפאַרביק, צווייפאַרביק: ווײַס (גראָ) און שוואַרץ; אַ מאַרגע הון; אַ מאַרגע קו (רגוו) < márgas.

מורזע דער, די — פפ, זשג, שלוו; רגוו, שר; סטוטשקאָוו 1950: 404 (מורזע און מורזשע); מורזים — בט, טרש — אַ מענטש, וואָס וואַשט זיך ניט, אַ שמוציקער מענטש < mùrza, muřzius, לעט. murza פון ווײַסרוסיש און פויליש murza (פרענקעל 1962-1965: 473).

מורזענען (זיך) — מיר איז באַקאַנט נאָר מיט קאָנווערבן: אײַנמורזענען טרש; פש, מאַרק 1971: 1180 אײַנשמוצן, אײַנפאַטשקען, אײַנשמירן; אײַנמורזענען די הענט, קליידער; אײַנגעמורזעט (פאַרמורזעט) פאַרטיציפ פפ, שוו, שלוו, בט, זשג, וולק, קוור מיט אַ ניט געוואַשענעם פנים, ניט ריינער. אָפמורזענען זיך (פפ) אויף גיך, נאָר אַ ביסל זיך וואַשן דאָס פנים < muřzinti(s) ׳(זיך) שמוציק מאַכן, (זיך) אויסשמירן, באַזונדערס דאָס פנים׳. לעט. murzêtiês (מילענבאַך 1923).

מאָ׳רמעלים דער — פפ אַ מענטש, וואָס רעדט ניט דײַטלעך, וואָס מורמלט < murmùlis.

מיטעלי׳וק דער — בט אַ יונג פערדל < mituliùkas, דימינוטיוו פון mitulỹs ׳אייניאָריקע בהמה׳.

מיטענען — פמפ קאָרמען, נערן (אַ בהמה); אויס־מיטענען אַ בהמה (פפ) < mìtinti, išmìtinti.

מייטאַלעם דער — שלוו; פמפ, רגוו, פנוו אַ קאַסטרירטער חזיר (זכר), וואָס מען קאָרמעט אויף צו קוילען. נאָר אין אויסדרוק: אָפגעקאָרמעט ווי אַ מייטאַלעם (וועגן אַ דיקן מענטש) < meĩtėlis.

מײַטינענען זיך, באַזונדערס אויסמײַטינען זיך — שלוו ווי־ניט־איז זיך דורכלעבן, האָבן פון וואָס צו לעבן. אויף דער פראַגע, ווי לעבט זיך עמעצן, קומט אַן ענטפער: ער מײַטינעט זיך אויס < maitìntis ׳דערנערן זיך, שפײַזן זיך, לעבן פון...׳

מײַנענען — מאַרק 1951 זיך פאַרנעמען מיט בײַטן. אויפן באַן צווישן שאַוול און קאָוונע דערציילט אַ ייד: ער האָט פאַרזײַנעט, ניט פאַרמײַנעט. געהערט אין טעלדז: געקײַנעט און געמײַנעט [געהאַנדלט און געוואַנדלט] < mainýti ׳בײַטן׳.

מיינקע די — פפ, שלוו, טרש, פלנג, בט, זשג, של; פנוו, רגוו שטאָקפיש < ménkė. וועגן ליט. e < ייד. ei זע אויבן V, 3.

מילע די — פש היימיש געוועבט וואָלענער געוואַנט < mìlas.

מינדרע די — מלט ראָר (אַ געוויקס) < ליט. דיאַל. mìndrė (= nendrė, mendrė).

מישעס מצ — בט; פמפ מעסע, קאַטוילישע גאָטס־דינסט < mìšios.

**מעגענען** – שלוו האָבן הנאה (פֿון עפּעס); עס מעגעט [געפֿעלט] אים דערפֿון > mégti 'האָלט האָבן (עפּעס)' און magéti 'זיך ווערן'.

**מעדזשאַקעס** מצ – פּמפּ שיך מיט הילצערנע זוילן > medžiãkai, medžiõkai.

**מעלאַגים** דער — זע מאַלאַגים.

**מעקים, מעקיש** – פּפּ, שקד, ושג, של; קנ; **מעקעש** סטוטשקאָוו 1950: 362. **מעקון** קנ; פּנוו; **מעקעקע** – וולקוו, וורב, מרמפּ שטאַמלער, זאַיקע, כבד־פּה > mekẽkė און mẽkis. אַנאַלאָגן פֿון 'מעקענען' זײַנען דאָ אין אַ סך שפּראַכן: דײַטש, אוקראַיניש און אַפּילו גריכיש, אָבער די ענדונג is- און מעקעקע זײַנען פֿון ליטוויש.

**מערגעניק** דער – מאַרק, 1951 מיידלניק, ווײַבערניק. איין בחור צום צווייטן: אַ מערגעניק ביסטו אַ נעטיקאַלעס [שלימזל] – אַחוץ אַ ברינדזע [זוים] פֿון אַ קלייד, קריגסטו חרפּות און לייד > merginiñkas.

**מעשקערע** די – טרש ('אַנגל' פּפּ, ושג, 'ווענדע' וולק) ווענטקע (צו כאַפּן פֿיש) > meškerẽ, אַק. mẽškerę.

**נאַגענע** די – פּפּ, טרש, בט, ושג; פּש, פּמפּ (אויך 'פּאַסטל' אין פּפּ, ושג) דאָרפֿישער שוך פֿון אַ שטיקל לעדער פֿון אויבן צונויפֿגעצויגן מיט אַ רימענדל > nãginė.

**נאַדעגאַלע** די – רגוו, שט, פּמפּ, **נאַדעגאַלעס** דער – שר האַלאָוועשקע, אַן אַרומגעברענט שײַטל האָלץ > nuodégulis; דיאַל. nadégulis.

**נאָידע** די – שלוו אין שפּעט־לשון: פֿון אים וועסטו קיין נאָידע [נוצן] ניט האָבן > naudà.

**נאָרע** — ווען אַ פּוילן תלמיד פֿון חדר פֿלעגט מען פֿאַר דער ערשטער וועלט מלחמה זאָגן: חומש — נע אומעש, ראַשע (רשי) — נע נאַשע, מישנאַיעס — נע זנאַיעש, געמאָרע — נע נאָרע פּפּ, בט, טרש, שלוו; שט, פּמפּ, שר, ווילנער אומגעגנט (באַסטאָמסקי 1920: 41). דאָס איז אַ בײַשפּיל פֿון מערשפּראַכיקן יידישן פֿאָלקלאָר. יעדע שורה באַשטייט פֿון צוויי עלעמענטן: פֿון אָנהייב ווערט אָנגעוויזן דער לימוד (אין חדר) אויף יידיש, נאָכדעם ווערט דער תלמיד געטאַדלט אויף פּויליש (נע אומעש — 'קענסטו ניט'), רוסיש אָדער פּויליש (נע נאַשע — 'ניט אונדזער'), רוסיש (נע זנאַיעש — 'קענסט ניט') און ליטוויש (נע נאָרע — 'ווילסטו ניט'). אין זאַמעט, דערמאָן איך זיך, פֿלעגט מען נאָך צולייגן: שוואַרבע (= עשרים וארבעה, דער גאַנצער תנך) — נעשוואַרבע ('ניט וויכטיק', ליטוויש).

מיט 'נאָרע' (ליטוויש: nori) איז דאָ נאָך אַ בײַשפּיל פֿון מיש־שפּראַכיקן פֿאָלקלאָר: קאָ טו נאָרע (ליטוויש: ko tu nóri 'וואָס ווילסטו') — ברויט מיט קאָרע, קאָ טו אישקע (ליטוויש: ko tu ieškai, דיאַל. jiškai) — ברויט מיט קישקע. גיכער פֿון אַלץ זײַנען אַזוינע קינדערשע גראַמען ניט מער ווי שטיפֿערישער שפּאַס, אָן געדאַנק. וועגן דער מערשפּראַכיקײַט און פֿרעמדשפּראַכיקײַט אין יידישן פֿאָלקלאָר זע גאָלדבערג (1928: 583-606).

**נאַשטשע, נאַסצע** די – גאַנץ ליטע: בט, טרש, פּפּ, שלוו, ושג, של; ברז, פּמפּ, פּש, רגוו, שט, פּנוו, וולק, קוור, שר; שק קאָראָמיסלע (אַ הילצערנע פֿלאַכע דוהע, בויגנפֿאָרמיקע שמאָלע ברעט צו טראָגן אויף דער פּלייצע צוויי עמער וואַסער); אַ וואַסערטרעגערס צונאָמען: איציק די נאַשטשע (וולק) > nãščiai.

**נוקע** די – קורלאַנד (ווײַנרײַך 1923: 226), ושג, ברז אַן אָפּגעבראָכענע שטיק ברויט > לעט. nuka, ליט. niùkas (פֿון סלאַוויש); אָפּשטאַם וואַרשײַנלעך פֿון לעטיש — ושג און ברז זײַנען לעבן לעטלאַנד.

**ניקענען, באַזונדערס אויסניקענען** – פּפּ, טרש, בט, ושג; פּמפּ אויסגיין (נאָר וועגן פֿײַער, זיך ענדיקן) > (iš)nỹkti 'פֿאַרשווינדן'.

**נעוויקאַלעס** דער – פּש שלימעזאַלניק, לאָ־יוצלח > nevỹkėlis.

**נעטורים** — זע פּורים.

**נעטיקאַלעס** דער – שט, רגוו, וולק, קוור; **נעטיקעליס** – בט טויגעניקט, שלימזל, לאָ־יוצלח > netìkėlis.

**נעקנעקעס** דער – פּפּ, ושג, בט אַ גאָרנישטיקער מענטש, אַ גאָרנישט > niẽkniekis 'אַ קלייניקײַט, אַ נישטיקע זאַך'. אין יידיש האָט דער באַדײַט פֿון וואָרט זיך געביטן.

**סאַקע־פּאַסאַקע** — דער אויסדרוק איז פֿאַרשפּרייט אין אַ גרויסן טייל ליטע; פֿאַרשריבן פֿון יודל מאַרק סתם גערעדט, אָן אַ סוף, אַ מעשה מיט אַ ציגעלע אַ ווײַסע, אַ ניט געשטויגענע זאַך. סאַקע־פּאַסאַקע — די יויך איז קאַלט; סאַקע־פּאַסאַקע און פֿאַרדינט אַ מכה; פֿון סאַקע־פּאַסאַקע האָבן די קינדער אַ מכה > sãkė pasãkė 'געזאָגט און גערעדט'.

**סווירטים** דער – פּפּ, טרש, שלוו, בט, ושג; שט, פּמפּ, פּנוו, וולק, בגבל, קוור, אַנ, שר; **סווירטעס** – פּש; **סווירטע**

די — טרש; 'סווירטים' אין אַ כתב־יד, געקויפט אין וואַרשע אין תרמ"ג [1883-1882], פון אַן אומבאַקאַנטן מחבר ('מעשה משנת 1290' 1981: 78; דושאַנסקים 1982); שווירטום — סטוטשקאָוו 1950: 160 — אַ ברונעם־געשטעל מיט אַ לאַנגן שטאַנג אַראָפּצולאָזן אין ברונעם אַן עמער און אים אַרויסצוהייבן מיט וואַסער. קוור אַ צונאָמען פון אַ הויכן און מאָגערן מענטש < svìrtis.

סווירנע די — וולק, בלנ; שלוו שפּײַכלער < svir̃nas.

סווענטע, שווענטע — מאַרק 1951; שוויענטע — סטוטשקאָוו 1950: 729 קריסטלעכע חגא < šveñtė.

סווענטענען — מאַרק 1951; שוויענטענען — סטוטשקאָוו 1950: 729 באַשפּריצן מיט הייליקן וועסערל < švéntinti.

סולע, שולע די — פּפּ, טרש, שלוו, בט, שט; פּמפּ, רגוו, פּש, וולק, שר פּליסיקער בוים־זאַפט, באַזונדערס בעריאָזע־זאַפט < sulà.

סולענען — פּנוו, רגוו, שט, שר; שלוו, בט זייער אָנבאָטן, פֿאָרלייגן < siū́lyti (< ווײַסרוסיש sulitь).

סוקטשעווען — פּש שווינדלען, אָפּנאַרן; ער סוקטשעוועט אין קאָרטן < sukčiáuti.

סטאַבאַלע די — פּפּ קלעצל (פון ראָד) < stebulė̃.

סטאָיגענען — וולק, אוט וואָיען (וועגן אַ וואָלף) < stáugti.

סטאַצער, סטאַטער — זע שטאַצער.

סטאַקטע די — פּפּ, ושג, ווקש בײַשטידל, אושאַק (פון טיר) < staktà.

סטולבע דער, די — פּפּ, ושג אַ ליימענער גולם, לעמעך < stul̃bis.

סטולפּ דער (סטולפּע די) — סלופּ, סטויפּ, סטאָלב < stul̃pas.

סטי́פּענע די — פּמפּ שפּיצע (פון אַ ראָד) < stìpinas.

סטיפּענען — זע שטיפּענען.

סטירטע די — פּמפּ סטערטע, קויפּ, סטויג שטרוי; פֿגל. קאָיגע < stìrta.

סטירנע די — בט, פּפּ; פּמפּ סאַרנע, רע־הירש < stìrna.

סטירענען — זע שטירענען.

סטעמב(ע)רע[1] די — פּפּ; פּמפּ דער אונטן פון עק (אָן האָר) בײַ אַ פערד, קו, דער עק־שפּראָצל < stimburỹs, stimberỹs.

סטעמב(ע)רע[2] די — בט, שלוו, פּפּ אַזאַ געוויקס, וואָס וואַקסט אויס גאַנץ הויך, מיט אַ קעפּל, די בלעטלעך ווי שטשאַווי < stembraĩ.

סטראַוטע די — ושג אַ גראָבן, וואָס איז דאָס רוב פול מיט וואַסער < straũtas דיאַל. ליטוויש 'שטראָם' אָדער לעטיש straũts.

סלאַסקע — רגוו, שט, וולק, שר; שלאַסקע — ברז; ספּאַסטקע — רגוו, בט, וולק, שר; פּאַסטקע — שק, קנ, סטוטשקאָוו 1950: 337 — מכשיר צו כאַפּן מײַז < spą́stai, slãstai.

סמאַגו́רע דער, די — קוור זשעדנער; שלוו אַ נאַשער < smagùris 'נאַשער'.

סמאַגו́רענען — שלוו זוכן נאַשערײַען < smaguriáuti.

סמאַרווע — בט אַ זידלוואָרט < smárvė 'געשטאַנק, עיפּוש'.

סמולקע אַדי — פּפּ, ושג, שלוו; אַ סמולקע צורקע — אַ קליין פֿנימל < smulkùs.

סמילקענען; סמילגענען — פּפּ, בט; פּמפּ, רגוו, פּנוו, וולק, קוור, שר; וורב (וועגן אַ שוואַך פֿײַערל) טליען, טלייען, רייכערן, פֿלימערן; איך גיי ביזן האַלדז אין אַ פּורווע [בלאָטע], זע איך מיטאַמאָל עס סמילגעט זיך אַ פֿײַערל; די לעמפּעלע סמילקעט, דער טאַטע סנוידזעט [דרעמלט], מען דאַרף טאַקע שלאָפן (די בײַשפּילן פון מאַרק 1951) < smil̃kti.

סנאָידענען — פּפּ, טרש, שוו, ושג, של, שלוו, בט; ברז, פּש, פּמפּ, פּנוו; סנאָידזענען — וולק, שר, שט; קנ, וולקוו; סנאָידזען — ווילנער אומגעגנט (באַסטאָמסקי 1920: 75) מיט ד אָדער דז איז דאָס וואָרט באַקאַנט אין גאַנץ ליטע; עס זײַנען פֿאַראַן ערטער, וואו מען קען הערן ביידע וואַריאַנטן; אָפט ווערט דאָס וואָרט גענוצט ווי אַ פּעיאָראַטיוו צו 'דרעמלען' (פֿגל. אויך באַסטאָמסקים באַמערקונג בײַם וואָרט), אָבער אָפט קאָנקורירט סנויד(ז)ענען מיט דרעמלען, זיך ניט אונטערשיידנדיק פון אים (לכל הפּחות אין זאַמעט). מיט קאָנווערבן: אײַנסנוידענען און אָפּסנוידענען < snáusti, פֿרג. צ. snáudė.

סנוקע די — פּפּ, טרש, שלוו, שוו, בט, ושג, פּש; עסטלאַנד; שנוקע — קורלאַנד (קלמנאָוויטש 1926), שניוק — קנ מאָרדע, פּיסק, שנוק; דו וועסט כאַפּן פון מיר אין סנוקע; זידלוואָרט: חזירשע סנוקע. דימינוטיוו (צערטל־פֿאָרם): סנוצקע; סנוצקעלע 'פֿנימל' < snùkis; לעט. snuķis.

סנערגלעס דער — רגוו, וולק; סנאַרגלים — בט, טרש; שנאַרגלע — שלוו, שנורגלע — פּש סמאָרקאַטש < sniurglỹs, snar̃glius.

סעֲדאַלעם דער — קנ; שלוו דאָס אָרט וואו אַ הון טופּעט, זיצט < sédalas 'זיץ=אָרט'. אָבער אויף ליטוויש קען מען ניט אויף אַ הון, פֿויגל זאָגן sėdéti 'זיצן', מען מוז נוצן דאָס וואָרט tùpi.

סעדעֲנע די — בט אַ זיץ=ברעט אין וואָגן < sėdẽnė.

סעֲטענע די — פּפּ, טרש, של, דט, טאַווריג; סטוטשקאָוו 1950: 223 ברוקווע, ברוטשקע. 'סעטענע' איז פֿאַרשפּרייט נאָר אין זאַמעט. רגוו, שט, פּנוו, וולק, (אויך סטוטשקאָוו) 'קרוטשקע' (אין ליטוויש איז אויך דאָ דער סלאַוויזם grùčkas). אַ טייל ליטע נוצט נאָך דאָס וואָרט גרעשטע(ס) וולק, קוור, אַנ (אויך פֿון ליטוויש) < sėtinỹs.

סעֲלענעס מצ — פּפּ, בט; פּמפּ, רגוו, פּנוו, קוור קלייען < sẽlenos.

סעק, שעק דער — פּפּ, זשג אַ שיט=מאָס — איבער 5 גאַרנעץ, אומגעפֿער 17 ליטער; אַ שעק בולוועס < síekas.

סעקלִיצע די — פּמפּ, פּנוו; אין פּראַמס אידיליע 'זונטיק' אין אַ דאָרפֿישער שטוב דער בעסערער צימער, וואו מען נעמט אויף געסט < seklyčià.

סעקלע די — פּש זאָט < sékla.

ספּאַלעס — זע שפּאַלעס.

ספּאַנגאַלעס, שפּאַנגאַלעס — זע שפּאָנגאַלעס.

ספּאַסקע — זע סלאַסקע.

ספּיטרים דער — בט, שלוו אַ מענטש, וואָס זעט שלעכט, אַ האַלב=בלינדער; פּפּ, זשג אַ מענטש, וואָס קוקט (אויף עמעצן, אויף עפּעס) זייער אָנגעשטרענגט < spìtris.

ספּינדזענען — מאַרק 1951 שײַנען, גלאַנצן. דער שניי ספּינדזעט, אָבער איך פֿיל, אַז איך ווער פֿאַרסטיפּעט [פֿאַרפֿראָרן]; בײַ זיי אין שטוב ספּינדזעט אין אַלע ווינקעלעך < spindéti.

ספּראַגע די — פּפּ, בט אַ שפּאַלט, אַ לאָך אין פּאַרקן < spragà.

ספּראָגענען — פּפּ, טרש, שלוו, בט פּרעסן, עסן (אַ סך) < sprógti 1) 'פּלאַצן'; 2) 'פּרעסן'.

ספּרענדזענען — זשג ספּרענדענען — בט (באַזונדערס אָפּספּרענדזענען) באַשליסן < sprę́sti, איצט. spréndžia, פּרג. צ. spréndė.

סקאַלקע די — פּפּ, זשג, פּלנג, שוו שפּאָן, שפּענדל < skalà.

סקאַרע די — פּפּ אַ גרויסע פּראָסטע פֿרויען=טוך, טיכל < skarà 'גרויסע שולטער=טוך, קאָפּ=טוך'.

סקינענען — זשג; פּנוו, קוור, בלנ רײַסן, אָפּרײַסן (יאַגדעס, גראָז, בלומען) < skìnti.

סקלִידינע אַדי — רס, טרש פֿול ביז אויבן; אַ סקלידינע גלאָז < sklìdinas.

סקעֲפּעטע די — בט, שלוו; פּמפּ אַ גרויס קאָפּ=טיכל פֿון איינפּאַכן שטאָף < skẽpeta 'טיכל'.

סקערדז — שלוו, שט; קאָוונער אומגעגנט, שק; קערדז — בט עלטערער פּאַסטעך, 'אויבערפּאַסטעך', איפּזעער פֿון די פּאַסטעכער (פּאַסטעכלעך); שפּאַצירט ווי אַ סקערדז [וועגן אַ ליידיקגייער] שלוו < skeȓdžius, keȓdžius.

סקערסאָים: ער גייט סקערסאָים — ער גייט מיט אַ זײַט פֿאָרויס שלוו; ער גייט סקערסע טרש < eĩti skersõms און skeȓsas eĩna.

סקראַפּשקענען — זע קראַפּשקענען.

סקרוֹזדאַלעם דער — 1) פּמפּ פֿאַמעלעכער אַרבעטער, מאַרודניק, קאַלטער פֿאַמעלעך; 2) רגוו אומאָרדענונג, מישמאַש, ווען אַלץ איז צונויפֿגעוואָרפֿן און צעמישט ⩾ 1) skruzdėlė̃ 'מוראַשקע'; 2) שטאַמט פֿון skruzdėlýnas 'מוראַשניק'.

סקרוזדעלִינע די — פּמפּ; פּפּ אַן אָרט, וואו עס שטופּן זיך אַ סך מענטשן, וואו עס שוויבלט און גריבלט מיט מענטשן < skruzdėlýnas 'מוראַשניק', skruzdėlỹnė 'מוראַשניק (פֿון מענטשן)'.

סקרינע די — פּפּ, טרש, שלוו, דט; פּש אַ גרויסער און שווערער קאַסטן; זי איז אַ גוטע גאַסטפּאַדינע [באַלעבאָסטע] בײַ אַ פֿולע סקרינע; אַמאָל אויך געזאָגט אויף ליטוויש, כאָטש ס'איז גראַמאַטיש ניט ריכטיק; פֿגל. בײַ באַסטאָמסקי (1920): ס'איז גוט צו זײַן אַן אַכמעסטרינע בײַ אַ פֿולער סקרינע < skrynià, skrỹnė; ווײַסרוסיש און פּויליש skr(z)ynia. וועגן פּוילישן (rz) איבערגאַנג אין יידיש זע בײַ ט. גוטמאַן (ייד. פֿיל. 382 א.וו.) און קאַגאַראָוו (צײַטשריפֿט II-III: 742).

סרובע, שרובע די — פּפּ, טרש, שוו פּראָסטע, שיטערע, ניט געשמאַקע זופּ < sriubà 'זופּ'.

סרוטעס מצ — פּפּ, בט פֿליסיקע שטאַל=מיסט < srùtos.

סרעבענען, סראָבענען, סרובענען — פּפּ, בט, שלוו, טרש, זשג, שט; רגוו, וולק, קוור זופּן, כליאָבען; ערטערווײַז ווערט באַנוצט אַחוץ דעם ליטואַניזם אויך דער סלאַוויזם 'כליאָבענען', אָבער אין זאַמעט זאָגט מען דער עיקר סרעבענען < sr(i)uõbti, srė̃bti.

עגלע די — פּפּ, טרש, שלוו, בט, שוו, שקד, פּלנג; זשג, של;

בּרז, פּש, פּמפּ, רגוו; שק; קורלאַנד (קלמנאָוויטש 1926: 179); **יעגלע** וולק, אַנ; עגלע־האָלץ, עגלע־וואַלד — יאָדלע, טענענבוים. ערטערווײַז אין מזרח ליטע זאָגט מען אויך יאָדלע, יאָדלע־האָלץ < ēglė; לעט. egle. אינטערעסאַנט, אַז לעטיש egle האָט וואָרט־אײַן אַ קורצן e, אָבער אין קורלענדער יידיש איז, לויט קלמנאָוויטשן, דער ē לאַנג, ווי אין ליטוויש. אין ליטווישן יידיש זײַנען קיין לאַנגע וואָקאַלן בכלל ניטאָ. פֿגל. אויבן V, 1.

**עזע** די — פּפּ, בּט, שלוו; פּמפּ ניט צעאַקערטער שמאָלער גרענעץ־פּאַס צווישן צוויי פֿעלדער, מעזשע < ežià, ẽžė.

**עָזערע, עָזשערע** די — פּפּ, טרש, שלוו, זשג, בּט; פּש; קורלאַנד (ווײַנרײַך 1923: 227) **אָזערע** < ẽžeras; לעט. ezers.

**עלקסנע** די — זע אַלקסנע.

**עָפּושע** די — זע אַפּושע.

**עָקעטע** די — פּפּ, טרש, שלוו, שוו; פּנוו, פּמפּ, רגוו, פּש, מאַרק 1951 אײַז־לאָך, פּאָלאָנקע; מען דאַרף אים אָפּטונקען אין אַן עקעטע [דערטרינקען] < eketẽ.

**פּאַבײַקטוּאוועס** מצ — בּט; קוור סיום, פֿאַרענדיקונג־שמחה < pabaigtùvės.

**פּאַבעָגאַלעס** דער — שר אַ מענטש אָן אַן אָפּדאַך < pabégėlis 'אַן אַנטלאָפֿענער'.

**פּאַגאַלע** די — פּפּ, טרש, בּט, שלוו, זשג, של; בּרז, פּמפּ, רגוו, פּש, פּנוו; קנ, שק; קורלאַנד (קלמנאָוויטש 1926: 179), **פּאַגאַלעס** דער — וולק, אַנ 1) אַן אַרומגעברענט שײַטל האָלץ; אַ קאָפּ ווי אַ פּאַגעלע (סטוטשקאָוו 1950: 176); 2) (זעלטענער) אַ שײַט האָלץ < pagalỹs, גענ. pãgalio; לעט. pagale.

**פּאַגײַקשטיס** דער — פּפּ, טרש פֿלאָקן < pagaĩkštis 'קאָטשערע'.

**פּאַגיריאָם**: ער מאַכט פּאַגיריאָם (פּמפּ), ד.ה. ער טרינקט ווידער (בּראַנפֿן), זיך נאָך ניט אויסגעניכטערט פֿון פֿריערדיקן טרינקען. פֿגל. ער מאַכט אַ לחיים < pagiriõm 'זײַענדיק אין קאַצניאָמער (נאָכן טרינקען)'.

**פּאַגראָנדע(לע), פּאַגראַנדע(לע)** דער, די — פּפּ, טרש, בּט 1) אַ ברויט־באָנדעלע פֿון טייג, אויסגעסקראָבעט דאָס לעצטע פֿון דייזשע (פּאָסקרעבעץ — וולק, ווילנער געגנט); די באָנדעלע ווערט געבאַקן אין פֿאָרם פֿון אַ פֿויגל; אָנשטאָט אויגן לייגט מען אַרײַן אַ פּאָר אַרבעס; אַזאַ פֿייגעלע רופֿט מען ציפּצעַנוועלע (פּנוו, פּמפּ, בּרז), ציפּצעַנוועַ (של), ציפּצעַניזע (סטוטשקאָוו 1950: 222); 2) אין שפּאַס: דאָס לעצטע קינד בײַ עלטערן; מיטן זיבעטן קינד, מיט דער 'פּאַגראָנדע', ווי די מאַמע פֿלעגט לאַכן (פּופּס 1976) < pagránda, pagrandẽlis (מיט ביידע באַדײַטן). וועגן on < an זע אויבן XI, 6.

**פּאַדאַלע** די, **פּאַדאַלעס** דער — פּפּ, טרש, שלוו, בּט, שוו; שט, רגוו, פּמפּ, וולק אַן איי, געלאָזן (אַוועקגעלייגט) אין נעסט, אַז די הון זאָל קומען דאָרטן ווידער לייגן אייער, אַ נעסט־איי; ווען עמעצער האָט ניט פֿאַרענדיקט די אַרבעט, זאָגט מען: עס איז געבליבן אַ פּאַדאַלע (שלוו) < padėlỹs.

**פּאַדוּקאַלעס** דער — פּמפּ, רגוו צעווילדעוועטער, צעיושעטער, אומגעצוימטער מענטש < padũkėlis 'ווילדער, אומגעצוימטער מענטש'.

**פּאַדוּקעט** — פּפּ, שוו; פּמפּ אַ צעטומלטער, בײַ וועמען עס מישט זיך אין מח; אַ פּאַדוקעטער טאָג (זשג) זייער אַ שלעכטער וועטער < padũkęs 'אַ ווילדער משוגענער'.

**פּאַדירזעט** — טרש, זשג, בּרז; וולק באַדעקט מיט אַ פֿאַרהאַרטעוועטן הײַטל (וועגן קאַשע, זופּ אָדער אַנדערע געקעכטס); די זופּ וועט ווערן פּאַדירזעט < padir̃žti 'אַ ביסל פֿאַרהאַרטעוועט ווערן'.

**פּאַדעָגאַלעס** דער — פּמפּ, אַנ, שר; **פּאַדעָגאַלע** דער, די — פּפּ, רגוו, שט; **פּאַדעָגעלים** — שלוו אַן אָפּגעברענטער, אַ נשרף; אַ צונאָמען: לייבע דער פּאַדעגאַלעס (שר); ווען אַ נשרף גייט קלײַבן נדבות, זאָגט מען: ער גייט פּאַדעגאַלע (פּפּ). פֿגל. פּאַדעגיסעס < padẽgėlis.

**פּאַדעגיסעס** — אין שפּעט־לשון: ער גייט פּאַדעגיסעס (שלוו) — ער גייט קלײַבן נדבות ווי אַ נשרף, אָפּגעברענטער < padegẽsiai 'אַן אָפּגעברענט אָרט', padegỹstė 'דאָס זײַן אַ נשרף'.

**פּאַדעָקדעווע** — זע באָנדעפּאַדעק.

**פּאַוואַרגאַלע** די — פּפּ מאָגערע, קרענקלעכע (הון) < pavar̃gėlė 'אָרעמע, פֿאַראָרעמטע פֿרוי'.

**פּאָויסאַם** אַדוו — פּפּ, טרש, שלוו; פּמפּ, פּש עס איז שוין פּאָויסאַם 1) עס איז שוין נאָך דעם קריסטלעכן גאָטס־דינסט, ווען מענטשן גייען פֿון קירך; 2) די צײַט נאָכן מאַרק, ווען מענטשן גייען (פֿאָרן) זיך פֿאַנאַנדער; 3) נאָך אַלעמען < po visám.

**פּאַוועָנטער** — פּפּ צונאָמען פֿון אַ משפּחה, וואָס האָט געוואוינט בײַם טײַך ווענטאַ < paventỹs 'די געגנט בײַם טײַך ווענטאַ'.

**פּאַזשאַנדעס** מצ — בט אַזאַ פּערד־קראַנקייט, קראָפּ < pažándės.

**פּאַטי́לפּענען זיך** — אין אויסדרוק: עס פּאַטילפּעט זיך מיר ניט אין קאָפּ (אין מח), ד.ה. עס לייגט זיך מיר ניט אויפֿן שׂכל, איך קען דאָס ניט באַגרייפֿן. אַנדערשוואו איז דער ווערב: פּאַטייפּעט זיך (וורב); פּאַטופּעט זיך (ווילנער אומגעגנט — באַסטאָמסקי 1920: 55) < patiĩpti 'זיך זמעשטשען, אַרייַנגיין'.

**פּאַלאַ́נגע** די — בט פּענצטער־ברעטל < palángė.

**פּאַלאָ́נגע** — פּפּ, טרש, פּלנג דער נאָמען פֿונעם שטעטל Palangà. די יידן רופֿן דאָס שטעטל דיאַלעקטיש ליטוויש (וועגן on < an זע אויבן XI, 6), נאָר מען האָט איבערגעהויבן דעם אַקצענט און די ענדונג געמאַכט, ווי ביי אַנדערע ליטואַניזמען, ־ע.

**פּאַלייַדינע** די — בט אַ לאַנג שטריקל מיט אַ גרעסערן האָק, וואָס מען וואַרפֿט אין טייַך אויף צו כאַפּן גרעסערע פֿיש, באַזונדערס העכטן < paláidynė.

**פּאַלייַ́קע** אַדי (געהערט נאָר ענקליטיש אָדער פּעמינין) — פּפּ, טרש, שלוו, בט, מזשק (ראַיאָן) פּראָסטע, אָפּגעטראָגענע, אַלטע (זאַכן); וואָליקעס־פּאַלייַקע; אַ פּאַלייַקע טוך. אינטערעסאַנט: אַ פּאַלייַקע עליה טרש, זשג, פּיקעלן (מזשק. ראַיאָן) — ווי באַקאַנט, זייַנען די עליות אין בית־מדרש ניט גלייַכווערטיק: רביעי, חמישי, זייַנען ניט אַזוינע בכבודיקע עליות ווי שלישי, ששי און מפטיר; דאָ איז אַ ליטוויש וואָרט אין אַ בית־מדרש קאַטעגאָריע! < palaĩkis 'פּראָסטער, שלעכטער, אָפּגענוצטער'.

**פּאַלע́דע** — אין פֿאַרגלייַך: צופּודלט די האָר ווי ביי אַ פּאַלעדע (קוור) < peléda 'סאָווע' (פֿויגל).

**פּאַ́מעזגעס** מצ — (אויך 'פּאַמוניצע') פּפּ, שלוו, בט, שוו; פּמפּ פּאַמוניצע < pãmazgos.

**פּאַ́מעטעס** מצ — פּפּ, שלוו, פּלנג, קרעטינגע באַגראָזיקטע שטיקער ערד, אויסגעגראָבענע מיט די גראָז. קבֿרים ווערן באַלייגט מיט אַזוינע שטיקער ערד. דאָס זעלביקע וואָס וואַלענע < pãmatas 'פֿונדאַמענט' אָדער מצ pamataĩ.

**פּאַניו́ראַלעס** דער — וורב, וולקוו — אַ שטילער, שטענדיק פֿאַראומערטער מענטש, מרה־שחורהניק. מסתּמא מיינט דאָס זעלביקע פּאַנו́רע 'אַ זידלוואָרט' אין ווילנער אומגעגנט (באַסטאָמסקי 1920: 56) < paniùrėlis, paniū́ra.

**פּאַסאָ́גע** די — פּמפּ נדן פֿאַר אַ כּלה < pasogà (פֿון ווייַסרוסיש posag(a)).

**פּאַסווייקענען זיך, זעלטענער סווייקענען זיך** (אָפּט אין שפּאַס) פּפּ, טרש, שלוו, זשג; פּנוו, שט; מאַרקוס 1922: 21 ('סווייקענען זיך' — מאַרקוס 1922: 70) זיך גריסן < pasisvéikinti, svéikintis.

**פּאַס(י)ו́טאַלעס** דער — פּפּ, טרש; פּנוו, פּמפּ; **פּאַסו́טעלים** — בט, שלוו צעווילדעוועטער, צעיושעטער, ווילדער, אומגעצוימטער מענטש < pasiùtėlis.

**פּאַסטו́מדאַלעס** דער, די — רגוו, שט, ברז, וולק, קוור, שר; וורב; **פּאַסטו́נדאַלע** — שלוו, טרש, פּפּ, זשג אַ דערשלאָגענער, פֿאַרשטויסענער מענטש, וועמען אַלע טרעטן אויפֿן קאָפּ; אַ מיידל אַ פּאַסטונדאַלע וועט קיין חתן ניט קריגן (י. מאַרק) < pastùmdėlis.

**פּאָסייַטים, פּאָ́סעטים** דער — שלוו, שאַוולאַן (ראַדווילישקער ראַיאָן), רעמיגאָלע (פּנוו) — עמער־הענטל (צו טראָגן דעם עמער) < pãsaitas, pãseitas, pãsietas.

**פּאַסע́דאַלעס** דער — קג: ער זיצט ווי אויף אַ פּאַסעדאַלעס — ער זיצט אַליין, הייבט זיך ניט אויף אָדער ער זיצט אַליין אין שטוב < pasėdas 'אַ זיץ־ברעט אין וואָגן, אַ זיץ'.

**פּאַסקע** — זע סלאַסקע.

**פּאָ́צערעס** מצ — פּפּ, טרש, שלוו, זשג קריסטלעכע תּפֿילות < põteriai (ברז; שק פּאַצערעס פֿון פּויליש pacierz).

**פּאַ́קאַלעס, פּאַ́קעלעס** — פּפּ, טרש, שלוו, זשג, של; וולק; קג; בראָדנע; קורלאַנד (קלמנאָוויטש 1926: 180) פּאַקל(י)ע < pãkulos, לעט. pakulas, פּויליש pakuly. מען דאַרף באַמערקן, אַז דאָס פּוילישע וואָרט שטאַמט אויך, ווי עס שייַנט, פֿון ליטווישן pãkulos (ענדזעלין 1923, III:50 און בוגאַ 1959, II:511). דאָס יידישע וואָרט קען זייַן פֿון ליטווישן אָדער סלאַווישן אָפּשטאַם.

**פּאַקלי́דענען** — פּפּ, טרש; פּמפּ פֿאַרבלאָנדזשען (דער עיקר וועגן אַ בהמה, זעלטן וועגן אַ מענטשן) < paklýsti, פּרג. צ. paklýdo.

**פּאַרשו́ק** דער — גאַנץ ליטע: פּפּ, טרש, שלוו, בט, שוו, זשג, של; ברז, פּנוו, שט, וולק, שר; שק — אַ חזיר (וועגן אַ מענטש). פּרילוצקי (1924: 363) ציטירט פֿון אפֿר. מאַרגאָליעס' בוך די געפֿונענע עלטערן (1883): אַזאַ פּאַרשוק! דער באַקאַנטער שפּרוך, אַז עס איז ניט פֿיין צו עסן אין גאַס ('אויפֿן

מאַרק׳) האוכל בשוק דומה לכלב קלינגט אין ליטע אָפּט מיט אַ גראַם: האוכל בשוק דומה לפּאַרשוק. בײַם משלים־שרײַבער מרדכעלע איז דאָ אַ זאַץ: מאַדאַם פּאַרשוק, גיט נאָר אַ קוק אויף אײַער שנוק < paršiùkas; פּויליש (דיאַל.) parszuk (פּרילוצקי 1924: 363).

פּאַשערע די — פּפּ, טרש, של; פּש, פּמפּ (פּאָשער רגוו, שט, וולק, קוור, שר) פּוטער, קאָרמע < pãšaras.

פּודימעס — פּפּ, טרש, שלוו, בט; פּמפּ — ברוכפּעלד < pū́dymas.

פּוזדרע דער, די — שלוו 1) אַ האַלב חרובע שטוב; 2) אַ דיקער, אָבער שוואַכער, קראַנקער מענטש < pū́zdras 1) ׳אַ פאַרפוילטע שטיק האָלץ׳; 2) ׳אַ שטיבל, וואָס האַלט זיך קוים׳; 3) פיג. ׳אַן אַלטער, קראַנקער מענטש׳.

פּוטענעס מצ — וולק, פּנוו יאַגדעס (פּרוכט) פון קאַלינע־קוסט, קאַלינע־יאַגדעס < pùtinas ׳קאַלינע־קוסט׳.

פּוסאַנטרים דער — שלוו צונאָמען פון זייער אַ הויכן מענטשן < pusañtro ׳אָנדערהאַלבן׳; pusañtražmogis ׳אָנדערהאַלביקער׳; trìnis ׳אַן אָנדערהאַלביקער מענטש׳ (זייער אַ הויכער). פגל. דעם צונאָמען ׳פּאָלטאָראַ זשידאַ׳ (полтора жида) בײַ ש. ווײַסענבערג, די צונעמענישן פון יידן אין יעליזאַוועטגראַדער קרײַז (ווײַסענבערג 1926: 75).

פּוסבערניס דער — פּפּ; פּמפּ; וולקוו אַ נידעריקערע מדרגה פון אַ געדונגענעם לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער, ׳אַ האַלבער בערנאַס׳; ניט קיין דערוואַקסענער בערנאַס; פגל. בערניס < pùsbernis.

פּוסדורנעס (-ניס) דער — טרש, בט; פּמפּ, שר נאַרישעוואַטער (׳האַלב נאַרישער׳) מענטש < pùsdurnis.

פּוסטעניש די — פּלנג שניי־שטורעם, זאַווערוכע < pustýti ׳בלאָזנדיק טראָגן שניי (דער ווינט)׳. גענומען דעם וואָרצל pust און צוגעלייגט דעם יידישן סופיקס -עניש.

פּוסינינק דער — בט, טרש, שלוו; פּמפּ; פּוסעניק — פּפּ, פּש אַ פּויער, וועמען מען גיט אַ שטח ערד צו באַאַרבעטן און ער קריגט דערפאַר אַ העלפט פון געראַטעניש < pùsininkas. ערטערווײַז נוצט מען פאַר דעם באַגריף אויך אַ סלאַוויזם (ערטערווײַז נאָר דעם סלאַוויזם): פּולאָוואָניק (טרש, שלוו), פּאָלאָווניק (שט), פּלאָוווניק (שר).

פּוקאַלע די — פּפּ, שוו באַרש (אַ קליין פישעלע) < pūkỹs.

פּורווינע די — פּפּ, שלוו, בט, שוו אַ בלאָטיק אָרט < purvýnas, purvỹnė.

פּורווע די — פּפּ, טרש, בט, ושג בלאָטע (אין גאַס, אין פעלד, אויפן וועג), ווייכע פון נעץ ערד < puȓvas.

פּורטענען — בט; פּמפּ טרייסלען, אויסטרייסלען (אַ זאַק). ער פּורטעט מיטן קאָפּ אויף ׳ניין׳ (פּש) — ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ׳ניין׳ < pùrtyti.

פּורים: אַ ווערטל: פּורים — נעקאָ נעטורים — ׳פּורים האָבן מיר גאָרנישט׳ זאַמעט; מערעטש [Merkinė] (באַסטאָמסקי 1920: 122 מיט ניט קיין ריכטיקער איבערזעצונג: nieko neturim ׳איך פאַרשטיי ניט׳!). פגל. דאָס שפּריכוואָרט, וואָס איז געווען אין ליטע שטאַרק פאַרשפּרייט: ׳פּורים איז ניט קיין יום־טוב, קדחת איז ניט קיין קרענק׳; באַסטאָמסקי גיט דאָס ווערטל אין פּוילישער רעדאַקציע. פאַרוואָס פּורים ווערט אַזוי נידעריק געשאַצט, איז ניט קלאָר; אפשר ווײַל אין דעם יום־טוב מעג מען טאָן אַלע אַרבעטן. נאָר פאַרוואָס איז קדחת ניט קיין קרענק? < niẽko netùrim ׳מיר האָבן גאָרנישט׳.

פּורשקענען — טרש, פּפּ, שוו; פּש שפּריצן, באַשפּריצן פון מויל מיט וואַסער; אויך פּורשקענען זיך < puȓkšti, פּרג. צ. puȓškė.

פּושנינע די — פּפּ, ושג; שט; שק 1) אַן אָנגעטראָגענע, אָנגעווייטע שניי־מאַסע; 2) אַ וועטער, ווען עס שנייט און עס בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט וואָס טראָגט די שניי; אַ שניי־שטורעם < pusnýnas.

פּושנע, פּוסנע די — פּפּ, טרש, שוו, שלוו, פּלנג, ושג, של; ברז, רגוו, שט, פּנוו, וולק, קוור שניי־הורבע, צונויפגעבלאָזענע שניי־מאַסע < pusnìs.

פּושנענען, פּוסנענען — פּלנג, פּפּ, טרש, ושג; פּמפּ, רגוו, שט, שר שנייען בײַ אַ גרויסן ווינט, אָנווייען, אָנטראָגן שניי < pustýti; אין יידיש איז דער t פאַרביטן אויף אַ n לויט דעם וואָרט פּושנע. דער אַקאַדעמישער ליטווישער ווערטערבוך גיט אויך אַ זעלטן וואָרט pripusnýti ׳אָנפּושנענען׳.

פּושע דער — (צוגלײַך אויך ׳סאָסנע׳) פּפּ, טרש, פּלנג, שקז; יונגע פּושאַלעך (טרש) < pušìs.

פּײַלעס, פּײַלים דער — פּפּ, טרש, שלוו, בט, ושג; פּמפּ פּעיאָראַטיוו: אַ גרויסער, ניט שיינער מעסער < peĩlis ׳מעסער׳.

פּילוועס דער — שר; פּילוואַטש — שלוו גראָב־בײַכיקער מענטש < pil̃vas ׳בויך׳. ׳פּילוואַטש׳ באַשטייט פון ליטווישן וואָרצל -pilv און סלאַווישן סופיקס -ač. וועגן -ač אין שפּעט־לשון פגל. פּרילוצקי (1924: 364 א.וו.).

פּיניג — אין קאָרטן־שפּיל ׳66׳: ווען קיין צד האָט ניט געוואונען, ניט צונויפגעקליבן 66, דעמאָלט בלײַבט דאָס געשטעלטע אין באַנק געלט, ביז עמעצער פון די קאָרטנשפּילער וועט בײַ געוויסע באַדינגונגען עס געווינען. אָט דאָס געלאָזענע אין באַנק געלט רופט מען אין יידיש ׳פּיניג׳ (של) < pinigaĩ ׳געלט׳.

פּיפּקע די — גאַנץ ליטע, עסטלאַנד ליולקע. פּיפּקע מיט מאָך — אויסגעצייכנט, זייער גוט זיך אײַנגעגעבן < pýpkė; אָבער אויך ווײַסרוסיש pipka און מזרח־פּרײַסיש pipke.

פּיפּקענען — פּפּ, שלוו, זשג, של, שט רייכערן לאָזנדיק אַ סך רויך; אַ סך רייכערן; ער פּיפּקעט די פּיפּקע < pypkiúoti.

פּיקוואָט דער — שלוו, רס פּורונקל, געשוויר < pìktvotė.

פּיקטשורנע די — פּפּ, טרש מרשעת < pikčiùrna.

פּלוקענען — פּש ברעכן (פּלאַקס) < plū̃kti.

פּליאַנט דער — שק, וולקוו, מרמפּ שאָסיי < pléntas.

פּליושקע דער, די — וזשג ניט ערנסטער מענטש, אַ לײַכטזיניקער, צעלאָזענער < pliùškis, -kė.

פּליושקענען זיך — פּפּ, טרש, שלוו, זשג, של; ברז, שט; שק פּליוסקען זיך, פּליושקען זיך < pliùškintis (אויך פּויליש pluskać).

פּלייסקע די — פּמפּ, פּנוו, רגוו, וולק; פּלאָוסקע, פּלאָיסקע — פּפּ, שלוו אַן אויסגעטריקנט שײַטל האָלץ אויף אָפּצושפּאַלטן קינעלעך (שפּענדלעך) אויף באַלײַכטונג < pliauskà ׳שײַטל׳.

פּלײַסקעס, פּלײַסקענעס מצ — פּש קאָפּשופּן < plẽiskanos.

פּליקער — ניט באַדעקטער, נאַקעטער; פּליקע קאָפּ [אָן היטל אָדער אָן האָר] פּפּ, שוו, שלוו, זשג, של (ייד. פיל. 1924: 239); פּנוו, רגוו, וולק, קוור; פּליקער וועג ווינטער דער טייל וועג, וואו דער ווינט האָט אַראָפּגעבלאָזן די שניי פּפּ, טרש, שלוו, של; פּמפּ, שט; איך וועל דיר געבן אויף פּליקן, ד.ה. איך וועל דיך שמײַסן פּפּ; אַ פּליקער חתן אַן אָרעמער חתן. < plìkas ׳נאַקעט; אָרעם׳.

פּלעפּיס דער, פּלעפּע דער, די און האַלב צערטלדיק פּלעפּקע דער, די — פּפּ, טרש, שוו, זשג פּלאַפּלער, באָלבעטון, פּלוידערער < plepỹs.

פּלעפּענען — פּפּ; שר אין שפּאַס: פּלאַפּלען, רעדן טאָפּ קאָכט, פּלעפּעט < plepéti (אויך אין ליטוויש וועגן קאָכנדיקן טאָפּ).

פּלעקשנע די — פּלנג (י. מאַרק) פלאָנדערקע, קאַמבאַלע (פיש) < plẽkšnė.

פּלעשקע די — בט שלייע (פון געשפּאַן) < plėškẽ.

פּעטשקורעס דער — פּש אויוון־הייצער < pečkurỹs.

פּעלקע די — פּפּ, טרש, שלוו, בט, של (ייד. פיל. 1924: 239: פּעלקע ׳אַ לוזשע׳) אַ זומפּ ניט דורכצוגיין, ניט דורכצופאָרן < pélkė.

פּעמענעס דער — רגוו; פּימענים — בט, שלוו פּעיאָראַטיוו: 1) פּראָסטער פּאַסטעך; 2) ניט דערצויגענער, גראָבער יונג; 3) שלוו שנעק < piemuõ, אַק. píemenį (אין ליטוויש אַלע דרײַ באַדײַטן).

פּענוקשלעס דער — וולק 1) אָפּגעקאָרמעטער חזיר; 2) גראָב־בײַכיקער, אָפּגעפרעסענער מענטש < peniùkšlis.

פּערסטעקע די — בט פיש־שטעכער, אַ לאַנגער שטעקן, וואָס צו זײַן ענד איז צוגעפעסטיקט אַ ברעטל מיט טשוועקעס, צו כאַפּן פיש אין ניט טיפן וואַסער < perstekẽ.

פּראַדאַלגע — בט מיט איין מאָל אָפּגעשניטענער פעלד־פּאַס, תבואה < pradalgẽ.

פּראָסטער — גאַנץ ליטע שלעכטער, ניט גוטער (אין קוואַליטעט). דאָס וואָרט איז אַ סלאַוויזם, אָבער אַנדערשוואו, ניט אין ליטע, ווערט עס באַנוצט אין זין ׳פּשוט, איינפאַך, געוויינלעך׳. בײַשפּילן פון באַנוץ אין ליטע: אַ פּראָסטע קאָפּ, פּראָסטע געשעפטן, פּראָסטע (שלעכטע) אַרבעט, פּראָסטע סחורה, פּראָסטע נײַעס. אונטער דער ווירקונג פון ליטווישן prãstas איז אין ליטווישן יידיש פאַרשוואונדן דער באַדײַט ׳פּשוט, געוויינלעך׳ און זיך אַנטוויקלט ׳שלעכט (אין קוואַליטעט)׳. דאָס ליטווישע וואָרט prãstas איז אויך אַ סלאַוויזם (פרענקעל 1962-1965: 645 א.וו.); ווײַסרוסיש prostyj, פּויליש prosty.

פּראַקורעס מצ — פּפּ, שוו אונטערהייצעכץ (טרוקענע שפּענדלעך און ענלעכס) < prakuraĩ.

פּריווערצענען — שלוו; וולק, שר צוניץ קומען < pravir̃sti, איצט. pravir̃čia.

פּריסטיגעט זײַן — וולק, רגוו, קוור אויספעלן; איך בין פּריסטיגעט אין געלט — איך האָב ניט גענוג געלט < pristìgti.

פֿאַרגײַשענען — זע גײַשענען.

פֿאַרגרו́בעט אַדי — סרר שטאַרק געוואָרענער, פֿאַרשטאַרט, פֿאַרגליווערט; די הענט זײַנען פֿאַרגרובעט פֿון קעלט < sugrùbęs.

פֿאַרדירזעט זײַן (אָדער ווערן) — טרש; וולק זיך באַדעקן מיט אַ פֿאַרגליווערטן, פֿאַרהאַרטעוועטן הײַטל (וועגן קאַשע, זופּ אָדער אַנדערע געקעכטס). מען זאָגט נאָך: פֿאַרפּאַסטירעט וולק, פֿאַרזילעט שט < apdiřžti.

פֿאַרפּושנענען — פּגל. פּושנענען; פֿאַרשיטן, פֿאַרווייען מיט שניי; די וועגן זײַנען פֿאַרפּושנעט < užpustýti.

פֿאַרקאַנו́יקענען — זע קנויקענען.

פֿאַרשטיפּעט, פֿאַרסטי́פּעט — זע שטיפּענען.

פֿאַרשטירעט ווערן — פּפּ, טרש, שלוו, בט שטײַף ווערן, האַרט, שטאַרק ווערן; דעם ווינטער זײַנען מיר פֿאַרשטירעט געוואָרן [אויסגעשטירעט געוואָרן] פֿון קעלט; געקאָכטע בולוועס, אַז זיי ווערן קאַלט, ווערן זיי פֿאַרפּאַסטירעט אָדער פֿאַרדירזעט (וולק) < pastìrti.

צו́גלאָידענען (זיך) — פּפּ, טרש, מזשק, שוו, בט, שלוו, ושג; פּש, קנ צוטוליען (זיך), פּריטוליען (זיך), צודריקן (זיך); ביידע קינדער זיצן צוגעגלאָידעט איינער צום אַנדערן < pri(si)glaũsti, פּרג. צ. prìglaudė.

צודרו́מסקעט אַדי — 1) ברז מוטנע, קאַלעמוטנע (וואַסער); 2) גאַנץ ליטע (וועגן אַ מענטש) פֿאַראומערט, צעטראָגן, צעטומלט (אָפּט אַ ביסל איראָניש) < sudrum̃sti 'מאַכן מוטנע'.

צוטי́זעט אַדי — פּפּ, טרש, שלוו צעקראָכענער, פֿאַרשלאָפֿענער, אָפּגעלאָזענער (מענטש) < ištìžęs.

צוקי́רפּענטן — פּגל. קירפּענען; צעשערן אויף קליינע אומנוציקע שטיקעלעך < sukir̃pti (ליטוויש ניט פּעיאָראַטיוו).

צורע́קענען — זע רעקענען. גראָב, ניט גלײַך צעשנײַדן ברויט < suriẽkti, suraikýti.

ציבעלײַ́שקע די — פּנוו, פּמפּ, פּש, סטוטשקאָוו 1950: 223 גרינע ציבעלע < cibùllaiškiai.

צעגײַשענען — זע גײַשענען.

צעדראַסקענען — זע דראַסקענען.

קאָבענע די — פּפּ, טרש, שוו (=בושאַק בט) אַ לאַנגער שטאַנג מיט אַן אײַזערנעם קרוק אויפֿן עק, אַ האָקן, למשל אַ פֿײַערלעשער־קאָבענע < kobinỹs, גען. kõbinio.

קאָגאַלוועס מצ — בט פּוסנאָגע, לעבער און קאָפּ פֿון אַ בהמה (אויף פּעטשאַ) < kógalviai; דיאַל. kógalvės (וויטקאַוסקאַס 1976).

קאַדאַגי́נעס מצ — שלוו אַזוינע נידעריקע נאָדל־ביימעלעך אָדער שטעכלדיקע קוסטעס. ערטערוויַיז אין זאַמעט רופֿט מען דעם קוסט קאַ́דעגעס. יאַלאָוועץ — можжевельник (רוסיש־יידישער ווערטערבוך 1984: 252), לאַטיינישער נאָמען juniperus. דאָס געוויקס ברענט מען מיט צוקער, עס זאָל זיך אין שטוב פֿאַרשפּרייטן אַן אָנגענעמער ריח < kadagýnas (מערערע קוסטעס), kadagỹs, גען. kãdagio.

אין זאַמעט און קורלאַנד (קלמנאָוויטש 1926: 183) רופֿט מען דאָס געוויקס אויך קאַ́דיק. דאָס וואָרט זאָל לויט קלמנאָוויטשן שטאַמען פֿון לעטיש, אָבער אין זאַמעט האָט לעטיש מסתמא ניט געקענט ווירקן אויף יידיש, חוץ דעם שטאַמט לעט. kadikis פֿון נידערדײַטש kaddik (ענדזעלין, אין מילענבאַך, II: 131 א.וו.), אַזוי אַז דאָס וואָרט האָט געקענט אַרײַן אין יידיש אָן לעטישער פֿאַרמיטלונג.

קאַודזע, קאַוזע — זע קאָיגע.

קאַופּטו́ק דער — בט מאָטיקע (אַרומהויפּונג־מכשיר) < kauptùkas.

קאַופּענען — זע קאָיפּענען.

קאָיגע די — פּפּ, ושג, של, קאַוזע — פּלנג, שקד, ושג, קוגע — בט, רס, סטוטשקאָוו 1950: 29 סטויג, סטערטע; אַ קאָיגע היי פּש < káugė, אויך kũgis 'קאָנוס; קאָנוספֿאָרמיקער סטויג'. וועגן קאַוזע פּגל. קאַודזע (קורל: ווײַנרײַך 1923: 232) < לעט. kaudze.

קאָיפּ — זע קויפּ.

קאָיפּענען, באַזונדערס באַקאָיפּענען — שלוו, טרש; באַקאַופּענען — בט; שק (=אַרומשלאָגן וולק) — אַרומהויפּן, אַרומשיטן, אַרומגראָבן. באַקויפּענען בולוועס, אוגערקעס < (ap)kaũpti.

קאָיקענען — פּפּ, טרש, שלוו, רגוו; קאַוקענען — בט (= סקאַוואַטשענען וולק, קאַוואַטשענען בט) וואָיען, הוילן; אַ הונט קאָיקעט; דער הונט האָט אָפּגעקאָיקעט אַ גאַנצע שעה < kaũkti.

קאַלאַ́לע די — פּמפּ צונעמעניש פֿון אַ יידישער פֿרוי < kalẽ 'אַ צויג, הינטיכע', kalẽlė דימינוטיוו.

קאַלבע́קענען — פּפּ, בט, שלוו, טרש, ושג, של; פּמפּ, וולק, קנ; וואַרשײַנלעך גאַנץ ליטע שוואַך קענען די שפּראַך,

ווי־ניט־איז ריידן, באַזונדערס ליטוויש. אָפּט רעפלעקטיווע פאָרמען מיט קאָנווערבן: צונויפקאַלבעקענען זיך און צוזאַמענ־קאַלבעקענען זיך ווי־ניט־איז אויפריידן, צוזאַמענריידן זיך שוואַך קענענדיק דאָס לשון < kalbéti 'ריידן', susikalbéti 'זיך צונויפריידן'.

קאַלייד דער — גאַנץ ליטע, עסטלאַנד, ווילנער אומגעגנט (זע באַסטאָמסקי 1920: 34, וואו עס איז געשריבן 'קאַלייט') דער קריסטלעכער יום־טוב ניטל. 'קאַלייד' ווערט ווײַט פון ליטע ניט באַנוצט, און ד"ר א. לאַנדוי, אַ גאַליציאַנער, רעצענזירנדיק באַסטאָמסקים בוך, בעט דערקלערן דאָס דאָזיקע וואָרט (לאַנדוי 1926: 16). סטוטשקאָוו (1950: 729) ווײַזט אָן די סינאָנימען פון דעם חגא־נאָמען: ניטל, ווײַנאַכט, בלינדע נאַכט (שפּאַניש), קריסמעס (אַמעריקע), ראָזדשעסטוואָ (רוסיש), באָזשע נאַראָדזעניע (פּויליש), קאַלייד (ליטוויש) < kalédos. דאָס ליטווישע וואָרט שטאַמט פון ווײַסרוסיש koljady (זע סקאַרדזשיוס 1931: 93, פרענקעל 1962-1965: 208). דער יידישער קאַלייד וואָלט געקענט שטאַמען דירעקט פון אַ סלאַווישער שפּראַך, ווײַל סלאַווישער ja < ייד. ei (פּגל. רייזען 1920: 62). אָבער די געאָגראַפיע פונעם וואָרט ווײַזט, אַז דאָס איז אַן אַנטלײַאונג פון ליטוויש. דאָס ווײַזט אויך סטוטשקאָווס אויסרעכענונג פון יידישע נעמען פון ניטל. אגב ווײַזט אָן מ. ווײַנרײַך (ייד. פיל. 1924: 300), אַז אין דער הײַנטצײַטיקער רוסישער, אוקראַינישער און פּוילישער שפּראַך באַדײַטן די ווערטער koljada און kolęda 'קאַלייד־לידער', נאָר אין אַלט פּויליש האָט kolęda באַדײַט דעם יום־טוב קאַלייד אָדער נײַ־יאָר.

קאַלעדאָיענען — בט, טרש, פּפּ; פּמפּ, רגוו אין פּעריאָד פאַר קאַלייד (ניטל) פאָרט דער גלח און קירך־באַדינער איבער זײַן פּאַראַפיע צו קלײַבן מתנות (פּראָדוקטן). דאָס פאָרן און קלײַבן הייסט קאַלעדאָיענען < kalėdóti, איצט. kalėdója.

קאַמפּע די — פּפּ, טרש, בט, שלוו; שט, אַנ, וולק, שר; וולקוו; ווילנע און סווינציאַן (ייד. פיל. 1924: 226 א.וו.); קאָמפּע — פּמפּ, ברז אַ דיקע, גרויסע, ניט פײַן אָפּגעשניטענע המוציא אָדער אָפּגעבראָכענע שטיק ברויט. זע נאָך גוקע, רעקע און אַנדערע סינאָנימען אין ייד. פיל (1924: 226 א.וו.) < kam̃pas 1) 'אַ ווינקל'; 2) 'אַ נאַקרײַציק ברויט'. וועגן טאַווטאָסילאַבישן am < om זע XI, 6. עס זאָל פאַרצייכנט ווערן, אַז אין פּומפּיאַן איז אין ליטוויש טאַקע נאָרמאַל דער איבערגאַנג am < om, אָבער אין בירזש איז נאָרמאַל דער איבערגאַנג am < um, אַזוי אַרום איז די יידישע קאָמפּע אַריבערגעשפּרונגען די ליטווישע דיאַלעקטאַלע גרענעצן. אויך אין זאַמעט איז מיר אויסגעקומען צו הערן קאָמפּע.

קאָמשטע די — פּפּ, זשג מיט וואָס מען פאַרשטאָפּט אַ לאָך. אין שפּאַס: אַ שטיק ברויט, אכילה (טרש, שלוו) < kam̃štis 'קאָרק'. אַז אין זשאַגער, באַזונדערס אין שידלעווע קומט אויס צו הערן אויף יידיש 'קאָמשטע' (מיט om, ניט מיט am), האָבן מיר צו טאָן מיט אַן אַריבערשפּרונג איבער די ליטווישע דיאַלעקטאַלע גרענעצן.

קאַנויקענען — זע קנויקענען.

קאַפּורע די — פּפּ, טרש, שלוו, בט; ברז, פּמפּ, וולק, שר; קעפּורע — שק; פּש אַ גרויס פּראָסט היטל, וואָס געפעלט ניט < kepùrė 'היטל'.

קאַפּע די — פּמפּ אַ קבר פון ניט קיין־יידן < kãpas 'קבר'.

קאַפּענע די, קאַפּענעס מצ — וולק; שק קריסטלעכער בית־עולם. זע נאָך קאַפּעס < kãpinės.

קאַפּעס מצ — פּפּ, טרש, שלוו, זשג; פּש, פּמפּ — קריסטלעכער בית־עולם (צוגלײַך מיט קאַפּעל — פּפּ, זשג; ברז, פּש און מאָהילניק [סלאַוו.] — בט; פּנוו, וולק) < kapaĩ 'בית־הקברות'.

קאָפּעצעס מצ — פּמפּ אַ לייטער < kópėčios.

קאַקטע די — שלוו; רגוו, פּמפּ, שר; וולק (נאָר אַלטע מענטשן) די פאָדערשטע אייבערשטע פײַער־לאָך פון אויוון. געווען אַמאָל אין ווילקאָמיר אַ ייד מיט אַ צונעמעניש שראָל די קאַקטע — ער איז געווען אַ 'פאַרשוואַרצטער ווי די פײַער־לאָך פון אויוון' < kaktà.

קאַקלענינק דער — בט אַ שטריק אָדער רימען, וואָס איין ברעג פון איר (אים) ווערט פאַרבונדן אויפן האַלדז פון פערד און דער צווייטער ברעג ווערט צוגעבונדן צום דישל פון וואָגן < kakliniñkas (פון kãklas 'האַלדז').

קאַקערינע די — שלוו אַ גרויס מויל, אַ שטאַרקער גאָרגל; עפענען אַ קאַקערינע — אָנהייבן שרײַען < kakarìnė.

קאַרטעס דער — בט גריווע (פון אַ פערד) < kar̃tis (איינצאָל, זעלטן), געוויינלעך מערצאָל kar̃čiai, פון וועלכן עס איז געוואָרן קאַרטשע.

קאַרטשע די — שק גריווע (פון אַ פערד) < kar̃čiai.

קאַרקענען — פפ, טרש, שלוו, בט, זשג; פמפ, שר קוואַקטשען, קוואָקען (פון אַ הון) < kařkti.

קאַרשענען — פפ, שלוו, בט, זשג; פמפ, ברז, פש; שק (וואָל) קעמען, גרעמפליעווען. מיט קאָנווערבן: אויסקאַרשענען אויסקעמען; איבערקאַרשענען נאָכאַמאָל קעמען (וואָל) < kařšti, iškařšti, pérkaršti.

קאַרשער דער — פפ, זשג, יגש אַרבעטער, וואָס קעמט (קאַרשעט) וואָל < karšéjas.

קאַרשערײַ די — פפ, זשג, יגש אונטערנעמונג, וואו מען קעמט (קאַרשעט) וואָל < karšyklà. דאָס יידישע וואָרט האָט אַ יידישן סופיקס.

קאַשטאַנים דער — בט אַ פערד פון קאַשטאַן־פאַרב, אַ ברוין פערד < kaštãnis.

קוגע, קוגים — זע קאָיגע.

קויפ, קייפ, באַזונדערס אין אויסדרוק מיטן קויפ (מיטן קייפ) — פפ, זשג, טרש, שלוו; ברז, רגוו, פמפ, פש, פנוו, וולק, קוור, שר, קנ; kaup — שקד, בט; שק; קורלאַנד (קלמנאָוויטש 1922: 184: געמאָסטן מיטן kaup); ווילנער אומגעגנט; kojp — באַסטאָמסקי (1920): מיט אַ קאָיפ הכרעה, עודף, איבערוואָג, (מיט אַ) שמיציק. אין אַ וויץ וועגן אַ שוואַנגערע: זי איז מיטן קויפ (שלוו). אַ קללה: געשוואָלן זאָל ער ווערן ווי אַ קויפ (פמפ) < kaũpas 'הויפן, קופע'. dúok saĩką su kaupù 'גיב די מאָס מיטן קויפ'.

קולטעווע די — פפ, טרש, שלוו, בט, פש, שוו פראַלניק (באַנוצט בײַם וואַשן וועש); אַז מען שלאָגט די ווײַב מיט־אַ קולטעווע, ווערט דערפון די גרעט ניט ווײַס (פאַרשריבן פון י. מאַרק) < kultuvẽ.

קולנע די — גאַנץ ליטע, אויך בײַ סטוטשקאָוון (1950: 590) — פיאַטע (פון פוס, פון זאָק). ווען עמעצער לויפט גיך, שרײַט מען אים אונטער אין שפאַס: שטיי! די קולנע איז פון הינטן (בט) < kulnìs, kul̃nas, פגל. לעט. kulnis, kulne.

קולנעקאַקער — פפ, זשג טויגעניכטס, לא־יוצלח, אומגעשיקטער מענטש (מיט ליימענע הענט). אַ צונויפגעזעצט וואָרט, געפורעמט לויט ליטווישן aptriestakul̃nis.

קולע[1] די — גאַנץ ליטע בינטל, קול(יע). אַ קולע שטרוי < kūlỹs. פגל. ווײַסרוסיש kulь (פון אים שטאַמט ליטווישער kūlỹs), אוקראַיניש куль (סקאַרדזשיוס 1931: 115; פרענקעל 1962-1965: 307), לעט. kulis.

קולע[2] די — פפ, שוו; קוור אַ דיקע שווערע שטיק האָלץ מיט אַ פאַרדיקונג בײַם סוף, וואָס ווערט באַנוצט בײַם האַקן האָלץ: ווען די האַק גייט אַרײַן אַ ביסל אין דעם שײַט האָלץ, דערלאַנגט מען מיט דער קולע אַ זעץ נאָך אַ זעץ אויף דער האַק, ביז דער שײַט האָלץ שפאַלט זיך דורך. אַנדערע ליטווישע יידן רופן דעם מכשיר שלאַגע (שלוו, זשג; רגוו) < kūlẽ.

קוֹמעטים דער — בט, שלוו לוין־אַרבעטער אין אַ הויף (אין אַ גוט, נחלה) < kùmetis. דאָס ליטווישע וואָרט איז פון אַלט־רוסיש къметь (סקאַרדזשיוס 1931: 113, פרענקעל 1962-1965: 309).

קומעליוֹק דער — בט, שלוו לאָשאַקל, זשערעבטשיק, קיזשיק < kumeliùkas.

קוֹמפעם דער — פש (געריייכערטע) שינקע < kum̃pis.

קופעטע די — פפ, טרש, שלוו, בט; פמפ סטויג, סטערטע; אַ קופעטע היי < kùpeta.

קופרע, קופרים דער, די — בט, שלוו; וולקוו, וורב הויקער, האָרבאַטער מענטש. צווישן ביידע וועלט מלחמות איז אין דער וואָכנשריפט וועלטשפיגל (נ. 8, ליטע) געווען אַ קעפל 'דער קופרע' < kùpris, kuprỹs.

קופצע בעקעלנע — וולק צונעמעניש פון אַ סוחר: 'סוחר אָן הויזן' < kùpčius bè kélnių; פגל. bekel̃nis 1) 'אָן הויזן'; 2) פיג. 'אַן אָרעמער, פאַראָרעמט געוואָרענער, רואינירטער'.

קורמעס דער — פש קראָט, מוילוואָרף < kùrmis.

קורענען זיך — פפ, טרש, שלוו; וולק זיך שלעכט הייצן, ניט וועלן ברענען, לאָזן רויך, למשל ווען דאָס האָלץ איז פײַכט; אין אויוון קורעט זיך < kūréntis 'זיך הייצן'. מעגלעך אויך די השפעה פון רוסישן курúться.

קורפיעס מצ — סטוטשקאָוו 1950: 590 פראָסטע, פשוטע שיך < kùrpės.

קיבים דער — טרש אַ מענטש אַ צוטשעפעניש וואָס מען קען פון אים ניט פטור ווערן < kìbis. פגל. קיבע.

קיבע די — פפ, טרש, שקד שטעכלדיקע קעפלעך פון אַ ווילדגראָז לאָפוך (Arctium). תשעה־באָב וואַרפן זיך קינדער מיט קיבעס, וואָס בלײַבן שטעקן, וואו זיי טרעפן. דאָס איז זייער אַ פאַרשפרייטער מנהג. קינדער פלעגן וואַרפן קיבעס אַפילו אויף בכבודיקע יידן אין די בערד, וואו די שטעכלקעס טשעפען זיך אַרײַן באַזונדערס שטאַרק, וויסנדיק, אַז קינדער קריגן צוליבן מנהג ניט קיין גרויסע שטראָפן. פון דערײַן שטאַמט די יידישע

באַקאַנטשאַפט מיט דעם געוויקס. אַזאַ ווילדגראָז וואָלט בכלל ניט געהאַט קיין יידישן פאָלקס־נאָמען, נאָר צוליבן מנהג האָבן יידן אין פאַרשידענע קאַנטן איין אָדער צוויי נעמען פאַר זײַנע שטעכלדיקע קעפּלעך: בערזעלע קורל (ווײַנרײַך 1923: 214), בעראַלע — שט; בואַלע — בט, פּפּ; שישקע — אַנ, שר, פּמפּ, בוזיקל — קאַמענקאַ אין אוקראַינע; אין רוסיש־יידישן ווערטערבוך (1984: 486) репейник (דאָס קעפּל): 'בודיק, בערזעלע'. דאָס וואָרט קיבע, אָפּשטאַמיק פון ליטוויש, איז ברייט באַקאַנט נאָר אין זאַמעט < kìbis, דיאַל. kìbė.

קיבענען[1] — פּפּ, טרש, בט; פּמפּ פאַרטשעפּענען, ריידן, טשעפּענען, צופּן; קיבענען אַ מיידל (בט; פּמפּ) < kìbinti.

קיבענען[2] — בט בײַם כאַפּן פיש אויף אַ ווענטקע: עס קיבעט, ד.ה. אַז דאָס שווימערל פון ווענטקע־שנור באַווענט זיך, דער פיש האָט 'אײַנגעביסן' < kìbti.

קילפּע די — פּפּ, בט, שט, רגוו שטײַג־רינג, שטײַג־רימען פאַרן פוס פון רײַטער, אַראָפּגעלאָזן פון זאָטל < kìlpa (1 'פּעטליע, שלייף'; 2) 'סטרעמען (פאַר אַ רײַטער)'.

קירפּענען — פּפּ, טרש, שלוו, שוו, בט, זשג; ברז, רגוו, פּמפּ, פּנוו, וולק, קוור; שק שלעכט, ניט שיין שערן; צעשערן אויף קליינע, ניט נוציקע שטיקלעך; זע אָפּקירפּענען, אַרומקירפּענען, צוקירפּענען < kir̃pti, ליטוויש ניט פּעיאָראַטיוו.

קירקענען — קאַזלאָווע רודע, פּאַבערזשע (נעמענטשינער ראַיאָן) רייצן < kìrkinti.

קלאָאימעס דער — פּש דרעש־טאָק, שײַער < klojìmas. זע נאָך קליימעש.

קלאַנע די — פּפּ, בט, שוו לוזשע. נאָך אַ רעגן ווערן קלאַנעס; ער האָט אָנגעגאָסן אויפן דיל אַ גאַנצע קלאַנע (זשג) < klãnas.

קלאָנעס דער — פּמפּ, פּש דרעש־טאָק, דרעש־קלוניע < klúonas.

קלומבאָקעס מצ — פּמפּ שיך מיט הילצערנע זוילן < klumbõkai.

קלומפּע די — פּפּ, טרש, שלוו, בט, זשג; פּמפּ, שט, פּש, שר; יורב; סטוטשקאָוו 1950: 168, 589 (1 אַ הילצערנער שוך; אַ שוך מיט הילצערנע זוילן; (2 פּעיאָראַטיוו: אַ פּשוטער חי־וקים, אַ מענטש פון נידעריקן יחוס, אַ דאָרפישער < klùmpė; ליטוויש נאָר דער טיף שוך.

קליונקע אַדי, די — פּפּ, טרש אַ קליונקע איי — וואָס ווען מען שאָקלט זי, טרייסלט זיך, באַווענט זיך אין איר דאָס ווײַסל מיטן געלכל < kliù(n)kis (סובסטאַנטיוו).

קליוקענען — פּמפּ (וועגן אַן איי) זײַן אַ שאָקלדיקע < kliukéti.

קלייט די — פּפּ, טרש, בט; שט, פּמפּ, שרוו; קורלאַנד (ווײַנרײַך 1923: 233) אַ שײַער אַוועקצושטעלן פאַרשידענע שטוביקע זאַכן און צו האַלטן תבואה. ווײַטער פון ליטע, אין ווײַסרוסלאַנד און אַנדערשוואו, ערטערווײַז אויך אין מזרח ליטע, באַנוצן יידן דאָס וואָרט אין זין 'אַ קראָם' < ליט. klétis, לעט. klēts, רוס. клеть, ווײַסרוס. kleta. זע פריער V, 4. פגל. ווײַנרײַך (1923: 233; ייד. פיל. 1924: 47), רייזען (1920: 62). קאַגאַראָוו אין צײַטשריפט 1928, II-III: 474 ('צו דער פראַגע וועגן דעם יידישן עטימאָלאָגישן ווערטערבוך') מיינט, אַז ליט. klétis און לעט. klēts זײַנען אָפּשטאַמיקע פון סלאַוויש; אינדעראמתן איז דאָס אַ בשותּפותדיק סלאַוויש־באַלטיש וואָרט (פגל. טרויטמאַן 1923: 136 און פרענקעל 1962-1965: 270).

קליימעש דער — אין ווילקאָמירער אומגעגנט טויק, דרעש־טאָק < klaĩmas (דיאַל.) פגל. קלאָאימעס.

קלימפּענען — בט אײַנזינקען (אין בלאָטע, אין קלעפּיקער מאַסע, אין שניי) < klim̃pti.

קליקענען — בט שרײַען, מאַכן קולות < klỹkti. פגל. נאָך רוס. кликать (טרויטמאַן 1923: 136).

קלישע — שלוו אַ צונעמעניש פון אַ הינקעדיקן < klìšas 'אַ קרומפּיסיקער'.

קלישענען — זשג, טרש קוים גיין; שלוו הינקען; איראָניש וועגן שלעכט קענען לייענען (טרש). ער האָט קוים דערקלישעט (דערהונקען) ביזן שטוב (זשג) < klišúoti, klišénti.

קלעבע די — פּפּ, טרש, שוו; קולדיגאַ (קורל.: קלמנאָוויטש 1926: 175); גלעבע — שלוו, בט, זשג; ברז, שט, פּמפּ, אַנ, שר; שק; יאַוניעלגאַוואַ (קורל.: קלמנאָוויטש 1926: 175, הערה 2), סטוטשקאָוו, 1950: 47 — וויפל מען קען אַרומנעמען, אַרומכאַפּן מיט ביידע אויסגעשטרעקטע הענט; אַ קלעבע (גלעבע) האָלץ אַ באַרעם האָלץ. אַ גלעבע שטרוי פולע אָרעמס שטרוי; צונויפגענומען אין איין גלעבע די ציג און די קרויט (י. מאַרק); ער איז מיר אַרײַנגעפאַלן אין קלעבע אין די אויסגעשטרעקטע אָרעמס, איך האָב אים אַרומגענומען מיט ביידע הענט < glėbỹs, דיאַל. (זשעמײַטיש) klėbỹs

(וויטקאַוסקאַס 1976: 140), לעט. klēpis.

קלעגע דער, די — פּמפּ אַ טומלער(קע), אַ שרײַער(קע), אַ הויכריידער(קע) < klẽgis ,-gė.

קלעגענען — פּמפּ טומלען, פאַרטומלען דעם קאָפּ, גרילצן אין די אויערן < klegéti.

קנאָלעם — זע אוקנאָלעם.

קנאַרקענען — פּפּ, בט אין שפּעט־לשון: כראָפּען. גלײַכצײַטיק ווערט באַנוצט אָן שפּעט־ניואַנס דאָס אָפּשטאַמיקע פון סלאַוויש וואָרט 'כראָפּענען' < knaȓkti.

קנויקענען — פּפּ, טר, בט, זשג; קאַנויקענען — שלוו; פּמפּ, שט, שר; י. מאַרק; סטוטשקאָוו 1950: 249 (וועגן אַ קאַץ) מיאַוקען, מיאַוען, ניאַווקען; (וועגן אַ הונט) סקאַוואוטשען; (וועגן אַ מענטש) קלאָגן, וויינען אַזוי ווי אַ הונט אויף דער לבנה. מיט קאָנווערבן: אָפּק(אַ)נויקענען, פאַרק(אַ)נויקענען; די קאַץ האָט אָפּגעקנויקעט די גאַנצע נאַכט; ער האָט מיר פאַרקאַנויקעט די קאָפּ; אַ הונט, וואָס בילט, קריגט אַ שטיין און וואָס קאַנויקעט קריגט אַ ביין (י. מאַרק). די ווײַב אויקעט און דער הונט קאַנויקעט, די קינד בליפּעט און דער דלות סקריפּעט (י. מאַרק). < kniaũkti (וועגן אַ קאַץ און פיג.).

קניבזשדענען — פּמפּ ווימלען, שוויבלען (און גריבלען) < knibždéti.

קניבאָן דער — רגוו אַ מענטש, וואָס פּאָרקעט זיך לאַנג מיט דער...אַרבעט < knìbčius, נאָר פאַרביטן דעם סופיקס -čius אויף דעם סופיקס -un פון סלאַווישן אָפּשטאַם (זע פרילוצקי 1924: 366 א.וו.).

קניבענען זיך — פּפּ, טרש, של, זשג; רגוו פּאָרקען זיך, באָברען זיך, קאַלופּען זיך, פּאַמעלעך (אָן חשק) זיך פאַרנעמען מיט קליינע אַרבעט < knibinéti (פּגל. ווײַנרײַך 1923: 233; לאַנדוי, ייד. פיל. 1924: 60 — דײַטשישע אַנאַלאָגן); לעט. knibēt און knibinā̃t(ies).

קניסע דער, די — פּפּ, טרש, שלוו, בט, זשג; פּמפּ, וולק אַ מענטש, וואָס גראָבט זיך, ראָיעט זיך אין יעדער זאַך, וואָס גריבלט זיך. אין גאַנץ ליטע נוצט מען אין דעם זעלביקן באַדײַט קנור, קנורע < knìsius.

קניסענען — פּפּ, טרש, שלוו, שוו, בט, זשג, של; ברז, פּמפּ, פּש, וולק, קווה; שק מיטן שנוק גראָבן (וועגן אַ חזיר); פּעיאָראַטיוו (וועגן אַ מענטש): גראָבן, אַלץ איבערקערן, איבערנישטערן; קניסענען זיך זיך גראָבן, זיך ראָיען, נישטערן. מיט קאָנווערבן: צוקניסענען צעגראָבן, אַלץ איבערקערן, צעוואַרפן; דורכקניסענען דורכגראָבן, איבערנישטערן; אויסקניסענען אַרויסגראָבן, צעגראָבן, צעוואַרפן < išknìsti, knìsti(s).

קעלמע די — פּפּ, טרש; פּמפּ קאָרטש, פּניאָק (וואָס בלײַבט נאָכן אַראָפּהאַקן אַ בוים) < kélmas.

קעקסע[1] די — פּפּ, שוו, זשג אַ לאַנגער שטאַנג מיט אַ קרוק (האָק) אויפן ענד אויף צו ציען (למשל אײַז־קריעס), שלעפּן אָדער צענעמען, צעוואַרפן (למשל אַ וואַנט בשעת אַ שריפה) < kẽkšė, kẽkšis.

קעקסע[2] די — בט פּראָסטיטוטקע < kẽkšė.

קערדז — זע סקערדז.

קערע די — פּפּ, בט, שלוו אַ 'קוסט' בולבעס < kẽras.

קראָווענען פּפּ אַ סך אָנלייגן, אָנלאָדן; פּמפּ בויען אַ נעסט (וועגן אַ פויגל) < kráuti, פּרג. צ. króvė, מערמאָליק krovinéti.

קראַטענע די — פּפּ, טרש, בט, שלוו אַ געמיש פון שטרוי און היי (צו פיטערן בהמות); קראַטענעס דער — פּמפּ 1) דאָס זעלביקע וואָס 'קראַטענע'; 2) בכלל שלעכטע שפּײַז; ער שטייט אויף קראַטענעס, ד.ה. דער מענטש האָט שלעכטע באַשפּײַזונג, פאַרדינט ווייניק; פאַרקערט: ער שטייט אויף דאָבאַלעס (קלעווער, קאָנעטשינע), ד.ה. ער לעבט גוט, האָט גוטע פּרנסה < kratinỹs.

קראַטענען — פּמפּ; פּפּ טרייסלען, שאָקלען < kratýti.

קראָיסטע די — של דאָס אַריבערפּעקלען, אַריבערפירן; וויפל ט'איר נעמען פאַר די קראָיסטע? — (אַ פראַגע צום בעל־עגלה) < פון ווערב kráustyti 'איבערפּעקלען'.

קראָיסטענען (זיך), באַזונדער אָפט די רעפלעקסיווע פאָרם פּפּ, טרש, שלוו, שוו, זשג; ברז, פּמפּ, שט, רגוו; קראַוסטענען בט; שק; קראָיסקענען קנ, וולק, וורב, וולקוו אַריבערפּעקלען (זיך), בײַטן די דירה. מיט קאָנווערבן: אַרײַנקראָיסטענען זיך זיך אַרײַנפּעקלען, אַריבערפאָרן מיט אַלע בעבעכעס אין אַ נײַער דירה; אַריבערקראָיסטענען זיך; אַרויסקרויסטענען זיך אַרויספאָרן מיט אַלע פּעקלעך אין אַ נײַער דירה. אין א.־ש. זאַקסעס בוך (זאַקס 1917) וועגן אַמאָליקן ז(ש)אַגער איז דאָ אַ זאַץ: דעם רבינס קראָיסטענען זיך איז געווען אַ גרויסע פּאַסירונג אין אונדזער קינדיש וועלט < kráustytis.

קראַנט דער — בט, שלוו, פּעטראַשון (לעבן קאָוונע) ברעג פון אַ טײַך. ווען קינדער שפּילן זיך מיט נים און מען דאַרף אַרײַנטרײַבן דעם נום אין אַ גריבעלע, אָבער דער נוס נאָכן שטופּ בלײַבט שטיין אויפן ברעג פון גריבעלע, רופן די קינדער אַזאַ לאַגע 'קראַנט'; ווער עס האָט געמאַכט קראַנט, דער האָט נאָך ניט פאַרשפּילט (שלוו) < krañtas 'ברעג פון טײַך'.

קראָסנע דער — פּפּ, טרש, שלוו; רגוו, דוקשט (איגנאַלינער ראַיאָן) אַ שטיינער=אויוון אין באָד, וואָס אויף אים גיסט מען וואַסער, עס זאָל גיין פּאַרע. וועגן אַ גרויסן טרינקער, שיכור זאָגט מען: ער גיסט ווי אויף אַ קראָסנע < krósnis אין ליטוויש איצט יעדער אויוון, דיאַל. אין זאַמעט krósnė (וויטקאַוסקאַס 1976).

קראַפּשקענען, סקראַפּשקענען, שקראַפּשקענען — מיט קאָנווערבן פאַרשפּרייט אין גאַנץ ליטע, ערטערווײַז (למשל פּש) אויך קראַפּשטענען. אין דעם יידישן וואָרט האָבן זיך פאַראייניקט צוויי ליטווישע skrebéti (skrebždéti) און krapš- týti (1 סקראָבען, קראַצן; אַ מויז סקראַפּשקעט זיך אונטער די דילן (פּפּ, שלוו, ושג), < krebždéti און דיאַל. skrebždéti; 2) אַרויססקראַפּשקענען — אַרויססקראָבען; דער אַלטער האָט אַרויסגעסקראַפּשקעט די לעצטע ביסל געלט (פּפּ, בט, ושג, שט; פּמפּ, שר) < iškrapštýti; 3) צוזאַמעסקראַפּשקענען — צונויפסקראָבען (פּפּ, ושג; שק) (למשל אַ פּאָר רובל) < sukrapštýti. אין יידישן ווערב איז דער t (און d) פאַרביטן אויף אַ k, זע אויבן IX, ג4. וואַריאַציעס וואָרט=אין געפינען מיר אויך אין ליטוויש: אַחוץ ליטעראַרישן krebždéti איז פאַרצייכנט דיאַלעקטיש skrebždéti; אַנדערע בײַשפּילן גיט זינקיאַוויטשיוס (1966: 190). אגב איז דאָ אין לעטיש נאָך אַ נענטערע פאָרם skrapš- kināt(ies) (וועגן מײַז), אָבער אין קורלענדער יידיש (זע קלמנאָוויטש 1926: 187) זאָגט מען ניט סקראַפּשקענען, נאָר שקראָבען פון פּויליש skrobać (טרויטמאַן 1923: 267).

קרואווע די — פּפּ, טרש, שלוו, בט, שוו, ושג, של; פּמפּ, שט, פּש, רגוו, וולק, שר הויפן, קופּע. אין אַ. איינהאָרנס איבערזעצונג (פּראַגס 1918) איז דאָ אַ קרואווע מיסט < krūvà.

קרומעס מצ — בט; פּש קוסטעס < krūmai.

קרופּיס דער — פּפּ, ושג אַ זידלוואָרט < krùpis 'זשאַבע; זידלוואָרט'.

קרושענ'נע די — פּפּ אַ געדראַנג, שטופּעניש. אַ יידישער דעריוואַט פון קרושענען (זיך) (ליט. krùšti) מיטן סופיקס -inė פון סלאַווישן אָדער ליטווישן אָפּשטאַם, פּגל. פּרילוצקי (1924: 366). ענלעך ליט. krušelỹnė.

קרושענען — פּפּ, טרש, שלוו, ושג (אָנ)שטאָפּן, אָנפּראָפּן, אָנפּאַקעווען, אָנפּרעסן (מיט שוועריקײַטן אָדער אָן סדר). קרושענען זיך זיך שטופּן אין אַ געדראַנג, אין אַ שטופּעניש. מיט קאָנווערבן: אַרײַנקרושענען אַרײַנשטאָפּן, מיט כח אַרײַנפּרעסן, אַרײַנפּאַקן; אַרונטערקרושענען — אַרונטערשטופּן, אַרײַנשטופּן אונטער וואָס=ניט=איז; צוזאַמענקרושענען — צונויפּפּרעסן; אָנקרושענען — אָנשטאָפּן, אָנפּראָפּן, פול אָנפּאַקן < krùšti '1) שטויסן; 2) שטאָפּן'. krùštis (רעפלעקסיוו) 'זיך שטופּן אין אַ געדראַנג'.

קרײַטעס דער — שט; פּפּ, טרש; קרײַטע די — בט. קרייצעס — פּמפּ, פּיוו דער אויסשטײַער פון אַ ליטווישער כלה. ווען אַ מענטש קומט מיט אַ סך פּעקלעך, זאָגט מען (טרש): ער איז געקומען מיטן גאַנצן קרײַטעס < kraĩtis.

קרייקע די — פּפּ, בט, טרש שטרוי=אויסבעט (פאַר בהמות) < kreĩkas.

קרייקענען, באַזונדערס אונטערקרייקענען — זאַמעט אויסשפּרייטן, אויסבעטן שטרוי, היי אין שטאַל, עס זאָל ניט זײַן נאַס; מען דאַרף אונטער=קרייקענען די קו < (pa)kreĩkti.

קרימסקענען — רגוו, שט גריזשען, בײַסן (האַרטע, זיך ברעקלענדיקע שפּײַז); קרימסקענען — מצה, מערלעך < krim̃sti. וועגן דעם אַרײַנגעשטעלטן k אין יידישן וואָרט זע IX, ג4.

קריפּעס מצ — בט (= 'דראַבענעס' פּנוו, שט) לייטער=וואָגן < krìpės (פון דײַטש Krippe).

קרעקענע די — פּפּ, טרש, שלוו, בט; שט, ברז, שר, פּש; קרעקענעס מצ — רגוו, וולק; וולקוו ערשטע מילך (נאָכן קעלבן זיך) < krekenà און מצ. krẽkenos.

ראַגײַשע די — פּפּ, שלוו; פּש, רגוו; ראַגיישע — פּנוו, פּמפּ אַ ווייצענע באָנדע פון גראָב געמאָלענע מעל < ragaĩšis.

ראַגענע דער — פּפּ, טרש, בט, שוו, שלוו, ושג, של; רגוו, שט, פּש, פּנוו, וולק, שר; וולקוו אַ בייזע פרוי < rãgana (1 'מכשפה'; 2) 'בייזע פרוי'.

**ראַזשעם, ראַדזים, ראַדזעם** דער — פפ, טרש, שלוו, שוו; פמפ, רגוו, שט, וולק, קוור אַן אָפּגעריבענער בעזעם פון ריטלעך < rãžas, rãžis.

**ראַטלינקע** די — פמפ אָבאָד, רייף פון ראָד < rãtlankis.

**ראָיגע** די — פפ ראָשטשינע (זויערטייג). זאַמעטער נוצן אויך דאָס וואָרט ראָשטשינע < ráugas.

**ראָיסט** דער — שט, קנ; **ראָיסטעם** — וולק; **רײַסטעם** — אוט 1) נאַסער, זומפּיקער וואַלד, וועלדל; 2) ראָיסט ווילק אומאָרדענונג, אָנגעוואָרפענע אָן אַ סדר זאַכן < raĩstas 1) 'זומפּיקער וואַלד'; 2) אַ פאַרוואַלגערט אָרט וואָס איז אָנגעוואָרפן מיט זאַכן.

**ראַמוֹלקע** די — פפ, טרש, שלוו, בט; **ראַמוֹנקע** — שר ראָמאַשקע < ramùnė; דיאַל. ramùlė. זע למשל דעם ווערטערבוך פון אַ זשעמײַטישן (זאַמעטער) אונטערדיאַלעקט פון וויטקאַוסקאַס (1976). אויף יידיש איז אין נאָמען פון בלימל דאָ אַ l נאָר אין זאַמעט.

**ראָשענען זיך** — פמפ טאָן שטוביקע אַרבעט, זיך אַרומטאָן אין שטוב און אַרום שטוב < ruõštis.

**רודבאַרזדים** — פמפ; בט אַ צונעמעניש פון אַ מענטש מיט אַ רויטן, ברוינעם באָרד < rudbar̃zdis.

**רוֹדענים** דער — פמפ; בט, שלוו; **רוֹדענע** די — פש האַרבסט. גלײַכצײַטיק זאָגט גאַנץ ליטע הערבסט < ruduõ, אַק. rùdenį.

**רוֹפּענען** — גאַנץ ליטע; אָשמיאַן (פיל. שר. I 314), גראָדנע (ד. לייבל גיט אין 1926: 75 גראָדנער פאָרם: 'רופּענען זיך'), קורל. (ווײַנרײַך 1923: 235 מיט ריכטיקע אָנ־ווײַזונגען אויף די ליטווישע און לעטישע אַנטשפּרעכונגען), עסטלאַנד (אַריסטע 1970: 'רופּענען זיך'): דאָס רופּעט מיר, ד.ה. דאָס קימערט מיר, וועגן דעם דאגה איך (בין איך באַזאָרגט). דאָס וואָרט קען זײַן אָפּשטאַמיק פון ליטוויש און לעטיש, קען אָבער ערגעצוואו האָבן אויך סלאַווישע וואָרצלען. ליט. rūpéti; לעט. rūpēt; אָבער אויך פּויליש rupić się 'זיך קימערן, זאָרגן', רוסיש (דיאַל.) ру́питься, ру́пить 'זײַן באַזאָרגט, מורא האָבן' (טרויטמאַן 1923: 240).

**רוֹקשטענעס** מצ — פפ, זשג, טרש, שוו שטשאַוו, דאָס געוויקס, וואָס פון אים קאָכט מען שטשאַווי < rūgštỹnės און (דיאַל.) rũgštynės.

**רושעם** דער — פפ, טרש, שלוו, בט; פמפ (= 'קאָפּצעס' פנוו, שר, 'קאָפּעץ' שט) אַ גרוב, וואו מען לייגט בולבעס אויף ווינטער < rūsỹs.

**רעזשים** דער, **רעזשע** די — פפ, שלוו, בט אַ פּאַס (שטרײַף) ערד < rẽžis.

**רענטענעס** דער — טרש, שלוו, בט דער הילצערנער אויפשטעל פונעם ברונעם, צעברענע, צעמברינע < rentinỹs.

**רעקע** די — פפ, שוו, בט; שט, רגוו, קוור, שר אַ דיקע, גרויסע, ניט פײַן אָפּגעשניטענע אָדער אָפּגעבראָכענע שטיק ברויט. אין דער רשימה פון ווערטער, וואָס באַדײַטן דעם באַגריף (עלף סינאָנימען), האָט מ. ווײַנרײַך (ייד. פיל. 1924: 226 א.וו.) רעקע ניט אַרײַנגענומען, אין ווילנער געגנט האָט ער אַזאַ וואָרט ניט געפונען; דאָס איז גענומען פון זאַמעט און מזרח ליטע (מזרח אַוקשטײַטן) < riekė̃ 'אַ פײַן אָפּגעשניטענע המוצא'.

**רעקענען** — פפ, שוו, שלוו; רגוו, קוור ניט גלײַך, ניט פײַן, דיק שנײַדן ברויט; אַז מען רעקעט ברויט, רופט מען די נויט (פאַרשריבן פון י. מאַרק) < riẽkti 'שנײַדן ברויט'.

**שאַוליסט** — גאַנץ ליטע אַ מיטגליד פון šaulių̃ są́junga ('שיסער־פאַרבאַנד'). אַ נײַ וואָרט, וואָס איז אַרײַן אין ליטווישן יידיש נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה. אין דעם פּעריאָד צווישן ביידע וועלט מלחמות איז דאָס וואָרט געווען באַנוצט אין אַלע יידישע צײַטונגען אין ליטע. די יידן, וואָס דער דיפטאָנג au איז זיי פרעמד, פלעגן זאָגן שאָיליסט < šaulỹs, אייגנטלעך: 'אַ שיסער' אַ מיטגלידער פון šaulių̃ są́junga. אין יידיש פאָלקס־עטימאָלאָגיש געמאַכט מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן סופיקס -ist (פגל. טוריסט, דאַנטיסט), איז געוואָרן שאַוליסט.

**שאַטרעס** מצ — בט פאַרדאַרטע צווײַגן צו הייצן < šãtrai.

**שאַלטענאָסעס** מצ — פפ, שלוו, טרש, בט, זשג, רס, של; ברז, פמפ, רגוו, פש, שט, וולק, אנ; שק, וולקוו; קורל. (קלמנאָוויטש 1926: 986) וואַרעניקעס מיט צוואָרעך. טראַדיציאָנעלע יידישע אכילה אויף שבועות < šaltanõsiai.

**שאַלעמוֹקשנעס** מצ — זשג, שלוו, בט; ברז, פש, פמפ, וולק; קנ, שק; **שאַלעמוֹקשטענעס** פפ, טרש; **שאַלעמוקצעס** — קנ; **שאַרעמוקצעס** — שט; **שאַלאַמוקסענע(ס)** — סטוטשקאָוו 1950: 226 ראַבינע, ראַבענעס (יאַגדעס). **שאַלאַמוקסנע־בוים** — סטוטשקאָוו 1950: 216. אין ווילקאָמיר עפּטער 'ראַבענעס' (יאַגדעס). מיט די רויטע

שאַלעמוקשנע=יאַגדעס פלעגן יידן פאַרן יום=טוב סוכות באַפּוצן די סוכה. קלמנאָוויטש (1926: 184) ביים וואָרט קוויטשן האָט שוין אָנגעוויזן, אַז זאַמעטער יידן רופן ראַבענעס שאַלאַמוקסנעס, אָבער פאַרשידענע וואַריאַציעס פון דעם וואָרט זיינען פאַרשפּרייט אין ליטע, ניט נאָר אין זאַמעט < šermùkšnis (קוסט, בוים), מצ šermùkšniai (יאַגדעס).

שאַקאַלע די (מצ -לעך) — גאַנץ ליטע, אויך סטוטשקאָוו 1950: 27 אַ שפּענדל, אַ שפּאָן. דאָס וואָרט האָט עטלעכע סינאָנימען: סקאַלקע; קינאַלע פּפּ, ושג, של, ברז; באַלאָנקע וולק — זע באַלאַנע. דאָס וואָרט שאַקאַלע (שאַקעלע) האָט זיך אינגאַנצן איינגעבירגערט; דער דימינוטיוו ווערט געבילדעט אַרויסוואַרפנדיק דעם צווייטן 'אַ': שאַקלקע (פגל. מיידאַלע — מיידלקע) פּפּ, טרש; מאָגער ווי אַ שאַקאַלע — ושג; שק; אַ שאַקאַלע אַ שילער, ד.ה. אַ שלעכטער תלמיד, וואָס לערנט זיך שלעכט, פון וועמען דו וועסט גאָרנישט ניט אַרויסקוועטשן; הענגען די שאַקאַלע, אַ צונאָמען פון אַ מאָגערן, אויסגעדאַרטן יידן אין ווילקאָמיר < šakalỹs, גען. šãkalio.

שאַקע[1] די — בט, פּפּ, טרש, ברז; שק; שאַקעס מצ — פּמפּ, רגוו, פּש ווי(ד)לע, מיסט=גאָפּל, היי=גאָפּל < šãkė(s).

שאַקע[2] די — בט, שלוו, טרש; פּמפּ אָפּגעבראָכענער, אָפּגעהאַקטער צווייג; שאַקעס מצ — פאַרדאַרטע צווייגן, כראָסט, כוואָראָסט < šakà; מצ šãkos.

שאַרטים דער — בט רויטלעך ברוינער פערד < sártis.

שווייסטענען — פּמפּ שייערן, דורך רייבן רייניקן, מאַכן עס זאָל גלאַנצן < šveĩsti.

שווילפּיקעס מצ — רגוו, שט אַזאַ אכילה: מעל=קניידלעך, בולבע=קניידלעך < švilpìkai.

שוויענטע — זע סווענטע.

שוויענטענען — זע סווענטענען.

שווירטים — זע סווירטים.

שוטענען — פּפּ, ושג, טרש, בט, שלוו, שוו, שט, של; פּמפּ, רגוו, פּש, קוור; עסטלאַנד קאָכן אין אַ פאַרמאַכטן טאָפּ; פיג. (וועגן דער זון) באַקן, ברענען, סמאַליען; געשוטעטע בולוועס; פלייש איז געשוטעט (עסטלאַנד); היינט שוטעט אין דרויסן — עס איז זייער הייס, די זון ברענט < šùtinti.

שולע די — סולע.

שוֹנעוואָט דער — וולק; שונוואָט — וורב; שומאָוואָט — אין קאָוונער אומגעגנט (ליוושינאַס 1929); שומוואָטע — ווילנע (ליוושינאַס 1929) בייזוויליקער געשוויר, פורונקל < šùnvotė.

שוֹנקעלע די — פּמפּ שלעכטער, שמאָלער וועג, שטעג, וואַלד=וועג, פעלד=וועג < šùnkelis.

שוקשלעס מצ — ושג, שלוו, פּש (אויך שליוקשלעס — ושג) מיסט, אָפּפאַל (אויך פיג.) < šiùkšlės.

שורפּע די — פּפּ, שט; וולק אַ הון מיט אויפגעשויבערטע פעדערן. ווען אַ מענטש גייט אַרום מיט אויפגעשויבערטע האָר, פלעגט מען זאָגן אין פּיוואָניע (איצט אַ טייל פון ווילקאָמיר): ער גייט אַרום ווי אַ שורפּע < šiùrpė (אַ הון), šiùrpa (אַ מענטש).

שורפּעדיקער — פּפּ, טרש, ושג; שר, פּמפּ (שאָרסטיק שלוו, שט; קנ; שאָרשעדיק וולק) — שאָרסטיק, ניט גלאַט (באַזונדערס וועגן הויט) < šiur̃pti 'ווערן שאָרסטיק (וועגן הויט)'.

שושקע דער, די — פּפּ, טרש 1) אָרעמאַן, יורד, אַ מענטש פון נידעריקן שטאַנד; 2) בט אַ זידלוואָרט. שושקע=פּליושקע — ושג ניט קיין ערנסטער מענטש, וואָס מען קען זיך אויף אים ניט פאַרלאָזן; אַ מענטש פון נידעריקן שטאַנד < sùskis 'אָרעמאַן, אביון, קבצן, געמיינער מאַן', pliùškis 'לייכטזיניקער מענטש'.

שטאָגענע די — פלנג איבערדאַך (פאַר שטרוי, היי) < stóginė.

שטאַצער (סטאַטשער) — פּפּ, שוו, טרש, ושג; פּמפּ, פּש; אויך סטאַטער — בט, טרש; שטאַציקער — אומעטום וואו שטאַצער, באַזונדערס פּרעדיקאַטיוו; דער באַרג איז שטאַציק (אַטריבוטיוו עפּטער שטאַצער) — משופּע, משופּעדיק. מער וועגן דעם וואָרט זע לעמכען 1931. < stãčias, statùs.

שטיפּענען, סטיפּענען — פּפּ, ושג, טרש, בט, שלוו; ברז, פּנוו, רגוו, פּמפּ, אנ, קוור; שק; קורלאַנד (וויינרייך 1923: 237) שטאַרק פרירן (אין קעלט); פאַרשטיפּעט ווערן פאַרפראָרן ווערן. דאָס איז אַ מין אינטענסיוואום צום ווערב פרירן (אַזאַ אינטענסיוואום איז אויך פאַרקאַליעט ווערן — שלוו, פּפּ; שק; וולק פאַרקאַלייעט ווערן — וולק, רגוו) < (su)stìpti 'שטייף ווערן; פאַרפראָרן ווערן, פרירן'. לעטיש stipt 'שטייף ווערן' (טרויטמאַן 1923: 287; פרענקעל 1962–1965: 908). לאַנדוים (1926) פּרואוו צו זוכן דעם אָפּשטאַם פון

שטיפּענען אין סלאַווישע שפּראַכן (פּויליש szczypać, רוסיש щипать) איז ניט נייטיק.

שטירענען, סטירענען, אָפּט פאַרשטירעט ווערן — פּפּ, טרש, שלוו, בט — ווערן שטײַף, פאַר־גליווערט, פאַרשטאַרט; ווערן פאַרפראָרן; דעם ווינטער זײַנען מיר אויסגעשטירעט געוואָרן (פּפּ); געקאָכטע בולועס, ווען עס ווערט קאַלט, ווערט עס פאַרפאַסטירעט אָדער פאַרדירוזעט (וולק) < stìrti.

שטיש אינטעריעקציע — פּפּ, זשג, טרש; שטאָיש — שלוו; שטייש — וולק אָפּצושרעקן, צו טרײַבן הינער < štìš.

שיטע די — בט שטריקל, שטריק אָנצובינדן אַ בהמה < siẽtas; ie > i ליטוויש דיאַל.

שײַטע די — פּפּ שטריקל, שטריק אָנצובינדן אַ בהמה < saĩtas.

שיימינע די — בט, טרש, שוו, פּפּ פעיאָראַטיוו: משפחה, 'שלאַמפּאָכע' < šeimýna.

שימטעקאָיע די — פּפּ, שלוו, טרש, בט; שר (אין שר אויך פאַרקריפּלט שווינטעקאָיע) — אַ לעבעדיקע באַשעפעניש, אַ ביסל ענלעך אויף אַ שפּין, 'טויזנטפיסלער' < šimtakõjis, דיאַל. šimtakõjė. אינטערעסאַנט, אַז אין ליטוויש אין פינקטלעכער איבערזעצונג הייסט ער 'הונדערטפיסלער', אין דײַטש און רוסיש אין איבערזעצונג 'טויזנטפיסלער' (דײַטש Tausendfuß, רוסיש тысяченожка).

שירווים דער — בט שימל, אַזאַ גרוי פערד < šìrvis.

שירשע די — פּפּ, בט, קלמ; יורב וועספּ, אָסע; אויך שירשעלים — שלוו < šìršuolis, šìršė.

שלאָיזענען — פּפּ, שלוו; פּמפּ; פּילוו קריכן (אויף אַלע פיר), פויזען, אַרומפויזען < šliaũžti.

של(י)ורע די (פיג. אויך דער) — פּפּ, טרש, זשג, שלוו, בט, של; רגוו, פּש, פּמפּ, שט, ברז, קוור; שק; קורלאַנד (ווײַנרײַך 1923: 238 א.וו.), עסטלאַנד (אַריסטע 1970), סטוטשקאָוו (1950: 590) אַן אָפּגעטראָגענער שוך; אַ צו גרויסער שוך; פיג. אַן אָפּגעלאָזענער מענטש; ווער עס טראָגט צעריסענע, שמוציקע בגדים; אַ געמיינער מענטש. ווען אַ מענטש בײַט אויס אַ ניט גוטע זאַך אָדער אַ ניט גוטן אַרבעטער אויף אַן אַנדערן און עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז די אַנדערע זאַך אָדער דער אַנדערער אַרבעטער זײַנען אויך פּראָסטע, זאָגט מען: אויסגעביטן אַ שליורע אויף אַ לאַפּטשע (פּפּ, בט; פּמפּ, שט). אַ גרויסער פאַנטאָפל איז אַ שלורע (עסטלאַנד ניט פּאַלאַטאַליזירטער l) < šliùrė; לעט. šļura. האָט גאָר אַן אַנדער באַדײַט Unordentliche Frau, דיאַל. דײַטש Schlure '(אָפּגעטראָגענער) שטעקשוך, פאַנטאָפל, שטוביקער שוך'. של(י)ורע קען, לויט פּ. אַריסטע (1970), שטאַמען פון באַלטישן דײַטש. פרענקעל (1962-1965: 1007) ווײַזט אָן דעם אָפּשטאַם פון ליטווישן šliurė פון 'מזרח־פּרײַסישן šlore'. אין יידיש קען דאָס וואָרט זײַן געקומען פון דײַטש און אונטערגעשפּאַרט פון ליטוויש. פגל. שלורענען.

שלורענען — פּפּ, בט; פּמפּ, שר, וולק; עסטלאַנד (אַריסטע 1970) אַרומגיין אין שטעקשיך, שטוביקע פאַנטאָפל; אַרומגיין מיט צו גרויסע שיך, וואָס שלעפּן זיך אויפן דיל; אַז מען שלעפּט די שיך, זאָגט מען: וואָס שלורעסטו? (עסטלאַנד) < šliùrinti 'גיין אין שטוביקע שטעקשיך; אַרומגיין שלעפּנדיק די פיס, שאַרנדיק מיט די פיס', šliurinéti 'גיין קוים שלעפּנדיק די פיס' (וויטקאַוסקאַס 1976), נידערדײַטש schlurren 'אַרומגיין שאַרנדיק מיט די פיס'. פגל. של(י)ורע.

שליורקע די — פּפּ, זשג, טרש, של שטוביקער פאַנטאָפל, שטעקשוך. דימינוטיוו פון שליורע.

שלײַטע די — בט אַ באַוואַקסענער (משופּעדיקער) ברעג פון טײַך < šlaĩtas 'שיפּוע, באַרג־אַראָפּ'.

שלײַע די — פּפּ, טרש, שלוו, של (זע ייד. פיל. 1924: 239), זשג, שוו, בט; רגוו, שט, שר ברייטער, טיפער, גרויסער שליטן < šlãjos.

שלײַקע די — דימינוטיוו צו שלײַע. קליינער, שיינער, 'אויסגעפּוצטער' שליטן < šlajùkai (וויטקאַוס־קאַס 1976: 374).

שמאַגענעס מצ — אין אויסדרוק: עס מישט זיך דיר די שמאַגענעס, ד.ה. עס מישט זיך דיר אין מח — פּפּ, טרש, שלוו, זשג; של (ייד. פיל. 1924: 239) < smẽgenys, דיאַל. smãgenys (וויטקאַוסקאַס 1976) 'מאַרך'.

שמורגע, סמורגע דער, די — זשג; שמורגים — בט; סמורגלע — פּפּ, טרש ניט ריינער, שמוציקער פּנים; אַ מענטש מיט אַ שמוציקן פּנים, אַ שמוץ < דיאַל. smùrgas 'סמאַרק, סמאָרקעכץ', smurglỹs 'סמאָרקאַטש'.

שמילקענען — זע סמילקענען.

שמילגעס מצ — בגמל אַזאַ הויכע גראָז (Agrostis) < smìlgos.

שנאָיד(ז)ענען — זע סנאָיד(ז)ענען.

שנאַרגלע, שנאַרגלים, שנורגלע — זע סנערגלעס.

שנוק — סנוקע.

שעָטענע — זע סעטענע.

שעמאַרגע די — בט, טרש אַש־גראָע, בלוי־גראָע געפלעקטע בהמה, קו < šėmmařgė.

שעמע די — בט; פופס 1969 (אַ נאָמען פון אַ קו) אַש־גראָע, בלוי־גראָע (וועגן אַ בהמה) < šémas, -mà.

שעסקע, שעָשקע די — גאַנץ ליטע, עסטלאַנד, סטוטשקאָוו 1950: 202 טכויר (אַ חיהלע; די פעל) < šẽškas; לעט. sesks.

שעסקענער — גאַנץ ליטע, עסטלאַנד טכוירענער, פון טכויר־פעל (שעשקע־פעל) געמאַכט; אַ שעסקענער פעלץ < šeškìnis.

שעקע די — בט פריש געשניטענע גראָז, גרינע (ניט געטריקנטע) היי < šékas.

שעָרענען[1] — פפ, טרש, שלוו, בט, שוו, רס; רגוו, פמפ פיטערן (אַ בהמה), קאָרמענען < šérti.

שערענען זיך[2] — פפ, זשג, טרש, שוו, בט, של; פמפ; יורב אַראָפּוואַרפן (פאַרלירן) פעדערן (וועגן אַ הון), האָר (וועגן אַ פערד) < šértis.

שערקשנעס דער — פש געפריר, שניי־גליווער, פריר־טוי < šeřkšnas.

שעשקע — זע שעסקע.

שפאַלעס, ספאַלעס — פפ טרש, בט, זשג, של; דוקשט (איגנאַלינער ראַיאָן); ווַלקוו, שק; ספּיַלעס — פמפ, רגוו, שט, קוור דער אויסקעס, די אָפּפאַל ביַים ברעכן פלאַקס. אויפן בוידעם פלעגט מען דאָס שיטן אויפן סופיט, עס זאָל זיַין וואַרעמער אין שטוב < spãliai.

שפּאָנגאַלעס מצ — פפ, טרש, מושק, זשג; עסטלאַנד; שפּאָנגאַלעס — בט, שלוו; ספּאַלגענעס, שפּאַל־גענעס — פמפ, רגוו, פנוו, וולק, ברז; שפּאָנגעלעס — סטוטשקאָוו 1950: 226 זשוראַווינעס; אין קאָמפּאָט לייגט מען אַריַין שפּאָנגאַלעס (עסט) < spañguolės, spalĩgenos. ליטוויש דיאַל. on< an זע XI, 6.

שפייגע, ספייגע די — פפ, טרש, שוו, ישג; ברז, פש גרויסער פראָסט < spéigas.

שפּראַגאַלעס דער — בט דרעש־שטעקן, ציפּ < sprãgilas.

שקואיעס, שקועס מצ — זשג, פלנג, קורלאַנד (וויַינרײַך 1923: 202) אָפּגעהאַקטע נאָדל־צוויַיגן אויף צו באַדעקן די סוכות, סכך < skùjos.

שקורלע די — פפ, טרש, שלוו, שוו, בט; רגוו, פש שמאַטע, טראַנטע < skurlis, דיאַל. škurlis.

שקיץ — פפ, טרש, שלוו, זשג, שט, קורלאַנד (וויַינרײַך 1923: 240), סטוטשקאָוו 1950: 356 אינטעריעקציע אויף צו (פאַר)טריַיבן אַ קאַץ (וולק פּסיק, סטוטשקאָוו 1950 פּשיק). אין זאַמעט אויך שקאַץ < škic און škac; לעט. škic, skic.

שקערדז — זע סקערדז.

שקראַבע די, דער — פפ, טרש, שלוו, זשג; שקראַבאַלע — פפ, טרש, שקד, זשג, של — אַלטער, אויסגעדאַרטער, קראַנקער מענטש (מאַן אָדער פרוי), זעלטענער: בהמה; אַ זאַך, וואָס האַלט ביַים צעשטערט, חרוב ווערן, ביַים איַינפאַלן < skrãbis, skrãbė, skrãbalas; דיאַל. -bė, škrabis, škrãbalas.

שקראַנדע די — זשג; סקראַנדע —(לייבל 1926: 80) אַלטע פרוי, שקראַנדלע — אַלטער, צעבראָכענער חפץ (טיש, שטול, כלי...); אַלטע פרוי קורל (קלמנאָוויטש 1926: 187; שקראָנדע ד.ז. קורלאַנד (מ. וויַינריַיכס הערה צו שקראַנדלע, קלמנאָוויטש 1926). < skránda 'אַלטער, אויסגעדאַרטער מענטש (אָדער אַזאַ בהמה); לעט. skránda (1 'אַלטע קליידער, שמאַטעס'; (2 'לומפּ (אַ זידלוואָרט)'. וויַינריַיכס אָנגעגעבענע פאָרם שקראָנדע קען זיַין פון זשעמיַיטישן (זאַמעטער) ליטוויש, וואו אַ טייל זשעמיַיטן האָבן on <⁄ an. היות ווי דאָס יידישע וואָרט איז פאַרשריבן בלויז אין זשאַגער, אויפן גרענעץ מיט לעטלאַנד (קורלאַנד), זעט אויס, אַז דאָס איז אַ וואָרט פון קורלענדער יידיש.

שקרעמבע די — קורלאַנד (וויַינריַיך 1923: 240) אַלטע פרוי. וויַינריַיך וויַיזט אָן, אַז דאָס וואָרט שטאַמט פון פויליש, אָבער עס איז ניט אָנגעגעבן דער פוילישער פראָטאָטיפּ. דער אָפּשטאַם קען זיַין אַ ליטוויש־לעטישער < skrámba 'אַן אַלטער אויסגעדאַרטער מענטש אָדער אַזאַ בהמה'; לעט. skreble, skreblis 'אַלטער, אָפּגעלעבטער, אויסגעדאַרטער מאַן אָדער אַזאַ פרוי' (מילענבאַך III: 890); ליט. skrèbti, איצט. skrem̃ba (דיאַל. 'ווערן אויסגעדאַרט (אויף דער עלטער)'.

# צוגאָב
## יידישע פּרעמדשפּראַכיקע און מישפּראַכיקע לידער אין ליטוויש

אין פאַרשריבענעם יידישן פאָלקלאָר זיינען פאַראַן מערשפּראַכיקע טעקסטן, למשל רוסיש און יידיש; העברעאיש, יידיש און ווייסרוסיש. צווישן זיי געפינען מיר אויך אַ פּאָר ליטווישע וואַריאַנטן.

אין פאַרשידענע טיילן פון ליטע פלעגט מען אַמאָל דאָס באַקאַנטע ליד פון דער הגדה „אחד מי יודע" זינגען אויך אויף ליטוויש . דעם ליטווישן טעקסט, ניט ביזן סוף, האָט פאַרעפנטלעכט ש. באַסטאָמסקי (1923: 105), אויך דער פּנקס (1922: 984) אין אָפּטייל „יידישע לידער אין אַנדערע שפּראַכן". דער טעקסט איז, ווי עס שיינט, פאַרשריבן אין ווילנער אומגעגנט, אָבער אַזוינס האָט מען אַמאָל געקענט הערן אויך אין זאַמעט און מזרח ליטע. די פראַגע, פאַרוואָס יידן האָבן דערביי באַנוצט אויך פרעמדע שפּראַכן, באַהאַנדלט י. גאָלדבערג (1928:

| | |
|---|---|
| ווער וויים איינעם? איינעם וויים איך: | Kas žino vieną? Vieną aš žinau: |
| איין גאָט, וואָס זיצט אויפן הימל, | Vienas Dievas, danguj sėdįs, |
| קיניגט, קיניגט. | Karaliauja, karaliauja. |
| ווער וויים צוויי? צוויי וויים איך: | Kas žino du? Du aš žinau: |
| צוויי לוחות, איין גאָט, וואָס זיצט אויפן הימל, | Dvi toblyčios, vienas Dievas, danguj sėdįs, |
| קיניגט, קיניגט. | Karaliauja, karaliauja. |
| ווער וויים דריי? דריי וויים איך: | Kas žino tris? Tris aš žinau: |
| דריי אבות, צוויי לוחות א.א.וו. | Trys tėveliai, dvi toblyčios א.א.וו. |
| ווער וויים פיר? פיר וויים איך: | Kas žino keturis? Keturis aš žinau: |
| פיר אמהות א.א.וו. | Keturios moterėlės א.א.וו. |
| ווער וויים פינף? פינף וויים איך: | Kas žino penkis? Penkis aš žinau: |
| פינף ביבליעס (חמשה חומשי תורה) א.א.וו. | Penkios biblijos א.א.וו. |
| ווער וויים זעקס? זעקס וויים איך: | Kas žino šešis? Šešis aš žinau: |
| זעקס משנה (ששה סדרי משנה) א.א.וו. | Šešis mišna א.א.וו. |
| ווער וויים זיבן? זיבן וויים איך: | Kas žino septynis? Septynis aš |
| דער זיבעטער טאָג איז שבת א.א.וו. | žinau: |

אין ש. גינזבורגס און פּ. מאַרעקס יידישע פאָלקס־לידער אין רוסלאַנד, פּעטערבורג 1901, איז אונטערן נומער 353, זז. 301-311, פּובליקירט אַ מערשפּראַכיק שפּאַסיק פאָלקסליד: רוסיש, פּויליש, ליטוויש (מיט הערה по-жмудски), יידיש, זשעמײַטיש־ליטוויש (מיט הערה по-литовски). דער ליטווישער טעקסט און דער זשעמײַטישער (זאַמעטער) טעקסט אונטערשיידן זיך זייער ווייניק, נאָר אין זשעמײַטישן טעקסט זיינען דאָ מער שפּראַך־פעלערן. מיר וועלן דאָ געבן דעם יידישן און ליטווישן טעקסט. דאָס ליד איז פאַרשריבן אין קאָוונער גובערניע, אין אונדזער געגעבענעם ליטווישן טעקסט זיינען געמאַכט מינימאַלסטע שפּראַך־פאַרבעסערונגען.

583-606). ליטווישע וואַריאַנטן פון דעם טעקסט קען מען געפינען אין דער זאַמלונג פאַר ליטואַניסטיק Tauta ir žodis („פאָלק און וואָרט") v, 629 א. וו. דאָס דאָזיקע ליד איז באַקאַנט מערערע יאָרהונדערטער אויף לאַטייניש, פּויליש און, עס קען זיין, אויך אויף אַנדערע שפּראַכן.

די צוויי פּובליקאַציעס פון „אחד מי יודע" אויף ליטוויש ביי ש. באַסטאָמסקי און אין פּנקס זיינען אידענטיש. יידן האָבן דעם טעקסט געזאָגט פאַרשידן, די ענדונגען פון די ווערטער זיינען ניט די זעלביקע צוליבן פאַרשידענעם קענען ליטוויש, דאָ ווערט געגעבן אַ וואַריאַנט מיט מער אויסגעהאַלטענע ליטווישע ענדונגען.

מער איז ניט פאַרשריבן ניט ביי באַסטאָמסקי, ניט אין פּנקס.

דער ליטווישער, קאַטוילישער וואַריאַנט פון „אחד מי יודע" הייבט זיך אָן ווי דער יידישער: איין גאָט אין הימל קיניגט, צוויי לוחות הברית (dvi toblyčios Maižiešiaus), דריי אבות (trys patriarchai), אָבער אָנהייבנדיק פון פערטן גייט ער אַוועק פון יידישן טעקסט: פיר עוואַנגעליסטן, פינף קריסטוסעס וואונדן א.א.וו.